STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01929

IN DER MEHITSEH FUN SHAFER

Abraham Lis

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם ליס

✶

אין דער מחיצה פון שאַפער

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל תשל״ח — 1978

אברהם ליס

אין
דער
מחיצה
פון
שאַפער



מנחם־מענדל דער צווייטער

בית שלום־עליכם, אין ווערמענס אַרכיוו ס׳איז אײַנגעזאַמלט געוואָרן שלום־עליכמס ליטעראַרישער גוטס, די עפּיסטאָלאַרע ירושה, — אויף וויפל ס׳איז מעגלעך געווען ביז איצט צו דערגרייכן, — טרעט צו אַרויסצוגעבן די שלום־עליכם־ווערק, וואָס זענען ביז הײַנט ניט אַרויס אין בוכפאָרעם.

דעם פּרטימדיקן פּלאַן, וואָס און ווי אַרויסצוגעבן, האָט מאָנטירט און איבערגעלאָזט שלום־עליכמס געטרײַער איידעם, דער שרײַבער און מײַסטע־רישער איבערזעצער פון שלום עליכמען אין העברעיִש י. ד. בערקאָוויטש. דער פּלאַן זעט פאָר אַרום 10—12 בענד אין וועלכע עס דאַרפן אַרײַן ראָמאַנען, דראַמעס, דערציילונגען, פעליעטאָנען, ליטעראַטור־קריטיק, רעפּאָרטאַזשן, ווי אויך אַ צאָל איבערזעצונגען וואָס זענען בשעתו געדרוקט געווען אין פאַרשיידענע צײַטונגען און צײַטשריפטן און נעמען אַרום כּמעט די גאַנצע תּקופה פון שלום־עליכמס שאַפן, פון דער ערשטער צײַט ביז עטלעכע יאָר פאַר זײַן פּטירה. אין אַ סך פון די שאַפונגען האָט שלום־עליכם נאָכן ערשטן אָפּדרוק געמאַכט קענטיקע שינויים און אַרײַנגעפירט סטיליסטישע און שפּראַכלעכע אויסבעסערונגען.

„מנחם־מענדל״ — „צווייטער טאָם״ — ווי שלום־עליכם האָט אָנגערופן די סעריע בריוו, וואָס ער האָט געשריבן אין יאָר 1913, איז סײַ אַ המשך פונעם פריִערדיקן, אַ המשך פונעם ווילבאַקאַנטן מנחם־מענדל, סײַ אַ ווערק פאַר זיך, וואָס איז אָפּגעשלאָסן און געבונדן צו אַ צײַט און אַ סביבה. ס׳איז דער אייגענער צעפליגלטער, אימפּעטדיקער מנחם־מענדל. ניט מער, דאָ אין וואַרשע איז מנחם־מענדל אַ פּאָליטיקער, אַ כּלל־טוער, אַ וועלט־פאַרזאָרגער, און דערצו איז ער אַ שרײַבער, אַ צײַטונגסמענטש, וואָס טײַטשט אויס און קאָמענטירט די וועלטנײַעסן און די ייִדישע באַדרענגענישן, קלעמענישן, גערודערן און דערוואַרטונגען. — — ס׳איז דאָך ערב דעם ערשטן וועלט־קריג, וואָס דערווײַלע גייען נאָך אָן, ווי אַ פאָרשפּיל צו דער גרויסער מלחמה־דראַמע, די קליינע רײַסערײַען און מלחמהלעך אויפן באַלקאַן, טערקײַ און בולגאַריע און מאַקעדאָניע און רומעניע, און מנחם־מענדל שווימט דאָ

אין דעם ים פון פּאָליטיק און סטראַטעגיע, אין אַ וועלט פון קאָמבינאַציעס — און ער זוכט לייזונגען. אין זײַן שטענדיקן אומרו פּלאָנירט ער, באַלאַנסירט ער צווישן אומות און פעלקער, צווישן לענדער און מדינות, אַ קיסר אַראָפּ, אַ מיניסטער אַרויף און אַלץ פאַרשטייט זיך, אויפן גרויסן פאַרנעם, און אַוודאי דאַרף מען פאַרזאָרגן אַ תּכלית פאַר ייִדן, פאַר ייִדיש־פאָלק, אָט ווי מנחם־מענדל קען עס, אין זײַן צעפלאַטערטער אויסגעחלומטקייט. נאָך פון יענע יאָרן, בעת ער האָט געהאַנדלט און קאָמבינירט אויף דער בערזע אין יעהופּעץ, ווי שלום־עליכם שטעלט אים פאַר איצט אין „לכה דודי״ (זײַט 174):

הערט אַ נײַעס וואָס האָט געטראָפן,
אין מיטן וואַרשע זיך פאַרלאָפן:
ס'איז דאָ אַ ייִד — מנחם־מענדל —
ער פלעגט פאַרנעמען זיך מיט הענדל,
אַ מאָל געהאַנדלט אין אָדעס,
געשפּעגעלירט אויף „האָס״ און „בעס״,
מעקלערײַען, קאָמבינאַציעס,
פּאַפּירן, אַקציעס, אָבליגאַציעס.

נאָר דאָס איז אַלץ געווען אַ מאָל, מיט יאָרן,
הײַנט איז ער אַן אַנדער מענטש געוואָרן,
טע — טע — טע! שוין גאָרניט דער מנחם־מענדל,
גייט ניט אויף דער בערזע פאַר קיין רענדל,
ער שרײַבט שוין בעסער אויף גאַזעטן
מיט אַלע שרײַבערס און פּאָעטן,
פון פּאָליטיקע, מלחמות
און פון ייִדישע נחמות
און פון וואָס דען שרײַבט ער ניט?
ער האָט געכאַפּט דעם רעכטן שניט.

מנחם־מענדל האָט כּידוע שוין זינט לאַנג זיך געריסן צו ווערן אַ שרײַ־

בער, שוין אין דער ערשטער סעריע בריוו (1908—1909) לאָזט ער וויסן זײַן שיינע־שיינדל אַזוי צו זאָגן:

„...והשנית הנה זײַ וויסן, אַז איך האָב אַוועקגעוואָרפן אַלע געשעפטן, אַן עק, אויס בערזע, אויס סעמעדעני, אויס מעקלערײַ — ס'איז גאָלע שווינדל מיט כאַפּעריי, מיט בזיונות, מיט דער שוואַרץ־יאָר ווייסט וואָס! איך האָב שוין הײַנט אַ נײַע פּרנסה, אַ שפּאָגל נײַע פּרנסה, אַ ביסל אַ שענערע און לײַטישערע פּרנסה — איך בין געוואָרן למזל אַ שרײַבער. איך שרײַב! וועסטו דאָך מסתמא פרעגן, ווי קום איך צו שרײַבערײַ? — ס'איז מן השמים" („אַ בכבודע פּרנסה").

אין יאָר 1913 פּירט שלום־עליכם אַריבער מנחם־מענדלען קיין וואַרשע. ער נעמט אים אַרויס פון אַלע היציקע ניט־געשטויגענע פּרנסות, מעקלערײַען, שדכנות, בערזעס, ער ברענגט אים צוריק פון ניו־יאָרק, אויך דאָרט איז ער שוין געפּרווט געוואָרן מיט אַלע עמיגראַנטישע ביטערנישן, און באַזעצט אים אין וואַרשע. אַ קלייניקייט — וואַרשע! און דאָ לעבט ער אויף, מנחם־מענדל, ווי אַ שרײַבער אין רעדאַקציע, ס'איז טאַקע דער זעלביקער מנחם־מענדל, און ניט דער זעלביקער. עס צאַפּלען ווידער קאָמבינאַציעס און פּלענער און כל־מיני רעיונות, אָבער דאָ זענען זיי געלײַטערטער, זייער פּלי איז אַן אַנדערער. מנחם־מענדל וויל פאַרזאָרגן ניט נאָר כתרילעווקע און יעהופּעץ, ער נעמט זיך אָן אויך די קריוודע פון אומות און פעלקער... ער פּילט אַז שטאַרקע מושלים באַגייען עוולות לגבי זיי — —

נאָר איבער אַלעם לויכט אַרויס דער וואַרעמער, האַרציקער מנחם־מענדל מיטן אייביקן פּונק פאַר יושר און גערעכטיקייט. ס'איז אונדזער היימישער, יידישער מנחם־מענדל. ער איז ניט בלויז דער איינציקאַרטיקער העלד פון שלום־עליכמס שאַפן. זינט שלום־עליכם האָט אים אויסגעפורעמט, איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דויערנדיקע, אַן אייביקע געשטאַלט אין דער יידישער וועלט.

„מנחם־מענדל, שלום־עליכמס אומשטערבלעכער פּאַרשוין — שרײַבט י. ד. בערקאָוויטש אין דער הקדמה צו זײַן ראָמאַן ,מנחם־מענדל אין ארץ־ישראל' (י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, ת"א 1973) — איז אַזוי ווײַט אַרײַן אין פליייש און בלוט פונעם יידישן לעבן, אַז ער עקסיסטירט שוין מער ניט ווי דער

געשאָפּענער איינצלנער טיפּ פון זײַן גרויסן מײַסטער, נאָר ער לעבט אין דער פאָרשטעלונג פונעם פאָלק ווי אַ סימבאָל פון אַ גאַנצן קאָלעקטיוו, פון אַ באַזונדערן קלאַס יידישע מענטשן, וואָס גייען דורך זייער וועלט אָן אַ ממשותדיקן באָדן אונטער זייערע פיס: זייערע פרנסות זענען פון לופט, זייערע געבײַדעס ווערן געבויט אויף לופט, זייערע געדאַנקען און פאַנטאַזיעס דרייען זיך אין לופט, און זייער גאַנצע עקסיסטענץ אויף דער ערד איז אַ לופטיקע און אַ ווינטיקע — אויפגעקומען פון לופט און אַוועקגעבלאָזן מיטן ערשטן ווינט״.

אַוודאי, לופטיק און ווינטיק, אָבער מנחם־מענדל, ווי מיר זעען אים, ווי מיר פילן אים הײַנט, איז דער געהויבענער אומרו, דער פּאָזיטיווער אומרו פון פאָלקישן געמיט. מנחם־מענדל בלײַבט ניט שטיין. אונטער זײַנע הענט צעטײַעט זיך דער גליוועך, און אַ דורכפאַל, און ווו האָט ער ניט קיין דורכ־פאַל — צעטומלט אים טאָקע, דערשלאָגט אים, אָבער נאָר אויף אַ ווײַל, אָט הייבט ער זיך ווידער אויף און ער פאַרמעסט זיך אויף ס'נײַ מיט פרישע פּלענער און קאָמבינאַציעס. מנחם־מענדלס זענען צו מאָל געווען די פּיאָנערן און פאָרמירערס פון גרויספּאַרנעמיקע פּראָיעקטן, פון אידעען און באַוועגונ־גען אין יידישן פאָלק. זיי האָבן אינסטרוירט מיט זייער פאַנטאַסטישן פלי, באַווירקט די ניכטערע און תּכליתדיקע. מנחם־מענדל איז דער אימפּעטדיקער, צעצונדענער פלאַטער פון אַלע אונדזערע אויפטוען, ער באַנעמט דעם וועג פאַר די מיושבדיקע, פאַר די אָפּגעהיטענע בעלי־מעשה.

אַזאַ זעען מיר אים אין איצטיקן בוך אין דער צווייטער בריווסעריע „מנחם־מענדל (ניו־יאָרק, וואַרשע, ווין און יעהופּעץ)״. ס'איז מנחם־מענדל, וואָס ניט די כּתרילעווקער אָרעמקייט, ניט דער ביטערער דלות דריקט אויף אים, נאָר די אומרוּיִקע צײַט פון פאַרן ערשטן וועלטקריג האַלט אים געשפּאַנט, ער זוכט מיטלען און וועגן אויסצובעסערן די וועלט און די יידישע מערכה.

ווי אַזוי איז אויפגעקומען אָט די לעצטע מנחם־מענדל־בריווסעריע, וואָס און ווער איז געווען דער גורם פון אָט דעם מנחם־מענדל־המשך. אַוודאי האָט די געשטאַלט ניט אָפּגעלאָזט שלום־עליכמען. ער האָט אים תּמיד געהאַט פאַר זיך. ער האָט מנחם־מענדלען דערזען אויף אַ סך שטחים און אין פאַר־ שיידענע אומוואַנדלונגען. שרײַבט דאָך שלום־עליכם אין דער הקדמה צו דער

צווייטער אויפלאַגע פון ערשטן „מנחם־מענדל" (נערווי, ערב חנוכּה תר"ע):
„מנחם־מענדל איז נישט קיין העלד פון אַ ראָמאַן און איבערהויפּט נישט קיין אויסגעקלערטע פיגור. דאָס איז נעבאַך אַ ייִד פון אַ גאַנץ יאָר, מיט וועלכן דער פּאַרפאַסער איז פּערזענלעך און נאָענט באַקענט, ער איז דורכגעגאַנגען מיט אים אַ שטיק לעבן פון כּמעט צוואַנציק יאָר".

אין „אונדזערע ראשונים", זכרונות־דערציילונגען וועגן שלום־עליכם און זײַן דור (באַנד ה', קאַפּיטל ט') דערציילט י. ד. בערקאָוויטש די געשיכטע פון — ווי ער רופט אָן דעם קאַפּיטל — „דער צווייטער מנחם־מענדל". שלום־עליכמס קראַנקהייט האָט זיך אין יענער צײַט פאַרשאַרפט און די דאָקטוירים האָבן אים פאַרזאָגט פולשטענדיקע רו... די צוויי חדשים רו, וואָס דער ווינער פּראָפעסאָר האָט אים פאַרשריבן, זענען שוין רעדוצירט געוואָרן אויף איין חודש — און דעם איין חודש האָט ער אויך קוים אויסגעהאַלטן. ניט שרײַבן איז פאַר אים געווען ניט קיין אָפּרו, נאָר אַן אָפּקומעניש — אַן אויסגעליידיקט, אומעטיק לעבן — —

„וואָס הייסט ניט שרײַבן? — האָט ער יענעם ווינטער געפּרעגט אין איינעם פון זײַנע בריוו צו ש. ניגערן — ווי שטייט עס אויף אַ מענטש אין דער פרי, עסט און טרינקט! גייט אַרום — און שרײַבט ער ניט".

שלום־עליכם האָט דעמאָלט אינטענסיוו זיך ווידער גענומען צום שאַפן, זיך פאַרטיפט אין זײַן אויטאָביאָגראַפיע, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן נאָך מיט אַ צײַט צוריק אונטערן טיטל „טריט בײַ טריט".

דערציילט י. ד. בערקאָוויטש:

„...עס האָט אים ווידער גענומען ציִען צום ברייטן לעבעדיקן עולם, פאַר וועמען ער האָט זיך ניט באַוויזן שוין באַלד פיר חדשים, זינט ער האָט פאַרענדיקט אינעם ,הײַנט' זײַן ,בלוטיקן שפּאַס', איצט אָבער, נאָך שאַרפער ווי פריִער, האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס זאָל ער אַזעלכעס שרײַבן פאַרן ,הײַנט' אַז יאַצקאַן זאָל עס וועלן געברויכן? וואָרעם אָט האָט יאַצקאַן ווידער אויפגעוועקט זײַן אַלטן חלום, אַז שלום־עליכם מוז אַרויספירן אינעם ,הײַנט' זײַן מנחם־מענדלען ווי אַ פּאָליטיקער.

איצטיקס מאָל האָט שלום־עליכם זיך געלאָזט אײַנרעדן, ער האָט מיר צוגעשיקט יאַצקאַנס בריוו און זיך מיט מיר מישב געווען: וואָס ענטפערט

מען אים דערויף? און איך דאַרף מיך דאָ מודה זײַן, אַז אַ ביסל האָב איך אויך גורם געווען דערצו, שלום־עליכם זאָל אַרויספירן מנחם־מענדלען אינעם ,הײַנט׳ — כאָטש ניט אין אַזאַ געשטאַלט ווי יאַצקאַן האָט אים געוואָלט זען. ער איז אָבער דאָך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט אָן איבעריקן חשק, ער האָט אונדז וועגן דעם אַזוי געשריבן: ,פון יאַצקאַנען באַקום איך זייער ווייכע בריוו, וועלכע דערמאָנען וועגן מנחם־מענדלען. נאָר איך, דעם אמת זאָגנדיק, קווענקל נאָך אַלץ: מנחם־מענדל איז דאָך אַ פיגור אַ באַוועגלעכע. ווי אַזוי וועל איך אים אַוועקזעצן צום רעדאַקציע־טיש און צווינגען אים איבערגיסן פון פוסטן אין ליידיקן?׳

דער פּלאַן איז געווען אַז מנחם־מענדל, וואָס האָט זיך אָנגעפּלאָגט אין אַמעריקע און צו גאָרנישט דערשלאָגן זיך, פאַלט אַרײַן צוריקוועגס אין וואַרשע, ווערט אַ רעדאַקציע־מענטש אין ,הײַנט׳ און שרײַבט פון דאָרט בריוו צו שיינע־שיינדל זײַן ווײַב וועגן פּאָליטיק און קהלשע ענינים, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין דער צײַטונג, און שיינע־שיינדל פון איר זײַט שרײַבט אים אויף איר שטייגער, ווי אַזוי דאָס לעבן גייט אַצינד אין כתרילעווקע — אין דער פּראָווינץ הייסט עס״.

בערקאָוויטש האָט אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען געפּרוווט פאַר־ברייטערן דעם פּלאַן און אָנגעוויזן אַז מנחם־מענדלס טועכץ דאַרף באַשטיין ניט אין שרײַבן פּאָליטישע חקירות (ווי עס האָט פאַרלאַנגט משמעות דער „הײַנט״־רעדאַקטאָר), וואָס עס פּאַסט זיך ניט צו זײַן כאַראַקטער, נאָר ער אַליין, מיט זײַן לופטלײַערישן אימפּעט, דאַרף ווערן אַ קהלשער טוער, מישן זיך אין כּלל־זאַכן, אין ציוניזם, אין ליטעראַטור, אין געזעלשאַפטלעכע ענינים, און דערמיט אָפּשפּיגלען אין אַ קרומען שפּיגל דעם גײַסטיקן „מנחם־מענ־דעליזם״ פון דער ייִדישער וועלט. עס וועט אויף אַזאַ אופן געשאַפן ווערן אַ נײַער קאַפּיטל פון מנחם־מענדלען — מנחם־מענדל אַלס גײַסטיק געזעל־שאַפטלעכער בעל־חלומות.

דערויף — שרײַבט בערקאָוויטש — האָט אים שלום־עליכם געענט־פערט: „אײַער בריוו האָט פּונקט צוגעטראָפן צו מײַנע פּלענער. איך האָב שוין אָפּגעשיקט אין דער רעדאַקציע צוויי בריוו מנחם־מענדלס און ווי מיר וואָלטן זיך מיט אײַך, טײַערער בערל, צונויפגערעדט. ווירקלעך, מנחם־מענדל

האָט מיך שוין פאַרכאַפּט און איך זע פאָרויס פאַר אים אַרבעט ניט נאָר אויף איין יאָר — אַבי געזונט — אויף צוויי, דריי און אַפילו אויף מער, פאַרשטייט זיך, אין פאַרשיידענע פּאַזעס און אַנטפּלעקונגען".

שלום־עליכם האָט תּוך זײַן שרײַבן זיך פאַרמאָסטן אויף אַ גרויסצוגיקן פּלאַן. אָבער די מנחם־מענדל־סעריע האָט זיך געצויגן אינעם „הײַנט" בלויז אַרום זיבן חדשים. פונעם 25סטן אַפּריל 1913 ביזן 10טן נאָוועמבער 1913 (פון נומער 86 ביזן נומער 246) און האָט צוזאַמען מיט דעם גרויסן דערפאָלג, וואָס די נײַע בריווסעריע האָט געהאַט צווישן די ברייטסטע שיכטן לייענערס, פאַרשאַפט צו מאָל שלום־עליכמען אויפרעגעניש און פאַרדראָס. די אַרויס־זאָגונגען, די אָפּשאַצונגען פון עטלעכע שרײַבער־קאָלעגעס זענען ווײַט ניט געווען צום האַרצן שלום־עליכמען. גאָר אויפגעבראַכט האָט אים אַ בריוו פונעם רעדאַקטאָר פונעם „הײַנט" ש.י. יאַצקאַן, וואָס נאָך אַ לאַנגער צײַט פון שטילשווײַגן (און דאָס נאָך זײַן דרינגלעכן צושטיין צו שלום־עליכמען ער זאָל ממשיך זײַן זײַן „מנחם־מענדל" אין „הײַנט") האָט ער געשריבן צו שלום־עליכמען צווישן אַנדערן (בריוו פון 8טן מײַ 1913) : „איר האָט בשום־אופן נישט געטאָרט מאַכן אײַער מנחם־מענדלען פאַר אַ מיטאַרבעטער אין רעדאַקציע, נאָר פאַר אַ לאַקיי, וואָס הערט פון דער ווײַטנס וואָס מען רעדט, כאַפּט אַ וואָרט און פאַרשטייט און צעטײַטשט דאָס אויף זײַן לשון און באַגריף. דאָס וואָלט געמאַכט די בריוולעך באמת קאָמיש, אָבער ווען ער איז אַ מיטאַרבעטער, קומט אויס לעכערלעך ווי אַזוי אַ מיטאַרבעטער פון אַ צײַטונג רופט למשל סקוטאַרי סקעטאַריע וכדומה. נאָר מילא, פאַרפאַלן. סוף־כּל־סוף זײַט איר דאָך שלום־עליכם און איך האָב אַ שטאַרקע אמונה אין אײַער גרויסן טאַלאַנט, אַז ער וועט געפינען זײַן וועג בכל־אופן שהוא".

שלום־עליכם האָט זיך געפילט געטראָפן, הן פון דעם געדאַנק אַז זײַן בריהדיקער, פאָלקסטימלעכער מנחם־מענדל האָט באַדאַרפט — לויטן רע־דאַקטאָרס אײַנזען — ווערן אַ לאַקיי אין רעדאַקציע, הן פון דעם קאָמיש, וואָס וואָלט געמאַכט די בריוולעך...

עטלעכע טעג שפּעטער (דעם 31סטן מײַ 1913) ענטפערט שלום־עליכם ש.י. יאַצקאַנען בזה־הלשון: „איך מוז מודה זײַן, איך האָב אײַער בריוו ניט פאַרשטאַנען. קודם־כּל האָב איך ניט געקאָנט איבערלייענען אַ וואָרט ,לאַקיי'.

וואָס הייסט איך זאָל מאַכן מנחם־מענדלען פאַר אַ לאַקיי?(!) דערנאָך זאָגט איר: אַ פעלער, וואָס איך האָב אים באַזעצט אין רעדאַקציע, ניט קיין פעלער, נאָר אַ מעלה. און אָט פאַר וואָס, וואָס ער רעדט מיט גרײַזן? איז ערשטנס מנחם־מענדלס טבע אַזאַ, אויף דער בערזע האָט ער אויך פאַרדרייט די טעכנישע בערזע־ווערטער — והשנית זוכט נאָר גוט, וועט איר אפשר געפינען בײַ אײַך אין דער רעדאַקציע אַזעלכע מיטאַרבעטערס וואָס זענען ניט מער גראַמאַטיאַקעס פון מנחם־מענדלען — נאָך אַ מעלה וואָס מנחם־מענדל איז אין דער רעדאַקציע גופא: ניט פאַרגעסט אַז די מלחמה וועט אַ מאָל ענדיקן זיך, וואָס וועט איר טאָן מיט מנחם־מענדלען? וועט איר אים שיקן אין דער ,דומע׳? צי אין דער גמינע, צי אויף דער פראָווינץ, צי קיין אויסלאַנד אויף קאָנגרעסן — ניין. מנחם־מענדל מוז זײַן אַ מענטש אין דער רעדאַקציע״. שלום־עליכמען האָט אָט די באַמערקונג, זעט אויס, אַזוי געקרענקט, אַז ער קערט זיך ווידער אום צו איר אין אַ בריוו צו יאַצקאַנען און שרײַבט: „שיינע־שיינדל די טאָפּ־יידענע מיט אירע ווערטלעך ,ווי די מאַמע זאָגט׳ פאַרמאָגט אין נאָגל מער שׂכל ווי אַנדערע חכמים״...

אין דער זעלביקער צײַט, נאָכן אָפּדרוקן די ערשטע מנחם־מענדל־בריוו, האָט אויך שלום־עליכמס נאָענטער פרײַנד י. דינעזאָן געשריבן צו שלום־עליכמען (בריוו פון 15טן מײַ 1913):

„ליבער טײַערער פרײַנד ר׳ שלום־עליכם!

איר פרעגט צי לייען איך אײַערע מנחם־מענדלס פּאָליטישע בריוו. ווי זאָגט יענער אין דער הייליקער גמרא: ,אוי לי אם אמר, ואוי לי אם לא אמר!׳. אונדז, אײַערע אמתע פרײַנד — איך מיין מיט זיך אויך פרצן, טוט שטאַרק לײַד, וואָס איר האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון יאַצקאַן, און איר — האָט קיין פאַראיבל ניט — האָט פון אײַער גאָלדענעם מנחם־מענדל אַלס אַזעלכער, מיט זײַנע ערנסטע לאַנגאָנעדיקע בריוולעך פון דער בערזע און גאָלדענע ספּעקולאַציעס, געמאַכט צו קליינגעלט און וואַכעדיק, צוליב יאַצקאַנס קאָנקורענץ מיטן „מאָמענט״ און מיט דעם בטלנישן וואַסערדיקן יהואשזאָן — איר פאַרשטייט אַליין, און עס טוט מיר ווײי דאָס האַרץ מאריך צו זײַן אין דער דאַזיקער הכשלה״ — —

אויף אָט דעם בריוו פון י. דינעזאָן (ווו ער האָט אויך אויסגעדריקט די

מיינונג פון י. ל. פּרצן) ענטפערט שלום־עליכם באריכות (בריוו פון 1913.6.9).
מיר נעמען אַרויס עטלעכע שטעלן:

טײַערער פרײַנד דינעזאָן,

ענטפערן אײַך נאָך אַ מאָל אויף אײַער האַרציקן בריוו וואָלט איך אייגנט־לעך ניט באַדאַרפט. איין מאָל געענטפערט, איז גענוג (איך מיין דאָס וואָס מנחם־מענדל האָט אײַך געענטפערט פאַרגאַנגענעם פרײַטיק אין „הײַנט"*), נאָר איך מוז אײַך ענטפערן דורך אַ בריוו, ווײַל איר האָט מײַן ענטפער געוויס ניט געלייענט, אַזוי ווי איר לייענט ניט אַלע בריוועלעך פון מנחם־מענדלען, און אַז איר לייענט ניט איז דאָך „יאַווגע ויאַסנע", ווען איר וואָלט יאָ לייענען וואָלט איר דאָך ניט געשריבן דאָס, וואָס איר האָט געשריבן, און דאָס פאַרדריסט מיר זייער, ניט דאָס וואָס איר קריטיקירט, איר מעגט אײַך זאָגן, אַז מנחם־מענדל איז אַ בהמה און אַז שלום־עליכם קען ניט שרײַבן און וואָס אין דער קאָרט, נאָר ניט דאָס וואָס איר האָט געשריבן — —

שלום־עליכם אַז ער שרײַבט עקסיסטירט בײַ אים ניט קיין פראַגע פון געלט. ער מעג זיך נייטיקן שבנייטיקן, אַז דער רוח זאָל אים נעמען. שלום־עליכם האָט קיין מאָל ניט פאַרקויפט זײַן פעדער פאַר געלט. ער שרײַבט שטענדיק לשמה... ער האָט ליב די אַרבעט בכל לבבו ובכל נפשו... דאָס געזונט און די נשמה און דאָס בלוט, וואָס ער לייגט אַרײַן אין יעדער שורה, אין יעדן וואָרט, קרענק מיט אַלע שלעק, מיט דאָס קוצר ימים, וואָס ער האָט, קומט דאָס אים פונעם שרײַבן, גאָר ניט קוקנדיק אויף זײַן פראָדוקטיוויטעט און אויף זײַן לײַכטן סטיל... וועט דאָס זײַן בײַ אײַך אַ נײַס, אַז מנחם־מענדלס אַ בריוול ווערט איבערגעשריבן און איבערגעלײַטערט מער ווי 10 מאָל — וועט דאָס זײַן בײַ אײַך אַ נײַס.

און דאָס וועט דאָך אַוודאי זײַן בײַ אײַך אַ נײַס, אַז דער איצטיקער מנחם־מענדל, וואָס דרוקט זיך אין ‚הײַנט' איז ניט, שטעלט אײַך פאָר, אַזוי לשם גאַזעט, ווי לשם אַ נײַ קאַפּיטל אינעם בוך, וואָס הייסט ‚מנחם־מענדל' — דאָס וועט זײַן דער צווייטער טאָם, ווו עס ווערט געשילדערט מנחם־מענדל דער לופטמענטש אינעם געשטאַלט פון אַ פּאָליטיקער און כלל־טוער און דאָס

* בריוו נומ' 8.

איז ער אויך דער זעלבער פּליער, דער זעלבער היצקאָפּ, דער זעלבער אידעאַליסט, און דערצו נאָך אַ הומאַניסט און אַ פּאַציפיסט און אַ ׳ייִד׳ וואָס איר ווילט — —

שלום־עליכם האָט קלאָר און באַוווסטזיניק געפורעמט אָט דעם נײַעם, דעם צווייטן מנחם־מענדל, ס׳איז ניט נאָר די השפּעה פון דעמאָלטיקן ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן קלימאַט. דאָ קענטיקט זיך נאָך מער אויס שלום־עליכמס מהותדיקער באַנעם, זײַן ייִדישע אידעען־וועלט. אָט טענהט מנחם־מענדל: „וואָרעם איך אַז איך דערהער דאָס וואָרט ׳ציון׳ אָדער ׳ירושלים׳, כאַפּט מיך אָוועק דער רוח. עס טוט מיך אַ ברען און עס נעמט מיך דורך אַ בענקעניש נאָך אונדזער אַלטער היים און נאָך אונדזער מלוכה, און מײַן נשמה לעכצט, גייט אויס, חלשט נאָך וואָס ניט איז, אַבי אַן אייגנס, כאָטש אַן אייגענעם ייִדישן גאָראָדאָוואָי, כאָטש אַן אייגענעם, אַ ייִדישן פּאַספּאָרט מיט ייִדישע אותיות אָפּגעדרוקט: זה הפּספּורט שייך להרבנו מהר״ר מנחם־מענדל מארץ־ישראל. אוי, ווי דערלעבט מען דאָס! און אין אמתן אַרײַנגערעדט, למאי זאָלן מיר זיך נאַרן? לאָז מען אונדז געבן דרײַצן אַנגאָלעס מיט אַכצן גאָל־וויסטאָנס מיטן גאַנצן לאַנד אַמעריקע אַפילו לאָז מען אונדז אַוועקשענקען, וועלן מיר עס דען אַוועקגעבן פאַר איין שטיקעלע ערד אין ארץ־ישראל? ס׳איז דאָך נאַריש! וואָס וועלן מיר טאָן, למשל, מיטן וירושלים עירך ברחמים תשוב? און מיט ותחזנה עינינו בשובך לציון, וואָס מיר זאָגן דרײַ מאָל אין טאָג בײַם דאַווענען? צי אַ שטייגער וואָס וועט זײַן מיטן ובנה ירושלים עיר הקודש, וואָס אינעם בענטשן? אויסמעקן? אַרויסוואַרפן? טאַקע אַ יושר! — ניין, זוגתי היקרה, ניטאָ קיין נעבעטערס פאַר אונדז ווי ארץ־ישראל״ (בריוו נומ׳ 19).

שלום־עליכם האָט דאָ ניט נאָר אַרויסגעהויבן ציון־בענקעניש. מנחם־מענדל טראַכט תכליתדיק, מיט סאָציאַלן געפיל, ס׳הייסט אַז מיר וועלן דערהאַרן די גאולה; אייגן ערד, אייגן לאַנד. דאַרף דאָ הערשן גלײַכהייט און יושר, מען דאַרף אויסגלײַכן אָרעמע־לײַט מיט גבירים, מען דאַרף שאַפן קאָלאָניעס און שטעט און אַזוי אויפשאַפן זיי, אַז אַלע זאָלן פאַרמאָגן דאָס גלײַכן גוטס, חלק כחלק (זע בריוו נומ׳ 21).

די פאַרדרוסן וואָס שלום־עליכם האָט געהאַט נאָכן אָפּדרוקן די ערשטע

מנחם־מענדל־בריוו האָבן אין גאַנג פון די ווײַטערדיקע קאַפּיטלעך אויסגע־רונען, מחמת זיי האָבן דערוואָרבן אויך די הערצער פון מבינים, שרײַבערס און ליטעראַטור־קריטיקערס. ס׳האָבן אָנגעהויבן אָפּטער אָנקומען ליב־בריוו צו שלום־עליכמען קיין לאָזאַן. די מיטאַרבעטערס פונעם „הײַנט״ האָבן זיך געקוויקט מיט מנחם־מענדלען. כאַראַקטעריסטיש איז דער בריוו, וואָס שמואל ניגער האָט געשריבן צו שלום־עליכמען (ווילנע, דעם 1913.8.29):

„ליבער, איינציקער ה׳ שלום־עליכם,

איך האָב ערשט דורכגעלייענט אײַער מנחם־מענדלס בריוו וועגן דעם „לעפל לשון־קודש״, ווילט זיך מיר פּשוט, עס חלשט זיך, כאָטש איר זײַט, דאַכט זיך, ברוגז אויף מיר — זאָגן אײַך אַ יישר־כּח! און נאָך אַ מאָל: אַ יישר־כּח, ניט ווײַל איך געהער אויך צו די „סמאַרגאָנער״ און די „אַשמיאַ־נער״, נאָר פּשוט, ווײַל איך האָב נחת פון אײַער מנחם־מענדלען, וואָס „זאָגט אַרײַן״ אַן אַנדערש מאָל אַזוי, אַז אַנדערע חכמים און שפּיציקע קעפּ מעגן זיך לערנען בײַ אים (אויב ס׳וועט זיי העלפן). לאָז איך אײַך פון גאַנצן האַרצן גריסן און ווינטש אײַך אַל דאָס גוטס. מײַן פרוי אויך. מיר האָבן עס געלייענט בשותּפות, זענען מיר שיִער ניט געשטאָרבן לאַכנדיק. נאָך אַ מאָל: זײַט געזונט און גריסט אײַערע. עס וואָלט געווען אַ שׂכל און אַ יושר, אַז איר וואָלט אָנגעשריבן, וואָס מאַכט איר אין געזונט.

אײַער אמתער פרײַנד ש. ניגער״

שלום־עליכם וואָלט זיכער דעם „צווייטן מנחם־מענדל״ געפירט אַזוי דורך אַלע ייִדיש־וועלטישע געשעענישן, דורך אַלע וועגן און שטעגן פון ייִדישן גאַנג און ייִדישן גורל, אָבער דער אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אים געטראָפן אויפן סאַמע אומרופלאַץ, אין דײַטשלאַנד, ער האָט דורך אומוועגן און פּלאָגענישן זיך דערשלאָגן ווידער קיין אַמעריקע, ווו דער באָדן איז דאָרט מער ניט געווען פאַר דער געשטאַלטיקונג פון אַט דעם נײַעם מנחם־מענדל, כאָטש עלעמענטן פון מנחם־מענדל־כאַראַקטער געפינען מיר אויך שפּעטער בײַ עטלעכע פון זײַנע העלדן אין די ווייניקע אַמעריקאַנער דערציילונגען. אָבער מנחם־מענדל לעבט (אַזוי אגב האָבן מיר געטראַכט לכתּחילה אָנצורופן דאָס איצטיקע בוך), ווי עס לעבט און ווי עס אָטעמט מיט היותדיקער פרישקייט די וווּנדערלעכע שלום־עליכם־ירושה.

אין דעם בוך קומען אַרײַן 45 בריוו. 28 פון מנחם־מענדל צו שיינע־שיינדלען און 17 פון שיינע־שיינדל צו מנחם־מענדלען, ווי אויך דרײַ בריוו פון מנחם־מענדל צו שלום־עליכמען און אַ בריוו פון שלום־עליכם צו מנחם־מענדלען (1900, 1903, 1904).

די לעצטע דרײַ בריוו־קאַפּיטלעך געהערן צום ליטעראַרישן קלימאַט פון אָט דער סעריע, הגם זיי זענען געשריבן געוואָרן פון שלום־עליכמען מיט יאָרן פריִער פאַר דעם צווייטן מנחם־מענדל. געוויס וועלן די לייענער אויסגעפינען און זיך חידושן, הלמאי דאָס בוך ענדיקט זיך מיט מנחם־מענדלס בריוו באַצייכנט מיטן נומ׳ 29 בעת דער נומ׳ 28 איז בכלל נישט בנימצא. וועגן דעם האָט בשעתו באַמערקט פראָפ׳ חנא שמערוק, אין זײַן אַרײַנפיר צו אַ גרופּע בריוו פון דער לעצטער מנחם־מענדל־סעריע, וואָס איז געדרוקט געוועזן אין „די גאָלדענע קייט״ (נומ׳ 56, ת״א 1966, ז׳ 125), ווי אויך דער ליטעראַטור־קריטיקער ישראל סערעבריאַני אין דעם עסיי „צו דער געשיכטע פון אַ קונסט־ווערק״ („סאָוועטיש היימלאַנד״, יוני 1966, ז׳ 146). ביידע האַלטן עס פאַר אַ גרײַז אין דער נומעראַציע. דער דאָזיקער „גרײַז״ חזרט זיך איבער אויך אין דעם בוך, מחמת דאָס איז דער ריכטיקער נומער פונעם בריוו־קאַפּיטל. טאָ ווו איז דאָך דער 28סטער בריוו? אַוודאי איז געווען אַזאַ בריוו. ער האָט געזאָלט געדרוקט ווערן לויטן ריכטיקן סדר. האָט זיך מיט דעם בריוו פאַרלאָפן אַזוי — ווי עס שרײַבט צו שלום־עליכמען דער אַרויסגעבער פונעם „הײַנט״ נח פינקלשטיין (דעם 24סטן נאָוו׳ 1913).

„ידידי! אײַער לעצטן פעליעטאָן, דאָס 28סטע בריוול פון מנחם־מענדלען איז שוין געווען אָפּגעזעצט, נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער קאָן נישט געדרוקט ווערן. מיר האָבן באַקומען אַ ווונק פון דער צענזור און מיט דער צענזור קאָן מען איצט בײַ אונדז קיין חכמות נישט מאַכן. איר ווייסט דאָך ווי שטרענג ס׳איז איצט. דעם „פרײַנד״ האָט מען טאַקע פאַרמאַכט און מיר האָבן מורא צו ריזיקירן. דעם אָפּגעזעצטן פעליעטאָן שיק איך אײַך צו״*.

דער בריוו (קאַפּיטל 28) איז אָבער משמעות קיין מאָל נישט אָנגעקומען.

---

* די אָריגינאַלן פון די ציטירטע בריוו געפינען זיך אין אַרכיוו פון בית שלום־עליכם.

דאָס בוך איז צוגעגרייט געוואָרן פון אַ קאָמפּלעט „היינט"־אויסשניטן, וואָס געפינט זיך אין אַרכיוו פון בית שלום־עליכם. ס'איז דער איין און אייב־ציקער קאָמפּלעט אין וועלכן שלום־עליכם אַליין האָט קאָרעגירט און אויס־געבעסערט דעם טעקסט. איז דער מאַטעריאַל בבחינת אַ מאַנוסקריפּט פון שלום־עליכמס פעדער און דער טעקסט איז אַזוי אַרום געבוי ווי שלום־עליכם האָט אים מאַנטירט.

וואָלט דער איצטיקער מנחם־מענדל־בוך צוגעגרייט געוואָרן דורך שלום־עליכמען אַליין, ביי זיין לעבן, איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אַ רײַ שטעלן וואָלט שלום־עליכם געקירצט, רעדאַגירט, איבערגעשטעלט, ווי ער האָט עס געטאָן מיט דעם בוך פון זיין ערשטן מנחם־מענדל. מיר האָבן זיך דערלויבט בלויז צו קאָרעגירן דרוקפעלערן, די פונקטואַציע און אָנצווועגדן די מאָדערנע ייִדיש־אָרטאָגראַפיע. מיר האָבן אָבער בכוונה ניט אוניפיצירט דעם אויסלייג און איבערגעלאָזט ניט נאָר די ספּעציפישע אויסדרוקן נאָר אויך די ווערטער־פאַרקריפלונגען, וואָס טראָגן אין זיך אַ באַזונדערן טעם און באַטײַט. מנחם־מענדלס שפּראַכקנייטשן פאַרמאָגן צו מאָל דעם אייגנטימלעכן זין און די משמעות פון טוביה דעם מילכיקערס פאַרדרייטע אויסטײַטשן פון די חומש־און מדרש־פּסוקים... קיין ספק ניט, מנחם־מענדל און טוביה וואָס זענען לכאורה אַזוי ווײַט איינער פון אַנדערן, קומען זיי זיך דאָך צונויף אין זייער שייכות הן מיט זייער טראַגיזם, הן מיט זייער ייִדישער גורלדיקייט. איןביידן גלימערט אַזאַ זעלטענער אָפּטימיזם און אַלט־ייִדישער בטחון — —

אַרײַנפיר צום בוך „מנחם מענדל דער צווייטער", תל־אביב, 1976

שלום־עליכמס פעליעטאָנען

למען־האמת ווייסן מיר ניט פאַר וואָס שלום־עליכם האָט אָט די מעשׂיות־כאַראַקטעריסטיקעס און מאָנאָלאָגן אָנגערופן פעליעטאָנען. אפשר טאַקע נאָר דערפאַר ווײַל ער האָט זיי לכתּחילה געשריבן פאַר צײַטונגען, אין וועלכע ער האָט מיטגעאַרבעט, און די רעדאַקטאָרן, די באַלעבאַטים פון די „גאַזעטן״, האָבן בקול פאַרלאַנגט און געפאָדערט: שרײַבט פאַר אונדז אַ פעליעטאָן, גיט אונדז פעליעטאָנען. אַ צײַטונג — אין יענע יאָרן — האָט געמוזט האָבן אַ פעליעטאָן. אַ פשיטא נאָך, אַ שבתדיקער נומער. אַ שבתדיקע צײַטונג אָן אַ פעליעטאָן איז נאָך משמעות געווען מינדער ווי, חלילה, חסידים אָן אַ רבין. דער פעליעטאָן איז געווען דאָס אייבערשטע פון שטייסל. דאָ האָט דער לייענער געקאָנט אַליין אַרײַנטײַטשן און אויסטײַטשן. מען האָט געקאָנט אַליין פונאַנדעראַרבעטן דעם פעליעטאָניסטס מיין און כּוונה, זײַנע אָנדײַ־טונגען אויף געשעענישן און פּאָליטיקעס, מ׳האָט געקאָנט מפרש זײַן דעם געדאַנק און פאַרשטיין ווי אויפן וווּנק וועלכע שׂררות און שתּדלנים מיינט מען עס — אַזוי אַז צו דער לייענערישער הנאה האָט מען נאָך געקאָנט אַליין אויך עפּעס אויפטאָן — —

שלום־עליכם האָט סכּנות ליב געהאַט צײַטונגען, יידישע צײַטונגען. לאַנג האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אַרויסצוגעבן אַן אייגענעם בלאַט. במשך יאָרן האָט ער זיך באַמיט צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַ צײַטונג. ס׳איז אים גאָר נאָענט געווען און ס׳האָט אים גערייצט דער אימפּעט, דער פּאַרמעסט, דער אומרו, וואָס עס הערשט אין אַ צײַטונג. דער טאָג־טעגלעכער צאַפּל און די לופט, וואָס אַרום דער צײַטונג. עפּעס פון אָ־די שטימונגען און שלום־עליכמס „צײַטונגס־באַגערן״ פילן מיר אָפּ אין אַ צאָל פעליעטאָנען, וואָס קומען אַרײַן אינעם בוך. ניט ווייניק פון זיי זענען געווידמעט דעם שרײַבערפאַך, דעם צײַטונגסצווייַג, ווי בכלל די שרײַבערישע מערכה פון יענער צײַט. און די פּראָבלעמען, וועלכע שלום־עליכם הייבט אַרויס — פון אַרום דעם שטח — זענען דאָך צו מאָל אויך הײַנט אַקטועל — אַ שטייגער: באַציִונגען צווישן שרײַבער און לייענער, צווישן שרײַבער און זײַן סביבה,

צווישן וואָרטשאַפער און די מנהיגים און פאָלקס־פאַרזאָרגערס. אין אַ ריי פעליעטאָנען קערט ער זיך אום פון מאָל צו מאָל מיט ביטערער טענה און סאַרקאַזם צו די, וואָס פאַרדרענגען, פאַרמיסטיקן דאָס פאָלקס־לשון און פאַרשטערן דעם גאַנג פון דער אויפגייענדיקער יידישער שאַפונג. מיט ווייטיקדיקן הומאָר דערמאָנט ער ווידער די וויסטע ראָמאַנען פון שמ״רן, די פּלאָג פון ציַיטונגס־קאָנקורענץ. במקום צו דערציִען אָט דעם דערוואָרבענעם לייענער וויקלט מען אים אין רויך פון ניט־געשטויגענע פּרעמיעס. גריַיפט אָן שלום־עליכם די ביליקע רעקלאַמעס מיט וועלכע די ציַיטונגען שטיַיגן זיך אַריבער.

פון די פעליעטאָנען אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז נאָך אַ ווינקל פון שלום־עליכמס שעפערישן געמיט. נאָך אַן עלעמענט פון דער געניאַלער פערזענלעכקייט. דאָס איז זיַין אָפּפילן אַזוי שאַרף און קלאָר דעם געזעלשאַפטלעך־יידישן וועלט־יאַריד אין אַלע זיַינע אַנטפּלעקונגען, שוואַכקייטן און מאַניפעסטאַציעס. פון דעם ערשטן פעליעטאָן, וואָס קומט אַריַין אינעם בוך, וואָס איז געדרוקט אין דער „יודישער פאָלקסביבליאָטעק״, צווייטער בוך, 1889, ביז דעם לעצטן פעליעטאָן — „געקויפט עולם־הבא״, געשריבן אין זיַינע ריַיפסטע שאַפערישע יאָרן, אין יאָר 1912, איז אַ מהלך פון דריַי און צוואַנציק יאָר. אַ ציַיטאָפּשניט, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט דראַמאַטישע פאַרלויפענישן אויפן פעלד פון יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, יידישע אויפטוען אין דורכפאַלן, יידישע פּאָליטיק, השכּלה, ציוניזם, טעריטאָריאַליזם, ארץ־ישׂראל, אוגאַנדאַ, פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און אויפוואַכונג פון אידעען אין תּחום־המושב, אַסימילאַציע און אויסגעחלומטע באַשטרעבונגען. און אין דעם ווירוואַר פעלן אויך ניט די אויפגעקומענע פאַרשפּיצטקייטן פון שפּראַך־פּראָבלעמען: יידיש, העברעיִש, רוסיש — אָט די אַלע דעמאָלטיקע חיותדיקע פּראָגעס און ווידעראַנאַנדן, וואָס האָבן געריגט דעם געזעלשאַפטלעך אויפגעוואַכטן יידישן מענטש (אין פּוילן און ליטע און רוסלאַנד און אוקראַיִנע). שלום־עליכם האָט עס אויפגענומען און באַשריבן אויף זיַין שטייגער, כאָטש מיט ווייניק נאָראַטיווער שילדערונג, דערפאַר אָבער מיט העפטיקן וואָרט, מיט בולטער צילבאַוווסטקייט און מהותדיקן אויספיר, געפורעמט אין זיי ניט דווקא דעם טיפּאַזש, נאָר אויפגעשאַפן דעם קלימאַט פון ציַיט און סביבה.

אמת, דער הומאָר אין די פעליעטאָנען איז מער אָן אויסערלעכער, צו מאָל באַגלייט פון אַ פובליציסטישע גאַמע. ס'פעלט אין זיי, באַזונדערס אין די פעליעטאָנען פון די ערשטע יאָרן, דער וואַרעם־האַרציקער טאָן און די טויִקייט, וואָס איז אַזוי אייגן פאַר שלום־עליכמס הומאָר, פאַר זײַן שאַפן בכלל. דערפאַר טרעט אָבער אויף בולטער און וועזנטלעכער דער סוזשעט און דער זין ווי דער מוסר־השׂכּל פון דער מעשׂה. און פאַראַן אין זיי אַנגעלאָדענע שטייגערישקייט, וואָס קייטלט זיך בהדרגהדיק און לייזט זיך אויף מיט זעלטענער פּיקחות אין פינאַל. אָט דער שרײַבעריש־קינסטלערישער מעטאָד, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש מיט זײַנע דראַמאַטישע עלעמענטן אין שלום־עליכמס גרויסע ווערק, איז ניכּר אויך אין די פעליעטאָנען, צו מאָל אין זייער סצענישן געבוי.

מיר ווילן זיך ניט באַנוצן מיט ברענגען דוגמאות און אַרויסהייבן און אילוסטרירן די באַזונדערקייטן און די שרײַבערישע גענעזע פון די זעקס און צוואַנציק פעליעטאָנען, וואָס קומען אַרײַן אינעם בוך. דאָך ווילט זיך דער־מאָנען די אַזוי ווייניק באַקאַנטע „אַפאָריזמען" (50 אַפאָריזמען), „געדאַנקען, משלים, מוסר און גלאַט קלוגע רייד פון גרויסע לײַט פון אַ מאָל און אויך פון הײַנטיקע צײַטן, פרײַ באַאַרבעט, צוגעזעצט און איבערגעאַנדערשט פון שלום־עליכם". ווי וווּנדערלעך קומט דאָ צום אויסדרוק שלום־עליכמס חכמה, זײַן פערלדיקער הומאָר, די טיפע לעבנס־דערקענטעניש. דאָס עטישע געפיל, די לויטערע קינסטלער־געשטאַלט — שלום־עליכם.

פון דער זאַמלונג „פעליעטאָנען" קענטיקט זיך אויס, דאַכט זיך, ווי ווייניק־ווו אין זײַנע אײַנגעזאַמלטע שריפטן, די פאָרמירונג פון שלום־עליכמס קינסטלערישער, שרײַבערישער פערזענלעכקייט. כאָטש שלום־עליכם האָט זיך באַלד קונה־שם געווען מיט זײַנע ערשטע פאַרעפנטלעכטע שאַפונגען, קאָנען מיר דאָ אָפּפילן און כּמעט נאָכגיין די אַנטוויקלונג פון זײַן שרײַבערישער עובדא. די אַנטוויקלונג פון זײַן פאָרעם, די באַרײַכערונג פון זײַן שפּראַך, די פאָרמירונג פון זײַן אייגנדיקן סטיל, די פאַרטיפונג פון זײַן שרײַבערישן מהות.

פאַראַן אַ מהלך רב פון זײַנע ערשטע פעליעטאָנען (אָנגעהויבן שרײַבן אין העברעיִש אין 1881, יידיש — 1883) ביז די שפּעטערדיקע — אָנהויב

היינטיקן יאָרהונדערט — הן אין פּרט פון קאָמפּאָזיציע און נוסח, הן אין דער פאַרביקייט פון זיין לשון און עפּיש־נאַראַטיווער דערציילערישקייט. דער משמעות זעט זיך דאָ אָן — אויך שלום־עליכם איז דורכגעגאַנגען דעם טיגל פון ווערן, כאָטש ער האָט עס דערגרייכט מיט פאַנטאַסטישן קפיצת־הדרך.

ס'איז וואָר, שוין אין די ערשטע שאַפונגען געפינען מיר די שפּורן, באַזונדערס אין די העברעיִשע שאַפונגען (זע די זאַמלונג „שלום־עליכם — כתבים עבריים", פאַרלאַג „מוסד ביאַליק, 1976, 368 זז', צונויפגעשטעלט, מיט אַן אַריינפיר און הערות פון פּראָפ' חנא שמערוק) פון שלום־עליכמס שפּעטערדיקער צעצווייגטער מיליע, מיט די נייע אייביקע געשטאַלטן.

ס'איז דער גאַנג צו דער אייגענער שאַפערישער וועלט, צו דער וועלט פון שלום־עליכם. דער באַנד „פעליעטאָנען" איז ווי אַ מיילשטיין אויף אָט דעם דורכגעגאַנגענעם וועג.

אַריינפיר צום בוך „פעליעטאָנען", תל־אביב, 1976.

אַ ביאָגראַפיע פון שלום־עליכם

(וועגן בוך „אבי שלום־עליכם״ פון מאַרי וויף־גאָלדבערג)

אַ באַדײַטנדיקע און וויכטיקע ליטעראַטור איז געשאַפן געוואָרן וועגן שלום־עליכם און זײַנע ווערק, בעיקר פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער. פאָרש־אַרבעטן און עסייען וועגן שלום־עליכמס שאַפונג בכלל און באַזונדערס וועגן זײַנע באַקאַנטע העלדן און געשטאַלטן, וואָס זענען אַזוי פאָפּולער געוואָרן אין יידישן לעבן און אויך בײַ ניט־יידן. וויכטיקע פאָרשאַרבעטן און קריטישע אָפּהאַנדלונגען זענען דערשינען אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין פוילן, אָבער אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין פאַרשידענע אייראָפּעיִשע לענדער פון צענטראַל־און מערב־אייראָפּע פילן מיר אָפּ אַ טיפע פאַראינטערעסירונג אין די ווערק פון שלום־עליכם. דאָס קענטיקט זיך אויס קודם־כּל אין די פאַרשידן־שפּראַכיקע איבערזעצונגען. שלום־עליכם איז ביז איצט איבער־געזעצט געוואָרן אין איבער פערציק שפּראַכן, צווישן זיי: יאַפּאַניש, כינעזיש, פּערסיש און אוזבעקיש... און „דער פידלער אויפן דאַך״ האָט דאָך בײַגע־טראָגן — אויף זײַן אופן — צו דער שלום־עליכם פּאָפּולאַריטעט כמעט איבער גאָר דער וועלט און איז אויפגעגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג אַפילו אויף דער בינע פון גרעסטן טעאַטער אין טאָקיאָ — — ווו טביהס טעכטער זענען געווען יאַפּאַנישע מיידלעך און דער היימישער טביה ווערט געשפילט דורך היסאַיאַ מאָרישיגע — — אָבער דער אמת איז, אַז אַן אָרומנעמיקע ביאָגראַפיע פון אונדזער קלאַסיקער איז נאָך ביז הײַנט ניטאָ. סיבות זענען פאַראַן אַ סך. די עיקר־סיבה איז, ווי מיר דאַכט זיך, די נאַטירלעכע העמונג בײַ אַ סאָלידן פאָרשער־שרײַבער זיך צו פאַרמעסטן אַרויסצוברענגען די מעכטיקע קינסט־לער־געשטאַלט. דערצו נאָך, ווען שלום־עליכם אַליין האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן זײַן ביאָגראַפיע, די ערשטע קאַפּיטלעך פון זײַן לעבן אין בוך „פונעם יאַריד״, און פאַרשטייט זיך, אין דעם וווּנדערלעך אייגנדיקן נוסח, באַגלייט פון זײַן פּערלדיקן הומאָר. אַ סך יאָרן האָט שלום־עליכם — דערציילט די ייִנגסטע טאָכטער מאַרי וויף־גאָלדבערג — געוואָלט אַליין שרײַבן זײַן ביאָגראַפיע. ער האָט געזען אין דעם זײַן גרויס ווערק, וואָס האָט געזאָלט אַרומנעמען

אַ צאָל בענד און ס'זאָל אין זיי אַרויסגעבראַכט ווערן די תּקופה, זײַנע איבערלעבונגען און די מענטשן, וואָס ער האָט געקענט. אָבער אַנדערע פאַרפּליכטונגען און דער אומאינטערעס צום דעם פּראָיעקטירטן ווערק מצד די אַרויסגעבערס האָבן, זעט אויס, אים אָפּגעהאַלטן צו פאַרווירקלעכן זײַן פּלאַן.

ערשט אין יאָר 1915 האָט שלום־עליכם אָנגעהויבן אַרבעטן אויף זײַן אויטאָביאָגראַפיע, און זי אָנגערופן „פונעם יאַריד". ער האָט געשריבן וועגן זיך אין דער דריטער פּערזאָן, אַזוי וועט ער זײַן פרײַער אין שילדערן זײַן אינערלעכן לעבן. נאָכן אָפּדרוקן די ערשטע קאַפּיטלעך אין צײַטונג האָבן אים באַגריסט די וויכטיקסטע שרײַבערס פון יענער צײַט — באַטאָנענדיק אַז דאָס איז שלום־עליכמס קרוינווערק. אָבער אַנדערטהאַלבן יאָר שפּעטער האָט דער טויט אַרויסגעריסן די פעדער פון זײַן האַנט. — — שלום־עליכם איז אין זײַנע אויטאָביאָגראַפישע קאַפּיטלעך דערגאַנגען בלויז צו זײַן איין און צוואַנציק־יאָריקן עלטער, געשילדערט זײַנע קינדער־און יוגנט־יאָרן, אויפן שוועל פון אַ דראַמאַטישער ווענדונג אין זײַן פּערזענלעכן לעבן און נאָך איידער ער האָט געזען זײַן נאָמען געדרוקט.

ובכן, צווישן די גרויסע ליטעראַרישע פּלענער שלום־עליכמס (מיט זײַן באַזונדערן ווילן צו שאַפן פאַרן טעאַטער און קינאָ, פּלענער מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגעטראָגן עטלעכע יאָר פאַר זײַן טויט), איז אויך געווען דאָס שרײַבן זײַן אויטאָביאָגראַפיע. אגב, פון דעם רײַכן אַרכיוו וואָס געפינט זיך איצט אין בית שלום־עליכם לערנען מיר, אַז שלום־עליכמען איז ניט פרעמד געווען דער אינטערעס פאַר דאָקומענטאַציע און ער האָט אָפּגעשאַצט דעם באַטײַט פון ביאָגראַפישן מאַטעריאַל צו דער דערקענטעניש פון דער שרײַבער־געשטאַלט און זײַן שאַפונג.

אין דעם אַרײַנפיר צום בוך „פונעם יאַריד" קלערט אויף שלום־עליכם פאַר וואָס וויל ער אַליין שרײַבן זײַן ביאָגראַפיע: „קיינער ווייס ניט וועמענס מאָרגן עס איז. דו וועסט מאַכן אַ שטאַרב, וועלן קומען מענטשן וואָס מיינען אַז זיי קענען דיך, און וועלן אויסטראַכטן זאַכן, וואָס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. צו וואָס טויג עס דיר? אַמער נעם שוין בעסער אַליין, דו קענסט זיך בעסער פון אַלעמען, און דערצייל ווער דו ביסט..."

צום באַדויערן — שרײַבט מאַרי ווייף־גאָלדבערג — „האָבן זיך פֿאַר די יאָרן באַשטעטיקט שלום־עליכמס פֿאַרדאַכטן, מען דערציילט און מען שרײַבט כּל־מיני ניט־געשטויגענע מעשׂיות, וואָס זענען אַפילו ניט קרוב צום אמת, און זאַכן וואָס זענען ניט ריכטיק, און זיי ברענגען נישט אַרויס די געשטאַלט פון מײַן פֿאָטער, ניט זײַן כאַראַקטער, ניט זײַן וועלטבאַנעם און ניט זײַן באַציִונג צו מענטשן...״

אין רוסיש איז אַפילו אַרויס אַזאַ מין ראָמאַן וואָס שטעלט פֿאַר שלום־עליכמען ווי אַ פּראָלעטאַרישן פּאַרטיזאַן נוסח באָלשעוויק... אָבער עס וואָלט געווען ניט ריכטיק ווען מען דערמאָנט ניט אַ צאָל אַרבעטן, און צווישן זיי וויכטיקע און תּוכיקע אַרבעטן, וואָס ברענגען אַרויס שלום־עליכמס לעבן און שאַפֿן, געשריבן בעיקר פון מענטשן וואָס זענען געווען נאָענט צו אים, געווען אין זײַן סביבה. לאָמיר דערמאָנען די קאַפּיטלעך זכרונות פון ברודער וואָלף ראַבינאָוויטש, די קורצע באַשרײַבונגען פון אָשר ביילין, אָבער איבער אַלע — דאָס ווערק פון י. ד. בערקאָוויטש „אונדזערע ראשונים״, פינף בענד זכרונות־דערציילונגען וועגן שלום־עליכם און זײַנע בני־דור, און דאָס מאָנומענטאַלע בוך אין ייִדיש, דאָס „שלום־עליכם־בוך״.

י. ד. בערקאָוויטש, וואָס האָט איבערגעזעצט שלום־עליכמען אין העברעיִש, האָט געלעבט אין זײַן מחיצה צוועלף יאָר, אָנהייבנדיק פון 1905. פֿאַר אָט דער צײַט האָט ער דורכגעמאַכט מיט שלום־עליכמען אַ שטורמישע תּקופֿה. איבערגעלעבט מיט אים — ווי עס זאָגט זיך — פֿרייד און לייד. דורכגעגאַנגען מיט אים זײַנע פּײַנען און שׂימחות, זײַנע שוועריקייטן און דערהויבנקייטן, פון ווילנע — ווו זיי האָבן זיך באַגעגנט צום ערשטן מאָל — דורך רוסלאַנד, שווייץ, דײַטשלאַנד, איטאַליע, סקאַנדינאַוויע, ביז שלום־עליכמס לעצטע סטאַנציע אין ניו־יאָרק. בערקאָוויטש שילדערט פֿאַר אונדז שלום־עליכמען און זײַן סביבה אויפֿן פאָן פון אָט דער תּקופֿה. ער ברענגט אַרויס די ליטעראַריש־געזעלשאַפֿטלעכע פּאַרלויפֿעניש און געשעענישן און ווי אַזוי זיי האָבן זיך אויסגעווירקט אויף שלום־עליכמס געמיט און אויף זײַן שאַפֿן. און איבער אַלע קומט אויף די געשטאַלט שלום־עליכם, דער מענטש און שרײַבער, זײַן דינאַמיש לעבן און אינטענסיוו באַגערנדיקע שאַפֿערישקייט, מיר פֿילן אָפּ זײַן וואַרעמען מענטשלעכן כאַראַקטער אין

זײַנע באַציִונגען מיט שרײַבערס, קינסטלערס, טעאַטער־מענטשן, פּאַרלעגערס און די אמתע און מכּלומרשטע מעצענאַטן, וואָס שלום־עליכם האָט אויך פון זיי געהאַט עפּעס אַ מאָדנע הנאה, כאָטש ער האָט זיך ניט איין מאָל פון אָט די וויסטע פּאַרזאָרגערס געהאַט אָפּגעבריט. פילן מיר און דערקענען שלום־עליכמס אַנטוישונגען און אויך טעג פון דערהויבונג, ווען ער האָט געשעפּט דערמונטערונג אין זײַן משפּחה, וועלכע ער האָט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט באַטיטלט „מײַן רעפּובליק״.

און די ייִנגסטע פון אָט דער רעפּובליק, מאַרי ווייף־גאָלדבערג, די פרוי פונעם באַקאַנטן זשורנאַליסט און שרײַבער בן־ציון גאָלדבערג, וואָס איז געשטאָרבן אין יאָר 1972 בעת זײַן באַזוך אין ישׂראל, האָט אויפגעשריבן שלום־עליכמס ביאָגראַפיע אין ענגליש: „מײַן פאָטער שלום־עליכם״. דאָס בוך האָט געהאַט גרויס דערפאָלג אויך צווישן ניט־ייִדן. איצט איז דאָס בוך דערשינען אין זײַן העברעיִשן לבוש (איבערגעזעצט פון רות שפּיראָ) אין פאַרלאַג „ספרית הפועלים״ און „בית שלום־עליכם״ אונטערן נאָמען „אבי שלום־עליכם״.

דאָס בוך דערנענטערט אונדז צו אָט דער ווונדערלעך ווירטואָזישער און פאָלקיש־ייִדישער געשטאַלט, וואָס איז אי לעגענדאַריש אין אונדזער פאָלקסגעמיט, אי אַזוי האַרציק נאָענט. מיר באַקענען זיך דאָ מיט שלום־עליכמס טאָג־טעגלעכן לעבן, וואָס איז געווען אַזוי אינטענסיוו שאַפעריש, אַפילו אויף זײַן קראַנקן־בעט, אין די דערהוילונגס־פּלעצער אין דער שווייץ, ווען ער איז ווײַט געווען פון ליטעראַרישן לעבן, פון אָדעס, ווילנע און וואַרשע — —

וואָס באַנײַט אָט דאָס בוך „אבי שלום־עליכם״? און מיט וואָס איז דאָס בוך אַנדערש פון די שוין פאַראַנענע באַשרײַבונגען וועגן שלום־עליכם? קודם־כּל מיט דעם, וואָס די מקורות זענען אויטענטיש און דאָס בוך ברענגט אויך אַרויס און באַלײַכט אַ ריי געשעעניש אין שלום־עליכמס לעבן, וואָס מיר האָבן וועגן זיי פריִער ניט געוווּסט, און עס קומט דאָ אויף שלום־עליכם דער מענטש מיט זײַנע אייגנדיקע מידות און געהויבענעם גײַסט, אַזוי צווישן זײַנע נאָענטע, ווי צווישן דעם ברייטן ייִדישן עולם, וואָס האָט אים צוגעטראָגן ליבשאַפט און פאַרערונג, און אַזוי אין קרײַז פון זײַן משפּחה, פאַר וועלכער

ער האָט געוווּסט צו ברענגען טרייסט און האָפֿענונג אין צײַטן פֿון געדריקט־קייט און נויט, וואָס די משפּחה האָט ניט ווייניק געקענט...

די קאַפּיטלעך אין אָט דער ביאָגראַפֿיע קייטלען זיך דורך צײַטן און סביבות, יאָרן און לענדער. אַ מאָל איז דער מאוחר, דאָס שפּעטערדיקע פֿריִער, און פֿאַרקערט, און איבער אַלץ — די ליטעראַרישע פּערזענלעכקייט שלום־עליכם, דער מענטש און שרײַבער. מיר דערקענען דאָ דעם צונויפֿבונד פֿון אים מיט זײַן שאַפֿערישער וועלט, פֿון אים מיט זײַנע דערציילונגען, מיט זײַנע העלדן. פֿון די זכרונות אינעם בוך דערפֿילן מיר שלום־עליכמס אינערלעכן וועזן, זײַן הומאַניסטישן מאָטיוו, וואָס איז פֿון יענערצײַטיקן ליטעראַרישן רוי־ערשטפֿעלד דערגאַנגען צו אַלוועלטלעכקייט, מיט זײַן באַזונדערן ניגון, מיט זײַן אייגנציקאַרטיקן הומאָר. דאָס בוך, הגם ס'איז געשריבן מיט דער וואַרעמקייט און אינטימיטעט פֿון אַ טאָכטער, פֿאַרמאָגט אָבער די געהעריקע מאָסן פֿון פּראָפּאָרץ און אָפּגעהיטקייט.

די ביאָגראַפֿיע „אַבי שלום־עליכם" דערגאַנצט — אָן שום ספֿק — די פֿראַגמענטאַרישע ביאָגראַפֿישע קאַפּיטלעך וואָס זענען ביז איצט דערשינען וועגן שלום־עליכם, און דאָס ניט נאָר מיט די אַרויסגעבראַכטע פּינקטלעכע פּרטים, נאָר אויך מיט דער עכטער אַטמאָספֿער און שטימונג, וואָס דאָס בוך טראָגט אין זיך — —

דערציילט מאַרי ווייף־גאָלדבערג: „ער האָט געוואָלט אַז זײַנע קינדער זאָלן זײַן אין תּוך פֿון זײַן ליטעראַרישן לעבן, ער איז געווען צופֿרידן ווען מײַן ברודער מישאַ האָט געפּרוּווט איבערזעצן זײַנע דערציילונגען אין רוסיש. עס איז מיר גוט צו טראַכטן, אַז ווען ער ווייס פֿון דעם דאָזיקן פּרוּוו מײַנעם וואָלט ער אַ צופֿרידענער אויסגערופֿן צו מײַן מוטער: „זע נאָר, אָלגאַ, מאַרוסיאַ האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן מיר".

ס'איז נאָר פֿאַרדראָסיק וואָס דאָס בוך לײַדט אין אַ סך שטעלן פֿון אַ ניט־געראָטענער איבערזעצונג און אויך פֿון אַ צאָל גרײַזן, אָבער „אַבי שלום־עליכם" איז אַ ביז גאָר אינטערעסאַנט און טאָקע וויכטיק בוך.

ש. אַנ־סקי

ס׳איז שוין מער ווי אַ יובל יאָרן זינט די „הבימה״ האָט צום ערשטן מאָל באַוויזן אויף דער סצענע דעם „הדיבוק״, און במשך דעם יובל יאָרן זענען אויפגעפירט געוואָרן איבער טויזנט פאָרשטעלונגען. אין דער געשיכטע פון טעאַטער ביי ייִדן — איז ניטאָ צו דעם קיין גלייכן.

מיט אָט דער פאָרשטעלונג האָט די „הבימה״ אָנגעהויבן איר טעאַטער־טעטיקייט אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, אין איר ערשטן רומפולן טורניר איבער די ייִדישע ייִשובים פון מיזרח־אייראָפּע און אַמעריקע און אָט די פאָרשטעלונג איז פאַרבליבן ביז היינט איינע פון די גלאַנץ־אויפפירונגען פון „הבימה״.

מ׳האָט שוין ניט איין מאָל געפרעגט, אין וואָס ליגט די גרויסקייט און אין וואָס באַשטייט אָט דער וווּנדערלעכער באַווירקונגס־כּוח פון דעם „די־בוק״? אין וואָס שטעקט דער סוד פון דעם ניט־געוויינטלעכן דערפאָלג, וועלכע די פאָרשטעלונג האָט געהאַט אויף דער ייִדישער און העברעיִשער בינע און אויף די בינעס ביי אַנדערע פעלקער? אַרום דעם „דיבוק״־ספּעק־טאַקל האָט זיך דאָך אויפגעשאַפן אַ גאַנצע ליטעראַטור — מען האָט געפּרוווט אויסטייטשן — אַז דער דערפאָלג פון דעם ווערק ליגט אין זיין פאָלקלאָריסטי־שער גאַמע, אין דעם לעגענדאַרישן דראַמאַטישן תּוכן, אין די אַרויסגעבראַכטע טיפן און געשטאַלטן, אין דער דראַמאַטיש־טעאַטראַלער אויפפירונג. אין פלוג זענען עס אויבנאויפיקע און צו מאָל סתּירהדיקע אַרייַנטייַטשן. וואָס עס זאָלן ניט זיין די סיבות, וועלכע האָבן אַזוי פריש און קרעפטיק אויפגעהאַלטן דעם „דיבוק״־ספּעקטאַקל שטייען מיר אָבער פאַר אַ דערשיינונג, ווי אַזוי מיט איין ווערק האָט אַ קינסטלער זיך פאַראייביקט לדורות... ניט אומזיסט האָט אַנ־סקי געגאַרט אַזוי צו זען דעם „דיבוק״ אויפגעפירט אויף דער בינע.

אַ לאַנגן און שווערן וועג איז דאָס ווערק דורכגעגאַנגען ביז דער אויפ־פירונג. עס זענען באַקאַנט די גילגולים וואָס די דראַמע האָט דורכגעמאַכט, עס איז אויך באַוווּסט אַנ־סקיס צער און ווייטיק אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן... ווען ער האָט אַלץ געהאָפט צו זען זיין דראַמע אין איר פולן אָטעם

און לבוש און אין דעם סצעניש קלימאַט, וועלכן ער האָט אַזוי קינסטלעריש אויסגעטרוימט. — —

דעם „דיבוק״ האָט אַנ־סקי פאַרענדיקט שרײַבן אין 1914. במשך אַ יאָר האָט ער געפּרוּווט פאַראינטערעסירן מיט דעם ווערק עטלעכע רעזשיסאָרן, טעאַטער־מענטשן. סוף בײַנצן פופצן שרײַבט אַנ־סקי אין אַ בריוו צו זײַנער אַ פריינדין וועגן זײַנע פּלאַגנישן אַרום „דיבוק״, און עס ווייעט מיט אומעט פון די שורות אַרויס. שרײַבט ער:

„מיט דער פּיעסע קומט גאָרניט אַרויס. דער רעזשיסאָר פון דער סטודיע (פונעם מאָסקווער רוסישן קונסט־טעאַטער) פּולערזשיצקי איז נערוועז, קראַנק און פאָרט אַוועק ערגעץ ווו אין אַ סאַנאַטאָריע, און צו סטאַניסלאַוו־סקין איז שווערער צוצוקומען ווי צו אַ מיניסטער. דעם אמת זאָגנדיק האָב איך פאַרלוירן דעם חשק צו גיין צו זיי. איך האָב ניט געוווּסט אַז אויפן וועג צו דער סצענע דאַרף מען דורכגיין אַזוי פיל נידעריקע טירלעך״...

אַנ־סקי ענדיקט דעם בריוו מיט פאַרצווייפלונג:

„נו, מילא, זאָל זײַן אַזוי. אויב די פּיעסע איז אַ גוטע, וועט מען זי שטעלן אין 50 יאָר אַרום אָן מײַן מיטווירקונג. און אויב אַ שלעכטע — לוינט דאָך געוויס ניט צו עוסקן זיך מיט איר. נאָר גאָט צו דאַנקען, מיך אינטערעסירט דאָס ווייניק, און ס׳איז שוין אגב שפּעטלעך וועגן דעם צו זאָרגן״. (נחמן מייזיל, „פאַרגייער און מיטצײַטלער״)

אָבער די פּיעסע האָט אים, פאַרשטייט זיך, שוין גאָר שטאַרק אינטערע־סירט, און דאָס ביז די לעצטע טעג פון זײַן שטורמישן און מערקווערדיקן לעבן. און אין די פינף יאָר (אַנ־סקי איז געשטאָרבן נאָוועמבער 1920) זינט אָט דעם געבראָכטן בריוו האָט ער נאָך געמאַכט באַמיִונגען אַז דאָס ווערק זאָל באַקומען אַ תיקון אין טעאַטער.

ווי באַקאַנט האָבן יידישע אַקטיאָרן געגעבן זייער שבועה בײַ אַנ־סקיס קבר אויפצופירן די פּיעסע צו די שלושים. און אַזוי איז עס געווען. דעם 9טן דעצעמבער 1920 האָט די „ווילנער טרופּע״ אויפגעפירט צום ערשטן מאָל אַנ־סקיס „דער דיבוק״.

במשך אַ צוויי צענדליק יאָר האָט „דער דיבוק״ געהערט צום רעפּערטואַר פון כמעט יעדן בעסערן יידישן טעאַטער אין דער גאָרער וועלט. די דראַמע

איז איבערגעזעצט געוואָרן אין די שפּראַכן פון די וויכטיקסטע קולטור־פעלקער, אַריינגערעכנט יאַפּאַן.

מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק איז „דער דיבוק" אויפגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרק אין דער פאָרעם פון אַן אָפּערע — — אָבער אָן דער־פאָלג, זעט אויס, און דאָס איז אפשר כדאי צו באַטאָנען, מחמת עס האָט צו טאָן מיטן עצם מהות פונעם ווערק און מיט זיין אויפפירונג. מען קען מיט רעכט זאָגן, אַז אַלע פּרוּוון אויפצופירן דעם „דיבוק" מיט נאָוואָטאָרישע מיטלען האָבן געליטן אַ דורכפאַל. און געווען אַזעלכע פּרוּוון. לאָמיר בלויז דערמאָנען דעם פילם, וואָס דער יונג פאַרשטאָרבענער טאַלאַנטפולער אַקטיאָר און רעזשיסאָר שרגא פרידמאַן האָט געשאַפן מיט עטלעכע יאָר צוריק דאָ אין לאַנד, די „דיבוק"־ווערסיע אין אַן אַנדער אויפפאַסונג. — — שרגא פרידמאַן איז אויסן געווען בעיקר מער פאַרטיפונג פון טיפאַזש, פון דער חסידיש־מיסטעריעזער וועלט. דער עקזאָטיש אַרויסגעבראַכטער יידישער פּייזאַזש, דאָס שטעטל זענען אַרויס קרום און ווילד. אין אַ שמועס וואָס איך האָב דעמאָלט געהאַט מיט דעם גוטן אַקטיאָר און טעאַטער־קענער שרגא פרידמאַן בשייכות מיט דעם פילם, האָב איך געוואָלט דערגיין, וואָס האָט אים אייגנטלעך אָנגערעגט, אַרויסצוברענגען חסידים און די מענטשן פון הויף, ווי אויך די געשטאַלטן פון אַרום „דיבוק", סיי אין זייער לבוש, סיי אין זייער התנהגות, ווי דאָרפישע פּויערים, ווי קאַצאַפּעס. האָט ער פאַר מיר אַנטוויקלט אַ טעאָריע, אַז מחמת דער באַגרינדער פון חסידות, דער בעש"ט און זיינע תלמידים און ערשטע נאָכפאָלגערס זענען געווען אנשי־העם, פאָלקסמענטשן, האָלצהעקערס און ערד־אַרבעטערס, — — איז ער אַוועק צום שורש, צום וואָרצל פון חסידישן אָפּשטאַם, מיט דער כוונה צו פאַרטיפן דעם אימאַזש. אָבער די דאָזיקע טעאָריע האָט געבראַכט צו אַ דורכפאַל, און אויב אַפילו ס'איז געווען אין דעם אַ שמץ פון געשיכטלעכן אמת, האָט עס אָבער אויסגעזען ווי אַ קוריאָז, ס'איז געווען פרעמד, קאַלט און גראָטעסק, מחמת אין אונדזער טראַדיציע פילן מיר אָפּ אַן אַנדער חסידישע סביבה — אָט אַזוי ווי אַנ־סקי האָט זי אַרויסגעבראַכט אין איר פאָלקלאָריסטישער פאַרביקייט, אין איר פאַנטאַסטישקייט און אין איר אינער־לעכן דראַמאַטישן קאָנפליקט, אַזוי ווי „דער דיבוק" איז אויפגעפירט געוואָרן

מיט פופציק יאָר צוריק און איז, אגב, אַזוי אויך פאַרשטאַנען געוואָרן דורך דעם גאאונותדיקן רוסישן רעזשיסאָר, דעם אַרמענער וואַכטאַנגאָוו.

אַנ־סקי האָט געשטאַמט פון וויטעבסק. פון דער זעלביקער וויטעבסק, וואָס האָט באַווירקט מאַרק שאַגאַלן צו זען און פילן אַזוי די יידישע גאַס, ווי ער ברענגט זי אַרויס אין זיינע בילדער. פון אָט דער שטאָט קומט דאָך אויך ד״ר חיים זשיטלאָווסקי — אַנ־סקיס נאָענטסטער חבר און פריינד פאַר אַלע יאָרן. וויטעבסק האָט פאַרמאָגט אַ שיינע יידישע קהילה, שיינע יידן, נאָר יידן אָרעמע־לייט. דורותדיקע דלפונים. — —

דער היסטאָריקער יוסף מילנער דערציילט:

„וויטעבסק, ניט קוקנדיק וואָס זי איז געווען מיט אַ גרויסן יידישן ישוב, געהערט צו די שטעט ווו אַ גביר איז דאָרט קיין מאָל ניט געשטאָרבן. אין אַן אַלטן וויטעבסקער פּינקס, וואָס איז אַלט געווען העכער 200 יאָר — פלעגן דערציילט ווערן שווידערלעכע פאַקטן פון וויטעבסקער אָרעמקייט. עס זענען געווען תקנות אין וויטעבסק, אַז מען זאָל זיך ניט צו פיל משמח זיין, ווייל דער רוב מנין ובנין פון די יידן שטאַרבט פון הונגער און מען טאָר ניט לייטן אויסרייסן די אויגן״...

אָרעמקייט איז דאָך ניט קיין נייעס אין יידישן לעבן, אַ פשיטא מיט עטלעכע דורות צוריק. און ס׳איז דאָך ניט קיין נייעס, אַז יידישע שרייבערס זענען אויפגעקומען פון אָרעמע יידישע היימען, און אַזוי איז אויך געווען אַנ־סקיס משפחה, אַ משפחה אָרעמע־לייט. זיין טאַטע איז געווען אַ מעקלער און די מאַמע האָט צוגעהאָלפן אין דער פרנסה מיט איר שטיקל שענקל, וואָס זי האָט געהאַלטן. — — די משפחה איז אָבער געווען אַ מיוחסדיקע, זיך געצויגן פון אַלטיידישן יחוס. זיין קינדהייט אין דער אָרעמער היים האָט זיכער געלייגט דעם חותם אויף זיין אייגנאַרטיק שאַפעריש לעבן.

„...פרי איז אַנ־סקי באַקאַנט געוואָרן מיט די ליידן און צרות פון די אָרעמע מאַסן״ — שרייבט וועגן אים זיין נאָענטער פריינד ד״ר חיים זשיטלאָווסקי אין אַ באַגלייט־אַרטיקל צו אַנסקיס ווערק — פרי האָט אין אים זיך אויך דערוועקט דער דאָרשט צו אַלגעמיין מענטשלעכער בילדונג, און צו שריפט־שטעלערישן שאַפן. פרי איז ער אויך געוואָרן אַן איבערצייגטער סאָציאַ־ליסט״...

אַלט זייענדיק זיבעצן יאָר האָט ער אָנגעשריבן זײַן ערשטע גרעסערע נאָוועלע „די געשיכטע פון אַ ייִדיש הויז״, „אָט די נאָוועלע — זאָגט חיים זשיטלאָווסקי — איז געווען די ערשטע הויך קינסטלערישע אַרבעט פון אַ ייִדישן סאָציאַליסט״.

אַ פראַגע צי די נאָוועלע איז טאַקע געווען די ערשטע קינסטלערישע אַרבעט פון אַ ייִדישן סאָציאַליסט, אָבער זי איז זיכער געווען דער אָנזאָג פון אַנ־סקיס שרײַבערישן וועג, פון זײַן באַנעם ווי אַ ייִדישער טוער און ייִדישער שרײַבער — ווי מיר זעען פון זײַן גאַנג דורך אַ שטורמישער תּקופה און פון סאָציאַלן פּאַטאָס אין זײַנע לידער און אין זײַנע פּראָזע־שאַפונגען. און ועל־כּולם — אַלע זײַנע פאַרשידנאַרטיקע אַקטיוויטעטן און שאַפערישע טווּנגען. דאַכט זיך, ס׳איז ניטאָ קיין איין געביט אין ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אויף וועלכן אַנ־סקי איז ניט געווען טעטיק. ער איז געווען אַ קאָלירפולע פּערזענלעכקייט. אַ שרײַבער, אַ זאַמלער, אַ פאָרשער, אַן עטנאָגראַף, אַ טוער אין פּאָליטישע באַוועגונגען, אַן ערשטקלאַסיקער רעדנער, אַ דערציילער און אַ פּאָעט, אַ דראַמאַטורג און אַן איבערזעצער, און אויפן געביט פון ייִדישן פאָלקלאָר איז ער בפירוש געווען אַ פּיאָנער.

אַנ־סקי האָט זיכער געהערט צו די אומרויִק־שאַפערישע גײַסטער, וואָס קאָנען זיך ניט ווידמען בלויז איין געביט. אָט דער אומרו האָט אים געטריבן „צו גיין אין פאָלק״ אין די געדיכטעניש פון ברייטן רוסישן פאָלקסלעבן, אין די דערפער פון דאָן און אוראַל, וועגן וועלכע דוד האָפשטיין האָט שפּעטער געשריבן אין זײַן ווונדערלעך ליד:

> אין ווינטער־פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער!
> ווו קען מען זײַן עלנטער, ווו קען מען זײַן עלנטער?

צו די פעלדער און דערפער, צו די אויסגעליטענע רוסישע פאָלקסמענטשן האָט ער געטראָגן די בשורות פון טרייסט און האָפענונג. אַנ־סקי האָט אויפגענומען בפועל־ממש די באַוועגונג פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ: טראָגן ליכט און בילדונג און די אידעע פון באַפרײַונג פאַר די פאַרשטויסענע און געקריוודעטע אַרבעטערס און פּויערים אין צאַרישן רוסלאַנד. — — אָבער זעט אויס, דעם ניגון, דעם חסידישן ניגון, וואָס מ׳האָט געזונגען

מיט אַזוי פיל דבקות אין זײַן אַמאָליקער היים, אין וויטעבסק, האָט ער דאָך ניט פאַרגעסן. און דער „מחמת וואָס" האָט אים באַגלייט אַפילו אין יענע פרעמדע און ווײַטע־שטחים, דערמאָנט און געמאָנט און האָט אים גערופן צוריק — —

נאָך דער רעוואָלוציע, אין יאָר טויזנט נײַן הונדערט פינף, נאָך אַ סך אומוואַנדלונגען, געמיט־געראַנגלענישן, קערט ער זיך אום, אַנ־סקי, צוריק צום תּוכיקן ייִדישן לעבן. ער ווערט אַ מיטאַרבעטער אין דער דעמאָלט באַרימטער צײַטונג „פרײַנד", ער רעדאַגירט צוזאַמען מיט שמעון דובנאָוו די צײַטונג „יעווריעיסקי מיר", ער פאַרט אַרום מיט רעפעראַטן אויף ייִדישע טעמעס, און דאָ הייבט זיך אָן זײַן גראַנדיעזע, פּיאָנערישע אַרבעט פאַרן ייִדישן פאָלקלאָר.

אַנ־סקי איז געווען פון די ערשטע מאָדערנע פאָלקלאָר־זאַמלערס. ער האָט, ווי ווייניק ווער דאָן, פאַרשטאַנען דעם גוואַלדיקן באַטײַט פון זאַמלען און פאָרשן פאָלקסשאַפונגען, ווי אַ היסטאָרישע קולטור־נויטווענדיקייט, ווי אַ באַזע פאַר דער אַנטוויקלונג און דערקענטעניש פון אונדזער גײַסטיקן פאָלקסגוטס. גאַנצע לעגענדעס זענען דאָך אַרומגעגאַנגען וועגן זײַן אַרויס־באַקומען און אײַנשאַפן ווערטן פאַרן ייִדישן היסטאָריש־עטנאָגראַפישן און פאָלקלאָריסטישן אוצר. ער האָט געמאַכט ווײַטע און שווערע נסיעות, כּדי אויסצופאָרשן דעם ייִדישן לעבנס־שטייגער, צונויפצוזאַמלען מעשׂיות, שפּרוכן, ניגונים, מינהגים. ער פאָרט צו די ווײַטסטע און פאַרוואָרפנסטע שטעטלעך און פאַרצייכנט און זאַמלט צונויף רעדנסאַרטן און משלים, ספרים, אַלטע פּינקסים, קמיעות און מענטשלעך און תּחינות. און אָט קומט אָן אַנדער שלי־חות, אַ שליחות אין וועלכער ער דאַרף טראָגן טרייסט און הילף די מלחמה־געטראָפענע אין די אויסגעראַבירטע ייִדישע שטעטלעך, די היימלאָזע און אויסגעהונגערטע ייִדן אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

לייענען מיר הײַנט אין „חורבן גאַליציע און בוקאָווינע" וועגן אַנ־סקיס איבערלעבונגען אין די יאָרן פון דעם ערשטן וועלטקריג, קענען מיר זיך ניט באַפרײַען פון דעם טרויעריקן קלימאַט, וואָס קומט אויף פון דעם בוך. אַנ־סקי, דער מחבר פון מיסטעריעזע דערציילונגען, דער פאָרשער און אַנטפּלעקער פון חסידישער און פאָלקסטימלעכער לעגענדע — גייט אַרום אין גרויען

סאַלדאַטסקן שינעל, העלפט די צעטומלטע, צעוויייטיקטע ייִדן. און מיט וויפל גבורה קעמפט ער מיט אַ כוליגאַנישן אָפיציר, אָדער וואַרפט אַרויס פאַר די אויערן אַ קאַזאַק פון אַ ייִדיש קרעמל, וואָס יענער האָט געפּרוווט באַראַ־בעווען...

*

געשריבן האָט אַנ־סקי אין אַלע זשאַנערן. דערציילונגען און לידער, סקיצן און פּאָעמעס, דראַמעס און קאָמעדיעס, צײַט־אַרטיקלען און עסייען. אין זײַנע שאַפונגען איז פאַראַן דער אָטעם פון טיפער פאָלקסטימלעכקייט. אָבער מערסטנס דאָמינירן אין זײַנע שאַפונגען שילדערונגען פון סאָציאַלן אומיושר. אין גרונט זענען אויך זײַנע פאָלקלאָריסטישע אַרבעטן באַהויכט פון דער זעלביקער סאָציאַלער גאַמע. אַנ־סקי האָט דאָך גאָר גאָענט געקענט דעם ייִדישן מאַסן־לעבן אין אַלע זײַנע אַנטפּלעקונגען. ער האָט געקענט דעם ייִדישן האָרעפּאַשניק, ער האָט געקענט די עלנט און דעם אומעט, די בענק־שאַפטן און באַגערן פון ייִדישן מענטש.

די פּראָבלעמאַטיק וועלכע ער ברענגט אַרויס אין זײַנע שילדערונגען רופט זיך איבער מיט די מאָטיוון אין פּרצס ווערק. ווי פּרץ, ברענגט ער אַרויס דאָס סימבאָלישע סײַ אין דער געפּאָלנקייט און דחקות, סײַ אין ייִדישער דערהויבנקייט. זײַנע דערציילונגען און לידער ווי „שטיפקינדער“, „אין שענק“, „אין זאַלציקן ים“, צי דאָס שנײַדערליד, האָבן אין זיך אַן אוממיטל־באַרע נאַראַטיווקייט, וואָס אין זיי פילן מיר אָפּ ניט נאָר אַ פאַרגאַנגענע וועלט, נאָר דעם חותם פון דויער — — —

ווי אַ דיכטער איז ער אויך צו מאָל נאָענט צו שמעון פרוג. סײַ מיט זײַן טאָן און מיט זײַן באַקלאָגן די ייִדישע דאָליע, סײַ מיט דעם תּמימותדיקן שפּראַכלעכן קלימאַט. אָט ווי ער שילדערט אַ שטייגער ייִדיש פאָלק:

...און ס׳האָט פיל מאָל די ערד,\
ווי אַ צערייצטער פײַנד,\
געוואָרפן זיך מיט אים\
בײַם קאַלטן האַס און שפּאָט

אברהם ליס

פון רוחות אַלערליי,
אין אַלע עקן וועלט,
ווו ס׳איז נאָר דאָ אַ לאַנד,
ווו ס׳איז נאָר דאָ אַ פאָלק.
און ס׳האָט זיך ערגעץ ניט
געפונען אויף דער ערד
פאַר זיינע מידע פיס
קיין שטיפער באָדן־גרונט,
קיין רויק לאַנד, קיין היים...

און אין אַ צווייט ליד („מיין ליד״):

די רייכע, די זאַטע, די רויקע מוחות,
וואָס אַרט זיי די טרערן, די בלוטיקע לוויות?
וואָס אַרט זיי דער ברודער, וואָס טרינקט זיך אין בלוט
אַז זיי לעבט זיך רויק, אַז זיי לעבט זיך גוט?

און פאַרשטייט זיך אַ ליד וועגן זיין ליד:

מיין ליד איז געוועבט פון טרערן און שמערץ,
איך שרייב עס מיט בלוט וואָס טריפט פון מיין הערץ.

קיין ספק ניט, היינט זעען אויס די דאָזיקע השתפכותן נאַיוו און אַפילו גראָטעסק מיטן באַקאַנטן „הערץ און שמערץ״. אָבער אַנ־סקי איז געווען אַ קרעפטיקער שרייבער און זיין באַזונדערער כוח ליגט אין זיינע דראַמאַטישע שאַפונגען, אין זיין צילבאַוווסטקייט: אַרויסהייבן דעם יידישן פאָלקס־מאָטיוו, די יידישע טראַגיק, קינסטלעריש פאַרפיקסירן די פאָלקסגלייבונגען, געשעענישן, מינהגים און אויפלעבן אַ וויטלעכע, פרעמדע און דאָך אייגענע יידישע וועלט. „טאָג און נאַכט״ איז די צווייטע גרעסערע דראַמאַטישע שאַפונג אַנ־סקיס. בלויז צוויי אַקטן האָט ער אָבער באַוויזן אָנצושרייבן. דעם

דריטן אַקט האָבן די אַרויסגעבערס פון זײַנע ווערק אַליין צוגעשריבן, לויט זײַן איבערגעבן דעם אינהאַלט בעל־פה. דאָ איז אַרויסגעבראַכט דער גורל פון יחיד אויפן פאָן פון דער אַלגעמיינער יידישער טראַגעדיע.

דער צדיק רב דן דערוויסט זיך פון זײַן מאַמען איר שרעקלעכן סוד. אין דער צײַט פון גרויסן פאָגראָם אין שטעטל, ווען מ׳האָט זײַן טאַטן דעם רבין דערהרגעט אין שול, האָט מען זי, דער רביצין, מאנס געווען. פאַר דער גסיסה רופט זי אויס, די רביצין: „אַ זון אַ ממזר און אַ גדול בישׂראל״. רב דן, אַ געבראָכענער פון פאַרצווייפלונג, פאַרשטייט ער איצט פאַר וואָס ס׳איז אַזאַ שרעקלעכע מגיפה אין שטעטל, ער פרווט קעמפן מיט דער סטרא אחרא און ער שטאַרבט מיטן געדאַנק: „ניטאָ קיין דין, ניטאָ קיין יושר״. ווידער אַ סאָציאַלע צושפּיצונג דווקא אין אַזאַ אינהאַלט.

אַנ־סקי, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער רוסישער ראַדיקאַל־פּראָ־גרעסיווער אינטעליגענץ איז דאָך ווײַט געווען פון פלאַכער אַפּיקורסוס. אין זײַן בוך „פּיאָנערן״ (פּיאָנערן פון השׂכלה) פילן מיר אָפּ זײַן טיפע פאַר־ערונג פאַר מאמינים און פאַר אמונה.

ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן איז ער געווען אַן אַקטיווער מיטבויער פון יעדער קאָנסטרוקטיווער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אויף דער דעמאָלטיקער שטורמישער „יידישער גאַס״. ער האָט אויסגעזונגען די „שבועה״ פאַרן „בונד״ באַגלייט מיט סאַרקאַזם לגבי דער ציון־בענקעניש, אָבער לעבנדיק מיט די שטימונגען און האָפענונגען פון יידישן עולם האָט ער אין יאָרן אַרום געזונגען „דאָס נײַע ליד״, וואָס הייבט זיך אָן:

שוין טויזנטער יאָרן ווי ס׳ברענט אונדזער דאָרן,
אין צער און אין צאָרן און ווערט ניט פאַרברענט.

אַנ־סקי האָט פאַרויסגעפילט דעם נאַציאָנאַלן אויפקום.

אפרים אויערבאַך

ער איז געווען אַ שלימותדיקע דיכטערישע פּערזענלעכקייט. כאָטש אין תּוך איז שלימותדיקייט און דיכטערישע שאַפערישקייט גאָר, צו מאָל, דאָס פאַרקערטע, דאָס ווידעראַנאַנדיקע. דער אומרו, דער פּאָעטישער פיבער, די ספקות, די אינערלעכע צוויפלען וואָס האָבן געפלאַטערט אין אים — און זיי קענטיקן זיך אַזוי אַרויס אין זײַן שאַפן — זענען אָבער געווען פאַראַנקערט אין אַ געזונטן, קערנדיקן באָדן, וואָס האָט אי באַווירקט צו דער פּסיכישער יוירונג, צו דער פיבערדיקער טעמפּעראַטור, אי געהאַמעוועט, קאָנטראָלירט און באַלאַנסירט זײַן שרײַבעריש־קינסטלערישן באַנעם.

און דער קערנדיקער באָדן איז געווען יידישע ליטעראַטור. ניט די עלהיי כמו־טעריטאָריע, — ווי עס האָט אויסגעחלומט און אויסגעפאַנטאַזירט דער ליטעראַטור־פאָרשער און טשודאַטשנער קריטיקער בער ריוקין, נאָר יידישע ליטעראַטור ווי די באַזע פון דעם אַליידישן נאַציאָנאַלן אויסדרוק, ווי די ריזלדיקע קוואַליקייט פון אונדזער דורותדיקער שאַפערישער וויטאַליטעט.

ווי גריילעך אָט דער מאָטיוו איז אַזוי ניכּר אין אויערבאַכס ברייטער פּאָעטישער שאַפונג, קומט איצט דער צונויפזאַמל פון זײַנע עסייען און ליטעראַטור־קריטישע אַרבעטן אין די צוויי בענד „אויף דער וואָגשאָל" און הייבט אַרויס אָט דעם עלעמענט נאָך העכער און שטאַרקער און בולטער. אַ מאָל פילט מען עס אָפּ צווישן די שורות, און אַ מאָל רעדט אויערבאַך וועגן דעם מיט פּובליציסטישער אָפנקייט. אַ שטייגער אין איינער אַן אָפּ־האַנדלונג זאָגט ער:

„ערשט מיט אַ צוויי צענדליק יאָר צוריק איז געווען פּאָפּולער דער זאָג, אַז אין בריטאַניע גייט די זון קיין מאָל ניט אונטער." — — און ער גייט באַלד צו דעם עיקר־אויספיר: „וואָס איז אָבער שייך דער יידישער ליטע־ראַטור, קען מען דעם דאָזיקן באַגריף מיט זיכערקייט אָנווענדן, אַז די זון גייט קיין מאָל נישט אונטער אין איר."

געמיינט האָט דאָ אויערבאַך איר אַלוועלטישן כאַראַקטער. געמיינט האָט ער אָבער בעיקר, אַחוץ דעם וווּנדערלעכן זין און דעם אייגנאַרט פון איר

צעשפּרייטקייט, דעם טיפן זין פון איר ייִדיש־פֿאָלקישער, פון איר ייִדיש־נאַציאָנאַלער שליחות. אָט דער געפיל פון דיכטערישער שליחות איז געווען דער באָדן, געווען דער קוואַל פון וועלכן ער האָט געשעפּט דעם כּוח צו גאַנצקייט. דעם כּוח פון גלויבן.

ס׳איז מער ווי אַ חסד של אמת, וואָס די משפּחה האָט געטאָן, מיטן אַרויסגעבן די צוויי בענד עסייען, און איך קען די רירנדיקע איבערגעגעבנקייט פון זײַן פרוי חנה, פון זײַן טאָכטער אַדאַ און דעם זון הערשל — טײַערע ייִדישע מענטשן. אין די ביכער פילט מען אויך די געניטע האַנט פונעם צונויפשטעלער — איינער פון אונדזערע באַגאַבטסטע שרײַבערס, יצחק יאַנאַסאָוויטש. אָבער דורך די צונויפגעבראַכטע עסייען דערקענען מיר נעענטער, גאַנצער און לויטערער דעם גײַסטיקן וועג, דעם שאַפערישן גאַנג פון אָט דער שרײַבערישער פּערזענלעכקייט — אפרים אויערבאַך.

וואָס עס קענטיקט זיך אַרויס אין די עסייען איז ניט בלויז אויערבאַכס טיפע קענטשאַפט און זײַן היימישקייט אויף די אַלע וועגן און שטעגן פון וואָרטקונסט, ניט בלויז זײַן קענען אָפּפילן די דינסטע וויבראַציעס און די סודותדיקע און רמזדיקסטע שפּירונגען פונעם שאַפער וועלכן ער באַהאַנדלט, ניט בלויז זײַן טיפן פאַרשטיין און באַנעמען די שטילסטע בײַטענער — אין דער מאָזאַיִק פון וועלכער עס שטעלט זיך צונויף ליד און דערציילונג און עסיי, נאָר איבער אַלעם קענטיקט זיך אַרויס אין זײַנע ליטעראַטור־קריטישע עסייען די זעלטענע מענטשלעכע, פּערלדיקע גוטגיניקייט. ניין, דאָס איז ניט קיין קאָלעגיאַלער גלעטן איבער דער פּלייצע, ס׳איז ניט קיין ווייכהאַרציקייט לגבי שרײַבער־קאָלעגעס, מחמת מיר לעבן אין אַ טרויעריקער צײַט און מען דאַרף פאַרמינערן בייז. — — פאַרקערט, ניט נאָר קאָן ער זאָגן אַ קריטיש וואָרט, נאָר ער קאָן צו מאָל אַרײַנזאָגן און אַפילו געבן אַ קריטישן ביס. ניט מער, ער טוט עס מיט איבערצײַגנדיקן אויסטײַטש, מיט טרעפלעכן אַנאַליטישן אָנווײַז, און דערבײַ מיט אַזאַ חשיבותדיקער באַציִונג און וואַרעמען אויפפיר! ווײַל עס גילט פאַר אים אַלע מאָל, אַז אַ ליטעראַטור באַשטייט און שאַפט זיך אויף פון גרויסע און קלענערע, און אויך זיי, די קלענערע, האָבן זייער אָרט און פּאָזיציע.

אברהם ליס

*

הונדערט זעקס אָפּהאַנדלונגען און עסייען קומען אַרײַן אין די צוויי בענד. „אויף דער וואָגשאָל" זענען באַטראַכטונגען וועגן די שאַפונגען, וואָס האָבן בײַגעטראָגן און באַרײַכערט אונדזער ליטעראַטור. און מיר שפּירן די פרייד וואָס עס פילט אַן אויערבאַכן — ניט נאָר ווען ער קען אַרויסהייבן און מפרש זײַן אַ גרויס ווערק, נאָר צו מאָל אויך ווען ער אַנטפּלעקט די שיינקייט פון אַ שורה, די גערעכטיקייט פון אַ שאַפערישן געדאַנק, דעם געוואָגטן אימאַזש פון אַ יונגערן דיכטער. טרעפט ער אָן אַ בילדערישן זאַץ בײַ אַ דערציילער — דאַכט זיך מיר, ווי מיר הערן זײַן אויסרוף מיט פאַרוווּנדערונג און התפעלות: „זע ווי ער האָט עס געמאַכט!" אָט די באַציִונג וואָס מיר פילן אָפּ אין די עסייען, אָט די גוטגיניקייט איז דער קענצייכן פון אַן עכטן, גרויסן קינסטלער.

אין דעם ערשטן באַנד פון די געזאַמלטע עסייען קומען אַרײַן אָפּהאַנדלונגען וועגן פּאָעזיע, וועגן אָט דער שיינער, דערהויבנדיקער קונסט פון אַלע זעקס קונסטן. און ער אָטעמט דאָ — אויערבאַך — פול און באַוועגלעך. און אַפילו דער אומרו איז דאָ אַ שאַפערישער, אַן אויפטועריש ער. ס'איז זײַנס. דאָ קאָן ער אָנווענדן ניט נאָר דעם מעטאָד פון דיכטערישער קריטיק. ער קען דאָ אָנווענדן פּראָדוקטיווע אַנטפּלעקערישקייט, דאָ קען ער פּראָדוצירן געדאַנקען, וואָס שייך דיכטונג. דאָ קען ער קאָמבינירן — און מיט אַזוי פיל שאַפערישער פאַנטאַזיע אַרײַנטײַטשן וואָס שייך דעם באַטײַט און דעם סוד פון וואָרט.

לירישע שיינקייט און גוטע פּאָרטראַכטקייט פאַרמאָגן זײַנע עסייען ווו ער רעדט זיך אַראָפּ (אין אַ צאָל אָפּהאַנדלונגען). אַ שטייגער, אין דעם ערשטן עסיי „געטראַכט מיטן ליד". אָט זענען עטלעכע שפּליטערן פון זײַנע באַטראַכטונגען, ווו געדאַנק, מיין און שטימונג גייען בײַנאַנד:

„פרייד און טרויער, שימחה און אומעט, וואָס זענען בכלל מיסטישע איבערלעבונגען בײַם מענטשן, ווערן בײַם פּאָעט נאָך מער מיסטיש, דערפאַר וואָס ער זוכט אויסדרוק פאַר זיי". „פאַרן פּאָעט אַנטפּלעקט זיך דער טרויער אָדער די פרייד אין זייער באַזונדערקייט, ער גיט זיי בילדלעכקייט. ער פילט

אָן דאָס וואָרט מיט יענעם מיסטיציזים, וואָס ער שפּירט אים אין זיך. דערפאַר האָט דאָס פּאָעטישע וואָרט אַ הינטערוואָרט. נישט קיין קלאָרער מיין איז עס, נאָר אַ שאָטן פון אַ מיין.״

און נאָך אַ פּאָר שורות:

„דאָס וואָרט, איידער סע ווערט געבוירן, האָט אַ קול, וואָס הערן הערט מען עס אין טיפסטע טיפענישן פון דער נשמה, בפרט האָט אַ קול דאָס וואָרט ביי ייִדן. דאָס קול איז געוועז דער גרויסער כּוח, וואָס האָט אונדז געפירט אין דעם געשיכטלעכן גאַנג אונדזערן״.

אַזוי קייטלען זיך אין אויערבאַכס עסייען באַטראַכטונגען, געדאַנקען, מיינונגען און מיינען, רמזים און אויסטײַטשן, און אַפילו ווען מיר פּרווון מחולק זײַן מיט זיי, באַווירקן זיי אונדז מיט זייער אויפטוערישקייט און נאַראַטיוו־פּאָעטישן טאָן.

ס׳איז וואָר, אַז זײַן עסיי טראָגט אין זיך דעם אייגנדיקן קול פון זײַן ליד. רופט זיך איבער מיט זײַן ליד און ער קומט זיך צוזאַמען אין דער שאַפערישער אידעע פון אפרים אויערבאַך. ס׳איז זײַן אײַגנדיקער שאַפערישער קלימאַט, זיי זענען פון די זעלביקע טיף ייִדישע וואָרצלען, פון זעלביקן אַפּשטאַם, ווי ער זאָגט:

גערשנט האָב איך שטילע פרייד פון מײַנע זיידעס.
געכאָוועט האָט מיך ערד אין בעסאַראַבער קאַנטן,
נאָר איבער ערד תּנכישער האָב איך געשפּאַנט.

ווייסן מיר אויך דעם באַזונדערן פּאַרדינסט פון אפרים אויערבאַך ווי דעם פּיאָנער פון ייִדישן ארץ־ישראל־ליד.

אויערבאַך האָט נאָך געדענקט יענע צײַט און פּאָעטיש האָט זיך עס אַלע מאָל אָפּגעפרישט ביי אים — ווען אין לאַנד האָט זיך געטראָגן מידברדיקער שטויב און ווען פון די מאַלאַריע־זומפּן האָט מען אָנגעהויבן אויסקנעטן פרוכפּערדיקע שטחים. שטחים לעבן. געווען איז אויערבאַך אַ סאָלדאַט אין ערשטן ייִדישן לעגיאָן, אין דעם גדוד פון די מוילאייזל־פירערס אין גאַליפּאָלי אין דער צײַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (ס׳איז אַ העראָיש קאַפּיטל

הײַנטצײַטיקער ייִדישער געשיכטע, וואָס די געשעענישן און משונהדיקייטן פֿון אונדזער צײַט האָבן עס היפּש פֿאַרבלאָסט). שפּעטער איז ער געוואָרן אַ שומר אין ייִדישע קאָלאָניעס, און אויערבאַך האָט ליב געהאַט סײַ געדאַנק־לעך, סײַ פּאָעטיש זיך אומצוקערן צו דער שטימונג, צו דער אידעיִשקייט, צו דעם דראַנג פֿון יענער תּקופֿה, וואָס האָט נאָך אין זײַן בעסאַראַבער יאָדערדיקער היים מיט די ברייטע פֿעלדער פֿון ווײַן און שפּע און פֿון „וואָכיקן סטעפּ" געפֿורעמט אין אים דאָס ייִדיש־פּאָעטישע געמיט.

און אויערבאַך איז זוכה געווען צו ווערן אויב נישט דער ערשטער, איז פֿון די ערשטע ייִדישע דיכטערס וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט אינעם ייִדישן ליד דעם אויפֿגיי פֿון נײַעם ארץ־ישׂראל. דאַכט זיך אַז אין יענער צײַט, מיט ווײַט איבער אַ יובֿל יאָרן צוריק האָט קיינער, און געווען זענען שוין דאַן קענטיקע ליטעראַרישע אָנהייבן — שמואל יעקבֿ אימבער איז געקומען אין לאַנד, און שלום אַש און ברכות און תּלוש — קיינער האָט מיט אַזאַ אוממיטלבאַרקייט און עכטקייט ניט אויסגעזונגען דעם ארץ־ישׂראל ניגון אין ייִדיש ווי ער, ווי אויערבאַך. ער האָט אײַנגעאָטעמט און דערפֿילט דעם נײַעם באַטײַט ווען:

„עס ווײַזן זיך גילדענע זאַמדיקע ברעגן, בלוי פֿאַרחלומטע בערג
פֿון דער ווײַטן"

און מיט איבער זעכציק יאָר צוריק האָט זיך אויסגעקענטיקט די באַשטימונג:

„וועל איך אויף פֿעלדער טרייסט דאָ געפֿינען, לעבן מײַנס וועל איך
דאָ לויטער באַגײַען".

אָט די אַרויסגעבראַכטע פּאָעטישע שפּירונגען האָבן דאָך געהאַט זייער שורש, געהאַט זייערע וואָרצלען און ער האָט עס נאָך פֿריִער אַרויסגעבראַכט אַזוי האַרציק תּמימותדיק. הײַנט זעט עס אויס שיִער ניט ווי פּרעהיסטאָריע:

ס'האָט אַ פֿאָדעם זיך געצויגן
דורות לאַנגע נאָכאַנאַנד,

און פאַרקניפּט מיך און פאַרבונדן
מיט מײַן ווײַט־פאַרוויסטן לאַנד.

און הגם ער איז נאָכדעם אַוועק, אַוועק קיין אַמעריקע און דאָרט אין ייִדישן מאַסן־ייִשוב געוואָרן איינער פון די בויערס און פאַרמירערס פון דער ייִדישער וואָרטשאַפונג, פון דער ייִדישער פּאָעזיע און ייִדישער עסייִסטיק, האָט אין אים שטענדיק געהויערט, געניגונט דער ניגון און מאָטיוו וועלכן ער האָט אָנגעהויבן מיט זעקס צענדליק יאָר צוריק ווען:

ס'איז בײַנאַכט געוועזן דער הימל טיף אַזוי און בלוי,
און געלייגט האָב איך זיך שלאָפן אין אַ סטערטע שטרוי.

דער טיפער בלוי, וועלכן ער האָט אײַנגעזאַפּט, דער בלוי פון עבר, פון חלום און וואָר, האָט זיך אײַנגעקאָרבט אין זײַן געמיט און באַקומען אויסדרוק אין זײַן שפּעדיקער פּאָעטישער שאַפונג.

*

מען האָט שוין ניט איין מאָל אָנגעוויזן די מקורות פון אויערבאַכס שאַפונג, די מאָטיוון וואָס האָבן אים אינספּירירט.

זײַן היים אויף בעסאַראַבישער ערד, דער פּײַזאַזש און טיפּאַזש פון אָט דער קערנדיקער האָרעפּאַשנער סביבה, אַוודאי ארץ־ישׂראל פון זײַנע ייִנגסטע יאָרן און דער ווירוואַר פון גרויסוועלט אין אַמעריקע, ווו במשך 45 יאָר האָט אויערבאַך געווירקט סײַ ווי אַ פּאָעט, סײַ ווי אַ פּובליציסט, און הגם ער האָט זײַנע אַקטיווסטע יאָרן און אַ סך שאַפערישע כּוחות געווידמעט אין אַמעריקע, איז ער אָבער, דאַכט זיך, קיין ייִדיש־אַמעריקאַנער דיכטער ניט געוואָרן. אַמעריקע איז צום ווינציקסטן אַרײַן אין זײַן ליד. עפּעס ווי די אַמעריקאַנער וועלט וואָלט אים ניט ביכולת געוועזן פּאָעטיש אָנצורעגן, דאָרט האָט ער דווקא געשמידט דיכטערישע רינגען און פאַרקייטלט מיט אַזוי פיל טעם און ייִדישער געהויבנקייט דעם טיפּאַזש און די סביבה פון בעסאַראַביע מיט דער נײַ־אויפגעריכטער ערד פון ארץ־ישׂראל, פאַררינגלט די לאַנדשאַפט

אברהם ליס

פון דער אַלט־דורותדיקער, אָפּגעווישטער היים פון בעסאַראַביע מיט דעם נײַעם בראשית אין מדינת־ישׂראל, און מיט טיפן געמיט ברענגט ער אַרויס די פיבערדיקע ייִדישע וועלט. ס׳איז ניט גראָד בעסאַראַביע, ס׳איז ניט אַמעריקע, ס׳איז די ייִדישע וועלט אין אונדזער הײַנט, ווי אויערבאַך פילט זי אָפּ און פילט זי פּאָעטיש און טיף ייִדיש.

יעקב גלאַטשטיינס יידישע ווערטן

ער איז געווען, יעקב גלאַטשטיין, ניט נאָר אַ גרויסער פּאָעט און פּראָ־זאַיִקער, ניט בלויז אַ פּירנדיקער פּובליציסט און עסייִסט, ער איז געווען אַ דאָמינירנדיקע, גייַסטרייַכע פּערזענלעכקייט. און אָט די גייַסטיקע פּער־זענלעכקייט האָט מען אָפּגעפּילט אין אַלע זייַנע שאַפערישע טווּנגען. אָט דאָס גייַסטרייַכע פון זייַן וועזן און געמיט פּילט מען אָפּ אין זייַן ליד און זייַן וואָרט.

זייַן וואָרט איז אַלע מאָל געווען נייַ און תּוכיק און קלאַנגפול, ווייַל ס'הויכט פון אים מיט פּיקחותדיקן געדאַנק, עס קומט פון אים אויף זייַן יידישער וועלטבאַנעם. און עס פלאַטערט אין אים זייַן ווייַ און די „פרייד פון יידישן וואָרט".

די פרייד פון יידישן וואָרט. — איז ער דאָך געווען איינער פון די זעלטענע מאמינים פון וואָרט, פון יידישן דויער און פאָלקישער המשכ־דיקייט. — —

פאַר די קרוב זעקס צענדליק יאָר פון זייַן שאַפן האָט גלאַטשטיין אַרייַנגעבראַכט אַ ווונדערלעכן קאַפּיטל יידישע פּאָעזיע און פּראָזע אין אונדזער ליטעראַטור.

ווי אַ דיכטער האָט ער אויפגעזונגען אויף אַזעלכע מאָטיוון און אַרייַנ־געבראַכט טענער און אימאַזשן, וואָס זענען ביז אים ניט באַקאַנט געווען. זייַן סוגעסטיווער געפיל, זייַן מעטאַפאָר און די אינהאַלטלעכע בילדלעכקייט פון זייַן ליד, זייַנע דיכטעריש־נאָוואַטאָרישע אויפטוען אָטעמען מיט דער אייגנדיקייט פון זייַן קינסטלערישער פערזענלעכקייט, וואָס איז אי וועלטיש אי טיף יידיש.

ווי אַ פּראָזאַיִקער האָט ער אויפגעשאַפן אַ סטיל, וואָס איז איינציקאַרטיק אין זייַן פורעמווּעג, מקורותדיק אייגנדיק אין זייַן ריטעם. און אין דער בילדערישער, נאַראַטיווער שילדערונג, ווי אַן עסייִסט און ליטעראַטור־קריטיקער האָט ער, ווי זעלטן ווער, אויסגעבונדן מחשבה און אויסטייַטש, אַנאַליטישן געדאַנק און שיינקייט פון אויסדרוק. — —

ווען עס זענען אַרויס זײַנע פּראָזעביכער „ווען יאַש איז געפאָרן" און „ווען יאַש איז געקומען" — און זײַן פּראָזע־שאַפונג פאַרגאַנצט זיך, בינדט זיך אויס מיט זײַן פּאָעטישער שאַפונג ווי איין גאַנצקייט — ווען עס זענען דערשינען אָט די מײַסטערהאַפטע דערציילונגען פון זײַן באַזוך אין פוילן, אין זײַן אַמאָליקער היימשטאָט לובלין, איז מען פאַרכישופט געוואָרן פון דער אַנדערשקייט און פרישקייט פון זײַן פּראָזעסטיל, פון זײַן דערציילערישער פאַרביקייט און פון זײַן נאָוועליסטישער קראַפט.

שמואל ניגער האָט יאָרן שפּעטער כאַראַקטעריזירט אָט די גלאַטשטיין־שאַפונגען זאָגנדיק: „קיינער האָט ניט אַזאַ אייגנאַרטיקן, אַזאַ אייגענעם ייִדיש ווי יעקב גלאַטשטיין. ער איז אַ מאַעסטראָ, ווען ער שפּילט אויף זײַנע אייגענע כּלים, אויף די אינסטרומענטן וואָס ער האָט אַליין געשליפן". און ס'איז אַ טרעפלעכע באַטאָנונג. ווײַל דער גרויסער קינסטלער מאָנטירט אַליין, שאַפט אויף אַליין און שלײַפט די כּלים מיט וועלכע ער שאַפט, ס'הייסט אויף זײַן סטיל און פאָרעם.

יעקב גלאַטשטיין האָט מיט זײַנע בעלעטריסטישע שאַפונגען בפירוש אויסגעברייטערט די ראַם פון ייִדישן פּראָזעסטיל.

אויב ער אַליין איז געווען פּאָעזיע און פּראָזע וואָס מען קען זיי ניט צעשיידן, אַזוי געקניפּט און געבונדן זענען זיי צווישן זיך — איז עס אויך אַזוי זײַן ליד, איז עס אויך זײַן דערציילונג און עסיי, ס'איז אַ שטייגער, ווי אין זײַן פּאָעמע וועגן בראַצלאַווער (איינס פון די שענסטע פּאָעמעס), וווּ ער זאָגט אין זײַן בענקשאַפט און באַגער נאָך אינערלעכער שלימות:

ווי וווּנדערלעך דאָס איז
איינס — אחד, איינס און באַזונדערס איינס
איז אַלץ אחד,
הער נאָר ווי פּשוט, ווי אַליין, ווי שיין,
ווי טרויעריק שיין,
איינס אחד.

און אַז מיר האָבן שוין דערמאָנט די פּאָעמע „דער בראַצלאַווער צום סופר", וואָס איז, אגב, ווי מיר דאַכט זיך, איינע פון די כאַראַקטעריסטישע

שאַפונגען גלאַטשטיינס — כאַראַקטעריסטיש אין דער אָנווענדונג פון כּל־ערליי פאָרמען, ווי ער פלעגט עס טאָן: עפּיגראַמאַטישע, שאַרף־זאָגערישע, פאַרדבקטע, און רייד־נוסח אין זײַן ליד באַקומט אויך פּאָעטישן ניגון, פּאָעטישע טעמפּעראַטור; און אין דער זעלבער פּאָעמע ברענגט אַרויס גלאַטשטיין די געשטאַלט פון בראַצלאַווער אין זײַן ווילן צו זײַן וואָס פּשוטער, וואָס איינפאַך־פאָלקישער:

א גוטן־מאָרגן דיר, רבונו דעלמא,
כ׳גרויס דײַן נאָמען און איך בענטש.
אַזוי דאַוונט צו דיר, גוט־ברודעריש
אַ פּראָסטער, זמאָסטער מענטש,
כ׳נעם אָן אַלע דײַנע חסדים.
אויף אַלץ וואָס דו באַשערסט מיר בין איך קאַפּאַבל,
מיט פרייד וועל איך זײַן אַ נותן,
און כ׳בין ניט צו שטאָלץ צו זײַן אַ מקבל,
און שפּאַנען וועל איך הײַנט שפּאַנען און שפּאַנען,
ביז ס׳וועט זיך הערן אַ בת־קול פון דײַן פענצטער:
פון אַלע קליינע, פּראָסטע מענטשעלעך,
ביסטו בראַצלאַווער דער פּראָסטסטער און דער קלענסטער.

אויך אָט דאָ, אין אָט די געבראַכטע שורות, איז פאַראַן גלאַטשטיינס דיכטערישע מעדיטירונג, זײַן דיכטעריש־פילאָסאָפישער געדאַנק: „אויף אַלץ וואָס דו באַשערסט מיר בין איך מקבל, מיט פרייד וועל איך זײַן אַ נותן און כ׳בין ניט צו שטאָלץ צו זײַן אַ מקבל”.

*

יעקב גלאַטשטיין איז אויפגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור גאָר יונג. צו אַכצן יאָר האָט ער אָפּגעדרוקט זײַן ערשט ליד אין דער ניו־יאָרקער „פרײַער אַרבעטער שטימע” — און זינט דאַן שפּרייט זיך אַ קוואַליקע שאַפונג.

ווי איינער פון די באַגרינדער פון דער אינטראָספּעקטיווער דיכטונג, איז ער געוועזן מער ווי דער אָנזאָגער פון דעם שפּעטערדיקן אויפגאַנג און אַנטוויקלונג פון דער „אינזיך"־גרופּע, פון דער „אינזיך־פּאָעזיע". און כאָטש, דאַכט זיך, שפּעטער האָט ער צו דער גרופּע ניט געהערט — איז אָבער די אינזיכיסטישע פּאָעטישע אידעע, ווי דער אינזיכיסטישער דיכטערישער נוסח, געווען אים צום נאָענטסטן. ס'איז געווען זײַן אינזיכיזם, אויף זײַן אינטעלעקטועלן שטייגער און אין זײַן שאַפערישער פאָרעם.

שוין פון אָנהייב פון זײַן שאַפן האָבן זיך זײַנע לידער אויסגעטיילט הן מיט זייער אינהאַלט, מיט זייער אינערלעכער וועלט, הן מיט זייער אינטעלעקטועלער שפּירונג, און צו גלײַך מיט דער וואַרעמער בילדלעכקייט און סוגעסטיוון אויסדרוק, מיט זייער בליציקן אימאַזש, מיט זייער ראַפינירטן און דאָך ייִדיש־וואָרצלדיקן לשון. — —

דאָס איז זײַן קינסטלערישער כּוח. בולטע שאַרפקייט פון בילד און אימאַזש און עשירותדיקער צעשפּילטער לשון, און איינס דעקט, ווען דאָס אַנדערע ווערט שוואַך. און דאָס אַנדערע דערגאַנצט און מאַכט דערהויבנדיק שיין, ווען ער דערשפּירט אַליין ערגעץ ווו אַ סתירה. געוויס איז ניט מעגלעך — אין איין מאמר — צו באַהאַנדלען, אַפילו בלויז אָרויסצוברענגען די אַלע עלעמענטן און מאָטיוון און די צעכוואַליעטע שפע פון טעמעס און פּראָבלעמען, וועלכע גלאַטשטיין האָט אַרײַנגעפּירט אין זײַן ליד און אַרויסגעזונגען פון זײַן ליד. אָט איז אַ בײַשפּיל פון זײַן ריטערלעכער ליבשאַפט צום ייִדישן וואָרט און פאַרהערלעכונג פון ייִדישער אַלטפּאַלקישקייט, זײַן טיפער, שיעור ניט מיסטישער אהבת־ישראל:

אָ לאָזט מיך צו, צו דער פרייד פון ייִדישן וואָרט,
גיט מיר גאַנצע פולע מעת־לעתן,
פאַרקניפּט מיך, פאַרוועבט מיך,
טוט מיר אויס פון אַלע אייטלקייטן,
באַשפּײַזט מיך דורך קראַנען, שענקט מיר קרישקעס,
אַ געלעכערטן דאַך און אַ האַרט בעט.
אָבער גיט מיר גאַנצע פולע מעת־לעתן,

לאָזט מיך נישט דאָס יידישע וואָרט
אויף אַ רגע פאַרגעסן.

ניט ווייניקער קרעפטיק איז זײַן אידענטיפיקאַציע מיט יידישער דורות־דיקייט און נאַציאָנאַלער פאַראייגנקייט. סײַ אין טעג פון חדווה, סײַ אין צײַטן פון צער, ווי עס ווערט דערציילט אין דער אגדה, זענען אַלע יידישע דורות געווען בײַם מעמד הר־סיני, בײַם געבן די תורה. ער, גלאַטשטיין, דער היפער־מאָדערנער פּאָעט, איז געווען אַן עדות פון דעם מעמד, ווי דער פּונק פון יענער צעצונדנקייט גייט איבער יידישע דורות און תקופות ביז אונדזערע הײַנטיקע טעג.

און געוויס געדענקען מיר זײַן אויפטרייסלענדיקע דעקלאַראַטיווע ליד „אַ גוטע נאַכט, וועלט”, אַ ליד פון טיפסטן ווייטיק און איבערלעבונג, געשריבן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווען מיר אַלע, און ער, דער וואַכזאַמער דיכטער, נאָך טיפער, האָבן דערפילט די טראַגיק, וואָס עס קומט אָן — האָט ער אויסגערופן:

מיט דעם שטאָלצן טראָט,
אויף מײַן אייגענעם געבאָט —
גיי איך צוריק אין געטאָ.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט געקומען פּלוצלונג. דאָס ליד „אַ גוטע נאַכט, וועלט” האָט אין יענער צײַט, מיט איבער דרײַסיק יאָר צוריק, אַרויס־גערופן אַ שטורעם. איבער 200 אַרטיקלען זענען געדרוקט געוואָרן אין דער יידישער און ניט־יידישער פּרעסע וועגן אָט דעם דאָזיקן ליד. טייל האָבן אים באַשולדיקט אין רעאַקציאָנערישקייט און רעגרעסיע, אין נאַציאָנאַלער היפּערשטעליקייט. אָבער זײַן ליד־דעקלאַראַציע, וואָס באַשולדיקט די „גויי־שע עלעקטריש־צעחוצפּהטע וועלט” שליסט ער מיט רירנדיקע סטראָפעס, פון וועלכע עס רעדט אַרויס דער אַלטפאָלקישער יידישער גלויבן. ס׳איז די אמונה פון פּאָעט וואָס גרייכט ווײַט אין יידישע דורות:

אברהם ליס

און איך האָב האָפן, אַז כאָטש ער זאָמט זיך,
גייט אויף טאָג־איין טאָג־אויס מײַן וואַרטן.
ס׳וועלן נאָך רוישן גרינע בלעטער
אויף אונדזער בוים דעם פאַרקוואַרטן.
כ׳קוש דיך פאַרקאַלטנט יידיש לעבן.
ס׳ווינט אין מיר די פרייד פון קומען.

צום גרויסן צער האָט יעקב גלאַטשטיין זיך ניט טועה געווען, ווען ער האָט געוואָרפן ביטערע זידלווערטער אויף דער וועלט דער גרויסער.

צוויי יאָר שפּעטער איז געקומען די מלחמה און מיט איר דער חורבן פון יידישן לעבן אין מיזרח־אייראָפּע, געטאָ, קאַצעטן, פּײַן און נויט און אומקום.

די יידישע שרײַבערס, די יידישע שאַפערס זענען ווי פאַרשטומט געוואָרן. ווי אַזוי קען מען באַנעמען, און ווי אַזוי קען מען באַשרײַבן, באַווײַנען דעם אומקום פון אַ פאָלק אַ גאַנצן, פון טויזנטער יידישע קהילות...

איך געדענק. און איך האָב עס שוין אַנומלט דערציילט ווי זוסמאַן סעגאַלאָוויטש, וואָס האָט זיך דורך נע ונד־וועגן געראַטעוועט צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע שרײַבערס און דורך יאַפּאַן געקומען אַהער, סעגאַלאָוויטש, וואָס איז געווען אַן אויסגעטובלטער אין פּוילישן יידנטום, איז דאָ געווען אויסגעלאָשן. אין טיפסטן טרויער פלעגט ער אַרומגיין. אין זײַנע פּאָעמעס „דאַרטן", „אין טרעבלינקע", „אין פּוילן" האָט ער געפּרוווט אַרויסברענגען זײַן־אונדזער פאַרלוירענע וועלט. איך פלעג מיך אָפּט באַגעגענען מיט אים. אָדער ער פלעגט אַ סך שווײַגן, אָדער ער פלעגט רעדן אָן אויפהער. ער האָט זיך געראַנגלט מיטן וואָרט. איין מאָל אין אַן אומעטיקן פאַרנאַכט זאָגט ער מיר: זע, מיר האָבן דאָך אַפילו ניט קיין אויסדרוקן, קיין ווערטער פאַר דעם וואָס עס איז געשען. זע, אַ מאָל איז אַ בחור באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליב אַן אומגליקלעכער ליבע, פלעגן מיר זאָגן — אַ טראַגעדיע. ווען אַ געוויינ־לעכן אומגליקספאַל פלעגן מיר זאָגן — אַ קאַטאַסטראָפע. הײַנט, הײַנט באַנוצן מיר זיך מיט די זעלביקע ווערטער אויפן אומקום פון אַ גאַנץ פאָלק.

אין דער מחיצה פון שאַפער

סעגאַלאָוויטש האָט געפונען אויסדרוק פאַר זײַן צער אין דער באַשרײַבונג פון אונדזער פאַרלוירענער וועלט אין מיזרח־אייראָפּע, ווי עס האָבן עס געפונען יידישע דיכטערס און יידישע פּראָזאַיקערס. און עס איז אונדזער חורבן־ליטעראַטור — ווי מאָדנע דאָס איז ניט צו זאָגן — באַהויכט פון קינסטלערישן וואָרטאויסדרוק. אָבער יעקב גלאַטשטיין איז דאָן געקומען מיט זײַן אייגנדיקן רוף, וואָס איז געוואָרן שליחות. ער האָט געזאָגט:

לאָמיר זיי פאַרשרײַבן, ברידער,
אין אַ נײַעם מחזור, אין אַ נײַעם סידור.

„און פון דאַן אָן — ווייזט אָן ריכטיק דער דיכטער יצחק יאַנאַסאָוויטש — פון דאַן אָן — אויב מען קעןריידן וועגן אַ פּאָעטישער פּראָגראַם אין אָנבליק פון אַ מיליאָניקן קדושים־טויט — זענען גלאַטשטיינס ווערטער געוואָרן אַ פּראָגראַם פאַר אַלע, וואָס האָבן אין זייער שאַפן אויף יידיש געבלוטיקט אויף דעם חורבן פון פאָלק״:

אין אַלע תפילות לאָמיר זיי דערמאָנען,
אין אַלע יזכורס וועלן מיר זיי באַוויינען
אין אַלע יתגדלס זאָל מען זיי דערקאָנען,
אונדזערע אַלע התקווהס זאָלן זיי באַשיינען.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער כּוח פון דעם דאָזיקן ליד? ער איז, דאַכט מיר, באַשטאַנען דערין וואָס גלאַטשטיין האָט אין די פינצטערע שעהען פאַר אונדזער דיכטונג אַנטפּלעקט אַן אָריענטיר־ליכט וואָס האָט געהאָלפן דערפילן די דיכטערישע באַשטימונג.

„לאָמיר זיי פאַרשרײַבן, ברידער״ איז געוואָרן אַ סטימול פאַר אונדזער יידישער ליטעראַטור.

און סטימולירט האָט גלאַטשטיין די יידישע שאַפונג אויך מיט זײַנע אַרטיקלען און עסייען.

אין זײַנע הונדערטער און הונדערטער עסייען איבער צײַטפראַגעס,

אברהם ליס

איבער יידישע פּראָבלעמען און וועלט־געשעענישן האָט ער אַרויסגעבראַכט געוואָגטע מיינונגען און אַלע מאָל מיט אַ נײַעם צוגאַנג און אויסטײַטש. אָפט מאָל זענען עס געווען פּאַראַדאָקסאַלע אויסטײַטשונגען און טראַציקע מיינונגען. אָבער דער לירישער נוסח, דאָס פערלדיקע אייגנדיקע לשון, זײַן וואָרטשפּיל און שאַרפזין פון אַפאָריזם און די עמאָציע פון זײַן שפּראַך און געפיל האָט סטימולירט. אין זײַנע ליטעראַטור־קריטישע עסייען, און דאָס זענען ניט בלויז עסייען, נאָר ליטעראַרישע עקסקורסיעס איבער תקופות, לענדער און שאַפונגס־קלימאַטן, האָט ער פאַרפיקסירט דעם גאַנג פון אונדזער ליטעראַטור — אין אַלע אירע אַנטפלעקונגען און אויף אַלע וועגן.

זײַנע צוויי בענד עסייען „אין תוך גענומען״, זײַנע עסייען־זאַמלונגען „אויף ברייטע טעמעס״ און „מיט מײַנע פאַרטאָג־ביכער״ זענען פּרקים באַגלייט־געשיכטע פון דער יידישער און ניט־יידישער ליטעראַטור.

גלאַטשטיין האָט געשריבן ניט ווייניק ישׂראל־לידער און ווי דער רוב זײַנע לידער זענען זיי קלוג און בריהדיק.

אָט זענען עטלעכע סטראָפעס פון דער פּאָעמע „געזאַנגען״, און לאוו דווקא פון די לירישע:

צווישן די פּליטים פון נויט און פון מאַטקייט
וועלן קומען די לעצטע די פּליטים פון זאַטקייט.

זיי וועלן קומען זיך צערן ביזן יידישן בייך,
זיי וועלן זײַן די אָפּוואַרטערס, וואָס וועלן האַנדלען מיט פאַרשטאַנד,
זיי וועלן שיקן מרגלים אין יידישן לאַנד.

און ביז מ׳וועט זיי ניט ברענגען שוואַרץ אויף ווײַס
פון דאָרטן אַ שריפט,
אַז דער מילך און האָניק האָט זיך שוין צעטריפט —
וועלן זיי וואַרטן...

אין דער מחיצה פון שאַפער

געווען איז גלאַטשטיין אַ וועלטמענטש אין דער ליטעראַטור, כאָטש ס׳איז וואָר ווי ער האָט געזאָגט: „ווער עס האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף וועלט — איך אויף ייִד״.

אַ גרויסער ייִד איז געווען יעקב גלאַטשטיין, און אַן ערשטמאָליקער קינסטלערישער שאַפער וועמענס ניגון וועט אויסקלינגען און וויברירן פאַר אַ סך דורות. — — —

זלמן שזר

(צום דערשײַנען פון בוך „אַפּשאַצונגען און עסייען")

זלמן שזר איז געווען איינער פון די ליכטיקסטע געשטאַלטן אין אונדזער הײַנטיקער תּקופֿה. במשך יאָרצענדליקער האָט ער בײַגעטראָגן אויף אַלע שטחים פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן.

ער האָט בײַגעטראָגן מיט זײַן געדאַנק און מיט זײַנע מעשׂים — געזעל־שאַפֿטלעך, פּאָליטיש און ליטעראַריש — מיט זײַן וואָרט האָט ער באַפליגלט דעם אָרום.

ווי דער נשׂיא פון מדינת־ישׂראל האָט זלמן שזר באַצירט ניט נאָר די הויכע שטאַטלעכע פּאָזיציע אין דער מדינה, זײַן פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געטראָגן דעם טיפֿן מהות פון אַ דענקער און שרײַבער, האָט זיך אויסגעווירקט אויך איבער אַלע ייִדישע תּפֿוצות. דער ייִדישער מענטש פון אומעטום האָט אַרויפֿגעקוקט צו אים מיט אָפּשײַ און פֿאַרערונג, מיט אַכטונג און ליבשאַפֿט.

זלמן שזר האָט געטראָגן אין זיך דאָס עומקותדיקע פון אונדזער גרויסער פֿאַרגאַנגענהייט און פון אונדזער גײַסטיקן המשך — —

אין אים האָט געגלימערט די וואָרעמקייט און די באַציִונג צו אונדזער אָקערשטיקן ייִדישן גאַנג אויף אַלע שליאַכן און איבער אַלע עטאַפּן אין גלות. און אין אים האָט געאָטעמט שאַפֿערישע דערהויבנקייט, גײַסטיקע דערהויבנ־קייט וואָס האָט געבונדן גלות און ארץ־ישׂראל. אַזוי האָט ער געשטאַלטיקט און געפֿורעמט זײַן פּאָזיציע — ווי אַ ווירקנדיקע ייִדישע געשטאַלט — די פּאָזיציע פון נשׂיא בישׂראל, אַזוי האָט ער אויפֿגעשאַפֿן זײַנע וויכטיקע פֿאַרשערישע עסייִסטישע און ליטעראַרישע ווערק. ייִדישער עבר, גאולה־געדאַנק, ארץ־ישׂראל און ייִדיש לעבן אין דער וועלט — דאָס איז געווען די גענעזע פון זײַן שאַפֿן.

די זאַמלונג „אַפּשאַצונגען און עסייען", וואָס איז ניט לאַנג צוריק דערשי־נען (פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ, ת"א, 1976, 220 זז') איז צוגעגרייט געוואָרן אין דעם לעצטן יאָר פון זײַן לעבן. ער האָט ניט נאָר געהאָלפֿן בײַם אָפּקלײַבן די אַרבעטן, ער האָט מיט אויפֿמערקזאַמקייט געלייענט און צו מאָל געמאַכט

באַמערקונגען צו די צוגעגרייטע עסייען, באַזונדערס בײַ די אין וועלכע ס׳זענען אַרײַנגעפירט געוואָרן — אין יידישן טעקסט — סטיליסטישע אָדער שפּראַכלעכע שינויים: זײַן באַציִונג צום וואָרט, צום יידישן וואָרט איז געווען פון אַזאַ אַחריות און פּיעטעט, צו וועלכער נאָר אַזאַ גײַסטמענטש און שפּראַכ־מײַסטער איז מסוגל געווען.

דעם געדאַנק אַרויסצוגעבן אַ באַזונדערע זאַמלונג פון זײַנע עסייען, עסייען פון יידישער מחשבה אין אונדזער צײַט, און זײַנע אָפּשאַצונגען און כאַראַקטעריסטיקעס פון די געשטאַלטן, מיט וועלכע ער איז געווען פאַרבונדן אַ לעבן לאַנג: שרײַבערס, אנשי־רוח, דיכטערס און קינסטלערס — האָב איך געבראַכט פאַר אים, נאָך בעת איך האָב רעדאַגירט דעם ספר „זלמן שזר — נשיא וסופר״ (דערשינען אין יאָר 1969, י.ל. פּרץ פאַרלאַג, תל־אביב), און כאָטש דער פּלאַן פון אַזאַ בוך איז אים געווען צום האַרצן האָט ער דאָך אָפּגעצויגן מיטן פאַרווירקלעכן די אויסגאַבע, די צוגעגרייטע, אָפּגעקליבענע אַרבעטן האָבן זיך געפונען בײַ אים אַ לאַנגע צײַט. עפּעס האָט ער אַלע מאָל געוואָלט פון דאָס נײַ ענדערן, דערגאַנצן, משלים זײַן. אומרו און צווייפלען, וואָס זענען אַזוי שכיח בײַ אַן עכטן דענקער און קינסטלערישן שאַפער, האָבן שזרן אומאויפהערלעך באַוועלטיקט, כאָטש קרוב צו זיבן יאָרצענדליקער האָט ער דאָך געניט און אייגנדיק געפורעמט יידישע מחשבה, מיט וועלכע ער האָט באַרײַכערט די עסייִסטיק אין העברעיִש און יידיש. ס׳איז געווען אי מערקווערדיק, אי באַלערנדיק צו זען און אָפּצופילן שזרס איבער־לעכע איבערלעבונג און זײַן ציטער פאַר יעדער אויפגעשריבענער שורה.

עטלעכע וואָכן פאַר זײַן פּטירה האָט ער מיך גערופן צו זיך, געגעבן זײַן הסכמה אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

אינעם בוך קומען אַרײַן זעקס מאמרים, וואָס זענען פריִער געווען גע־דרוקט אין דעם ספר „ליכטיקע פערזענלעכקייטן״, אַלע אַנדערע אַרבעטן זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן פון זשורנאַלן און צײַטשריפטן. (איך וויל דאָ אַרויסהייבן, — ניט נאָר דערמאָנען — די איבערזעצער: צו ערשט אליעזר פּינעס, דער מײַסטערישער איבערזעצער און סטיליסט, מרדכי שטריגלער, און ישׂראל ריטאָוו ז״ל). עטלעכע עסייען זענען צו דעם בוך ספּעציעל איבער־געזעצט געוואָרן, ווי דער עסיי וועגן זײַן נאָענטן חבר און פרײַנד דעם

העברעיִשן דיכטער א.ש. שוואַרץ, וועגן וועלכן שזר שרײַבט מיט אַזוי פיל פאַרערונג און מיט אינטימען געמיט, איינער פון די מאָדערנע העברעיִשע דיכטערס אין בבל־אַמעריקע, איינער פון די עלנטע, אומעטיקע און שטאָלצע.

דאַכט זיך אַז עפּעס אַ באַזונדערן געפיל האָט שזר געטראָגן פאַר די עלנטע און שטאָלצע.

כאַטש זלמן שזר איז בתוך תּוכו געווען אַזאַ דינאַמיש אַקטיווע פּערזענלעכקייט, פול מיט עכטן לעבעדיקן פּאַטאָס פאַר אַלץ, האָט געהויכט אין אים אַזאַ סובטעל ליטעראַרער אומעט, אַזאַ שאַפערישער אומעט וואָס שמייכלט פּקחותדיק, באַגלייט פונעם אַלטן אין חדש תּחת השמש. און אַזוי, מיט אַזאַ חיותדיקייט און פרישקייט איז ער אַלע מאָל גרייט געווען צו נײַע פאַרמעסטן און שרײַבערישע אויפטוען. אָט ווי כאַראַקטעריסטיש עס זענען געווען זײַנע ווערטער אין אַ בין־השמשותדיקן שמועס שוין נאָך זײַן דערגיין צו די גבורות־יאָרן.

„ס׳איז ניט אמת — האָט ער געזאָגט — אַז די עלטער לעשט אַלץ אויס. פאַרקערט, יעדער טאָג איז בײַ מיר אַן עולם־ומלואו, אַ וועלט אַ גאַנצע. ס׳איז דאָ אַן אינדערפרי, ס׳זענען דאָ די שעהען פון טאָג, דער קאָליריקער פאַרנאַכט. די נאַכט. יעדער טאָג דינט מיך פון דאָס נײַ — אַ וועלט אַ גאַנצע״. אָט דעם קוק, אָט דעם מיין און דעם אויסקלאַנג פילן מיר אויך אָפּ אין זײַנע עסייען (אַזוי אויך אין דעם איצטיקן בוך), מיר פילן דאָ דעם מהות פון זײַנע דענקערישע עקסקורסיעס, ווי מיר פילן עס אין זײַן באַזונדערן שרײַב־נוסח, אין זײַן אייגנאַרטיקער עסייִסטישער פאָרעם. מיר פילן אָפּ און באַוווּנדערן זײַן פענאָמענאַלן זכּרון און זײַן אייגנטימלעכן סטיל, ווי די פאַרביקייט און רײַכקייט פון זײַן שפּראַך. שזרס ספּעציפישן שפּראַכקלימאַט איז ניט לײַכט צו איבערזעצן אין וועלכן עס איז לשון און צו מאָל אויך אין ייִדיש. מחמת זײַן אַרט טראַכטן און שאַפן איז געווען אַ דורכויס, אַן אויסדריקלעך העברעיִשער. שזרס שפּראַך־עשירות איז צונויפגעבונד פון דעם מקורותדיק־העברעיִש־מישנהדיקן מיט איר שפע פון אַנטוויקלונג — מיט דעם העברעיִש פון נײַצײַט. האָט ער געפורעמט אַזוי פלאַסט צו פלאַסט און אויפגעשאַפן זײַן אייגנאַרטיקן סטיל — שזרס שפּראַכסטיל.

אָבער גאָר קיין ספק ניט, אַז אויך דער ייִדישער לייענער וועט אָפּפילן

צוזאַמען מיט דער געדאַנקלעכקייט פון די עסייען אויך די באַזונדערקייט פון זיין קינסטלערישער שרײַבפּאָרעם, פון זיין שרײַבערישער גאָב.

אין זײַנע שריפטן איז ווי פאַרקריצט זעלטענער פיעטעט, וואָס ער האָט געטראָגן צום מענטש, אידעישער גאַנג, טיפע געדאַנקלעכקייט, ייִדישע גורלדיקייט, איז פאַרקריצט די איינציקאַרטיקע ייִדישע פערזענלעכקייט — זלמן שזר ז״ל.

אליהו ליפינער

„צווישן מאַראַנענטום און שמד"

כאָטש דער דאָזיקער, אין פאַרהוילעניש איינגעטונקטער קאַפּיטל פון טיפסטער יידישער מאַרטיראָלאָגיע האָט באַקומען זיין אויסדרוק אין די יידישע געשיכטע־ביכער און, וואָס אַן אמת, נאָך מער אין דורותדיקן געמיט פונעם פאָלק, און די אינקוויזיציע איז מיט אַלע אירע באַגלייט־דערשיינונגען און פאַקטן פאַרבליבן במשך דורות און תקופות אין דעם געדעכעניש פון פאָלקס־מהות, — זענען אָבער גאָר אַ סך בלעטער פאַרבליבן ניט פאַרשריבענע. צי דאָס איז דערפאַר ווייל דער צוגאַנג צו די דאָקומענטן, צו דעם אַרכיוואַלן מאַטעריאַל פון דער אינקוויזיציע איז געבליבן אַ כמעט פאַרשלאָסענער פאַר אַ יידישן היסטאָריקער, צי די סיבה איז גאָר אַן אינערלעכע, דהיינו, ס'האָט געפעלט, מעגלעך, דער דערפאַרענער פאָרשער־היסטאָריקער, וואָס זאָל מיט אַ ניכטער אויג און היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכן באַגער דערקלייבן זיך צו דעטאַלן און פרטים, דערשפּירן די וואָרע איינצלהייטן אַרום די געשטאַלטן פון דער דראַמע — וואָס איז אַ רינג אין דער קייט פון יידישער טראַגיק.

אָפט מאָל איז פאַראַן אַ געפיל, אַז אָט דער גאַנצער דראַמאַטישער פּרק איז היסטאָריש איינגעהילט אין דורותדיקער פאַרהוילעניש און בלויז עפּעס אַן עמאָציאָנעלער ציטער פלאַטערט אַרום אים, פלאַטערט אַזוי אַרום יאָר־הונדערטער! אין יידישן פאָלקס־זכרון.

איז געקומען ד"ר ליפינער און האָט אי באַשטעטיקט אי צו נישט געמאַכט אָט די געבראַכטע סברות.

דאָס בוך „צווישן מאַראַנענטום און שמד" אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ סך פון דעם ביז איצט פאַרהוילענעם און פאַרבאָרגענעם. אין דער זעלביקער צייט פילן מיר אָפּ ווי שווער עס איז אויסצובינדן און אויסצוקייטלען אַ פּרטימדיקע היסטאָרישע גאַנצקייט. כאָטש ד"ר ליפינער האָט אויפגעטאָן וווּנדער מיט אויפדעקן און אויסטייטשן, איז אָבער דער רוב מאַטעריאַל פון איין קוואַל, גענומען פון איין צד, ס'איז דער מאַטעריאַל פון די מאַנ־

סטערס. די אַקטן און פּראָטאָקאָלן און פּסקי־דין פון די אינקוויזיטאָרן, וואָס זענען ביז אַנומלט געווען אָפּגעשלאָסן און ניט צוטריטלעך פאַר יידישע פאָרשערס און היסטאָריקערס. די קרבנות, — און פון זיי האָבן זיך אויך פאַר יאָרהונדערטער אָפּגעפונען כתבים, גבית־עדותן, אַפילו געשריבן אין ליטעראַרישע פאָרמען, — האָבן משמעות אָדער איבערגעלאָזט ווייניק אָדער, ווער ווייס? אפשר זענען די כתבים אין געווירבל פאַרניכטעט געוואָרן. אפשר האָט די אינקוויזיציע פאַרניכטעט, געבראַכט אויפן שײַטערהויפן און פאַר־ברענט אויך זייער וואָרט? ד״ר ליפינער ווייסט וועגן דעם מער!

עס בעט זיך נאָך אַ גזירה שווה. עס מאַטערט אַ געדאַנק, ווי וועט אָקערשטיקע אומקום־דראַמע אָפּגעפּילט ווערן, פאַרשטאַנען ווערן — לאָמיר זאָגן, צען דורות שפּעטער? אויך דאָ, — כאָטש אַזוי פיל, אַ גאַנצע ליטע־ראַטור איז שוין אויפגעשאָפן וועגן דער תקופה פון יידישער מאַרטיראָלאָגיע און יידישן אומקום אין דער נאַצי־צײַט — ווייסן מיר ניט אַלץ. ווײַל אויך דאָ, בלויז דרײַסיק יאָר שפּעטער, טרעפן מיר פאַרמאַכטע, פאַרשלאָסענע אַרכיוון, און אַזעלכע אַרכיוון מיט די וויכטיקסטע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן געפינען זיך אין מיזרח־דײַטשלאַנד און אין ראַטן־פאַרבאַנד.

דאָס זעט אויס איצט אין פלוג אַ פאַרקערטע ווענדונג. מאַטעריאַלן, נאָטיצן פון די קרבנות, זיי זענען געבליבן — און ווײַט ניט אַלע. דאַקעגן די פּלענער, די דאָקומענטן, די דאָקומענטן פון די הענקערס זענען לרוב אויסבאַהאַלטן.

ד״ר ליפינערס „צווישן מאַראַנענטום און שמד״ טראָגט אין זיך ניט נאָר די ווערטן פון גרעסטענער היסטאָריאָסאָפיע, ס׳איז אַ סך מער ווי דאָס. (איך וועל זיך וועגן דעם אַ ביסל שפּעטער אָפּשטעלן.) דאָס זענען עסייען, וואָס באַווירקן דיך מיט דער פּלאַסטישער שילדערונג און מיט דער געדאַנק־לעכקייט, מיט די גרעסטענע איבערצײַגנדיקע קאָנצעפּציעס. און אָט די שײַכותן אין דעם קאָנגלאָמעראַט פון אָנוסים און אינקוויזיציע צווינגען דיך ממש אויף צו טראַכטן און מאַכן פאַרגלײַכן און דערגיין צו מסקנות, מעגלעך אַפילו ניט קיין ריכטיקע. וויכטיק איז אָבער, וואָס זיי רודערן דיך אויף, און דו זעסט ווי די שטחים און צײַטן פון יידישער מאַרטיראָלאָגיע רופן זיך איבער. ווי פּײַן און דערנידערונג און דיסקרימינאַציע און באַוווסטזיניקע

שינאה גייען איבער תּקופות און עפּאָכעס. דער זעלבער האַס און די זעלביקע אַנטי־ייִדישקייט. — —

אגב, איך ווייס ניט פאַר וואָס האָט זיך אַזוי פאַרשפּרייט און אָנגענומען די באַצייכענונג אַנטיסעמיטיזם, בעת פון יענער תּקופה און פון פאַר יענער תּקופה פון פאַר־אינקוויזיציע און שפּעטער — און ביז היינט איז דער ציל אַ בולטער און אַ רעאַלער — ס׳איז אַנטי־ייִדישקייט. און אַנטי־ייִד. מיר ווייסן עס, און איך וועל גאָרניט מחדש זיין אָנווייזנדיק, אַז דער פאַרשאָלטענער נאַציזם איז ניט געווען דער פּיאָנער פון איינפירן געטאָס פאַר ייִדן. אין זעכצנטן יאָרהונדערט, צי אפשר נאָך פריער, איז עס שוין געווען אין רוים, — — און מיט זון־אונטערגאַנג זענען די טויערן פאַרמאַכט געוואָרן, און געלע לאַטעס אויפן מלבוש און דאָס ניט טאָרן גיין אויפן טראָטואַר, איז אויך געווען, און אויך אויסקויפגעלט.

היטלער האָט באַקעמפט די קאַטוילישע קירך און געזעצט גלחים אין די תּפיסות, אָבער דאָס אַנטי־ייִדישע פון דער אינקוויזיציע, שענדן און פּייניקן האָט ער גרייעלך איבערגענומען פון דער אַנטי־ייִדישער קאַטוילישער גייסט־לעכקייט.

דאָס בוך פון ד״ר ליפינער איז אַ ווערק, וואָס פאַרפילט אַ רינג אין דער קייט פון ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע סיי אין איר טראַגיק סיי אין דעם אָנוסימ־דיקן העלדנמוט. דורך דעם חושך פון דער אינקוויזיציע־צייט רייסן זיך דורך די האָפענונגספולע טענער אויף דערוואַרטונג פון גאולה, וואָס טייל אָנוסים האָבן געלאָזט הערן מיט אַזאַ אייפער און גלויבן. ס׳רייסן זיך אויך דורך, אָבער בלייך, די מענטשלעכע, הומאַניטאַרע טענער פון אייניקע, זעלטענע גלחים, ווי אַ שטייגער אַנטאָניאָ וויעיראָ, וואָס האָט געפּרווט פאַרטיידיקן אין יענער פינצטערער צייט זיינע אידעען פון רעליגיעזער פרייהייט. — —

ליפינער האָט דאַכט זיך צום ערשטן מאָל — על־כּל־פּנים אין ייִדיש — געבראַכט אַזעלכע אויספירלעכע פאַקטן, באַלויכטן זיי, מפרש געווען. אַנאַ־ליזירט און אויסגעטייטשט אויפן פאַן פון יענערצייטיקייט. און מיט אַזאַ באַזונדערער שרייבערישער באַגאַבונג פלעכט ער אויס דעם דאָקומענטאַרן מאַטעריאַל, די פאַקטן און פאַרלויפענישן, מיט זיין אַנאַליטיש־היסטאָרישן אויסטייטש. די שילדערונג פון פּייזאַזש און געשטאַלט גיסט זיך אָרגאַניש

און נאַטירלעך צונויף מיט די מחשבות, וואָס ווערן ביי אים גאָר אָפט מושפע ניט פון זיין היסטאָריש־פאָרשערישן באַנעם, נאָר פון זיין וווּנדערלעכער אינטויציע פלוס טיפער קענטשאַפט און דערקענטשאַפט פון דעם שטח.

פאַראַן קאַפּיטלען, עסייען, ווו דער היסטאָריקער האַלט די אויבערהאַנט, אַזעלכע זענען באַזונדערס קענטיק אין דעם ערשטן טייל בוך וואָס הייסט „אין דער מעטראָפּאָליע", ווי די קאַפּיטלען „דן יצחק אברבנאל אין שאָטן פון דער תליה". כאָטש וועגן דער געשטאַלט און דער משפחה אברבנאל זענען שוין פאַראַן באַשרייבונגען, גערעט אים, ליפינערן, אויך דאָ אַריינ־צופירן נייע פאַקטן. אַזאַ איז אויך דער קאַפּיטל „דער שוסטער פון טראַנקאָזאָ און דער שניידער פון סעטובאַל", ווו ער באַלייכט אַזוי וואָרהאַפּטיק די צוויי טיטולירטע סינאָנימירטע פיגורן, משיחישע געשטאַלטן פון 16טן יאָרהונ־דערט. דער שוסטער פון טראַנקאָזאָ גאָנסאַראַ אַנעס און דער שניידער לויז דיאָס פון שטאָט סעטובאַל, וואָס ציען צו מיט זייערע פּרושים און נביאותן ניט נאָר די פּשוטע, זייערס גלייכן באַלמעלאָכעס און קרעמערס, נאָר אויך קריסטן, אָנוסים פון די אייבערשטע שיכטן, אַפילו אײנעם אַן אייבערריכטער. אויך ער ווערט באַוווירקט פון די האָפענונגען פון גאולה. שבת מאַכט ער זיך קראַנק — און קומט ניט אין געריכט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ ווערט אַנטדעקט פון די שוואַרצע אינקוויזיציע־שליחים.

„שׂכל און חרטה קומען צו שפּעט", „שולדגעפיל און חרטה־שטימונגען ביי די פּאָרטוגאַליער נאָכן גירוש פון די ייִדן", זענען פון די אינטערעסאַנט־סטע קאַפּיטלען — פון אָט די עסייען לאָזט זיך מאַכן ווייטערדיקע אויספירן לגבי אונדזער הײנטצייטיקייט. איך וועל עס ניט טאָן איצט, אפשר אויס מורא, ווייל די מסקנות קאָנען אפשר זיין פאַרפירעריש, און די אינטער־פּרעטאַציעס קענען טרעפן לכאורה אין אַן אַנדער ווירקלעכקייט. אָבער די קאַפּיטלען זענען פון אַ גרויסן היסטאָרישן באַטייט, פון וועלכע מיר קאָנען שעפּן און לערנען.

פאַראַן פּרקים, באַזונדערס אין צווייטן טייל בוך, וואָס הייסט „אין דער קאָלאָניע", ווו דער שרייבעריש־מאָלערישער עלעמענט האָט די אייבערהאַנט. פאַראַן דאָרט נאַראַטיוו־בעלעטריסטישע שטעלן, בילדערישע פורעמונג פון געשטאַלטן, פּייזאַזשן, נאַטור און סביבה. דאָס זענען די אָנוסים, זייערע

אָפּשטאַמיקע אין די שטעט און שטעטלעך פון בראַזיל, זייער לעבן און גע־ראַנגל, און די מאַנסטערס, די שוואַרצע שליחים — די אינקוויזיציע.

און ווי באַווירקט פון דער האַנדלונג און פון פּייזאַזש, ענדערט זיך ליפּינערס שפּראַכקלימאַט און טרעט אָפּ פון עסייִסטיש־פאָרשערישן טאָן, אַ שטייגער:

„אויפן הינטערלאַנד, ערגעץ אין אַן אויסגעהאַקטן חלל פון די טראָפּישע וואַלדטיפקייטן, צי אין אַן אָרעמען ביידל פון באַמבוק און שטרוי ביים ברעג פון וואַסער, שטייען כמעט נאַקעטע, ברוינהויטיקע מאַנסבילן, רעדעלעך אין די געלעכערטע ליפּן, זיך איינהערנדיק איבעראַשטע; אַסקעטיש גע־הילטע יעזויִטן מיט קרוציפיקסן אין די אויסגעשטרעקטע הענט, פּריידיקן פאַר זיי אין אַ האַרטער, פּריש אויסגעלערנטער טופּי־גוואַראַאַ־שפּראַך די אַזפּאַגערישע ליטורגיע פון דער בתולה מאַריִע.״

איך ווייס ניט צי די עטלעכע ציטירטע שורות כאַראַקטעריזירן ליפּינערס אייגנדיקן שפּראַכסטיל, איך ווייס אָבער אַז יעדער קאַפּיטל אין בוך לייענט זיך ווי אַ פאַרכאַפּנדיקער עפּאָס פון אַ ווייטער און דאָך נאָענטער וועלט, לאָקט אונדז ניט נאָר מיט דעם אינהאַלט, מיט דער טעמע, נאָר אויך מיט דער פאָרעם, מיט דעם צוגעקליבענעם מייסטערישן נוסח און מיט זיין שורש־דיקן וווּנדערלעכן ייִדיש, וואָס ער ווענדט אָן אַזוי צילבאַוווּסט און טאַלאַנט־פול צו יעדער געשעעניש און פאַרלויפעניש. איבערזעצט ער דאָקומענטן, ברענגט ער אַ שטעל פון אַ פּראָטאָקאָל, אָטעמט עס מיט דער לופט און מיט דער אַטמאָספער וואָס איז געבונדן צום תוכן, צום סיפור־המעשה און איז אַזוי ערשטמאָליק, עלהיי ייִדיש־געשריבענער פּאַפּירוס, געשריבן פאַר צייטן.

ד״ר ליפּינער האָט אונדז, — אַ צוגאָב צו זיינע פריִערדיקע ביכער — געבראַכט איצט אַ טייערן ספר, אַן אויפזאַמלונג פון עסייען, וואָס לייענען זיך ווי אַ גאַנצקייט. און ער האָט אויפגעדעקט אַ סך פון דער פאַרהוי־לעניש, אַרויסגעבראַכט פון פאַרבאָרגעניש דאָס וואָס נאָר ער, דער מלומד (דערצו ווי אַ קענער פון פאָרטוגעזיש, אַלטפּאָרטוגעזיש און שפּאַניש) האָט עס געקאָנט אויפשאַפן.

וואָס נאָך? איך האָב אָפּגעפילט אַנומלט אין אים אַ וווּנדערלעכע מידה, וואָס איז היינט, לײדער, אַזוי זעלטן, — די מידה פון באַשיידנקייט. און געווען

איז עס אַזוי: ביי אַ באַגעגעניש מיט ד״ר ליפּינערן מיט אַ שטיקל צייט צוריק, האָב איך זיך דערלויבט אים צו באַמערקן, אַז ער באַנוצט זיך אינעם בוך מיט צו פיל העברעיִשע ווערטער, ווערטער־אויסדרוקן, וואָס האָבן גוטע ייִדישע עקוויוואַלענטן. געזאָגט האָב איך עס, פאַרשטייט זיך, מיט אַ סך אָפּגעהיט־קייט, זייענדיק בפירוש אונטערן איינדרוק פון בוך. — — „יאָ, זאָגט ד״ר ליפּינער, — עס האָט אים שוין ווער פריִער אויך אויפמערקזאַם געמאַכט, נאָר וואָס דען — זאָגט ער — איך קען צו ווייניק ייִדיש. איך האָב צו ווייניק געלערנט די שפּראַך.״ — —

אַזאַ תשובה קאָן זיך נאָר פאַרגינען אַן עושר, וואָס ווייס אַליין ניט ווי גרויס זיין עשירות איז!

און ד״ר ליפּינער איז אַן עושר... אַן עושר אין לומדות, אין געדאַנק, אַן עושר אין ייִדישער חכמה.

יהושע ראַפּאָפּאָרט

(1971—1895)

י. ראַפּאָפּאָרט איז געווען איינער פון אונדזערע וויכטיקסטע קריטיקער־עסייִסטן. ער איז געבענטשט געווען מיט אַ שאַרפן אַנאַליטישן חוש, מיט אַ ווונדערלעכן זכרון, ער האָט פאַרמאָגט ברייטע ידיעות אין דער וועלט־ליטעראַטור, און זײַנע אַרבעטן האָבן אַלע מאָל געהויכט מיט וואַרעמקייט, מיט עמאָציאָנעלן אָטעם. אָבער קיין פירנדיקער קריטיקער איז ער ניט געוואָרן. דער מזל — אויב ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך — האָט אים ניט צוגעשפּילט.

האָב איך שוין געמאַכט די דאָזיקע באַמערקונג, וויל איך בקיצור פּרוּוון אָנווײַזן די סיבה. און די סיבה איז, דאַכט זיך, ווײַל ער איז געווען אַ מענטש אָן פּראָפּאָרציע. און דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויף זײַן שאַפערישקייט. ראַפּאָ־פּאָרט האָט געקאָנט לויבן אַ ווערק און אַ שרײַבער, לויבן התלהבותדיק און היציק. און ער האָט געקאָנט ביטער אַראָפּרײַסן, צו נישט מאַכן — גאָר אָפט אָן דעקונג פאַרביידע. ניט פאַר דעם וואָס ער האָט באַזונגען און ניט פאַר דעם וואָס ער האָט אַזוי קאָנסעקווענט נעגירט. אָבער זײַן קאַרדינאַלער טעות איז געלעגן אין זײַן מהותדיקן באַנעם פון דער ייִדישער שאַפונג — אין די צוויי וויכטיקסטע עטאַפּן פון זיין לעבן — אין וואַרשע, אין די יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען וואַרשע איז געווען דער צענטער פון ייִדישער שאַפונג, און אין דער צווייטער תּקופה פון זײַן שאַפן — אין אַרעמלעכן ווײַטן מעלבורן.

אין וואַרשע האָט ער ווי ניט אָפּגעפּילט דאָס קאָנסטרוקטיוו־שאַפערישע. צו אָפט פּאָלעמיזירט וועגן דברים של מה בכך, זיך פאַרלייגט אויף שרײַבערס, אָנגעגריפן גרעסטענע און אויפגייענדיקע, זיך אָפּגעגעבן צו פיל מיט קליינ־לעכע פּאָלעמיקעס. און דאָס אין די יאָרן ווען די ייִדישע ליטעראַטור האָט געבליט — און ראַפּאָפּאָרט מיט זײַן ערודיציע און ליטעראַטור־קענטשאַפט האָט געקאָנט אַ סך אויפטאָן; דערמונטערן, אינסטרויִרן, באַאײַנפלוסן. ליידער איז אַזוי ניט געווען. ער האָט אין דער צײַט ניט באַנומען און ניט אָפּגעשאַצט די ווערטיקייט פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין פּוילן און זײַן אייגענע פּאָזיציע, פון וועלכער ער האָט געקאָנט ווירקן ווי אַ קריטיקער.

אין מעלבורן, ווידער, ווו ער איז געקומען באַלד נאָך דער מלחמה, נאָך דעם אומקום פון ייִדיש־פאָלק און ייִדישער שאַפונג אין מיזרח־אייראָפּע, אין דער קליינער און קולטור־מאָגערער סביבה פון אויסטראַליע האָט ער גרייַלעך, גאָר אָפט, געפאָדערט פון דער ייִדישער שאַפונג אַזוינס, וואָס זי איז גאָרניט ביכולת געווען בייַצוטראָגן.

אַ קריטיקער, פּידוע, אַרבעט ניט אין קיין פוסטן חלל. אַ קריטיקער דאַרף באַגלייטן די ליטעראַטור אין איר וואָר, אין אירע זיגזאַגן און קלימאַטן. אַוודאי דאַרף ער פאָדערן, פאַרלאַנגען, זי קערעווען אידעיִש און קינסט־לעריש. יהושע ראַפּאָפּאָרט האָט ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער זיך טועה געווען אין די ביידע גורלדיקע צייַטאָפּשניטן. זיך טועה געווען סייַ אין וואַרשע, סייַ אין מעלבורן. און ס׳איז חידושדיק. ראַפּאָפּאָרט איז געווען קלוג און גייַסטרייַך. טאָ ווי זשע האָט ער ניט תופס געווען, ניט געוווּסט דאָס סאַמע עלעמענטאַרסטע, דעם אַלף־בית פון קולטור און קינסטלערישער שאַפונג — פּראָפּאָרציע.

אָבער ראַפּאָפּאָרטס ליטעראַטור־קריטישע און עסייִסטישע אַרבעטן זענען דאָך פון גרויסן באַטייַט. ניט קיין קריטיק, וואָס ברענגט אַרויס אידעען, וואָס באַנט אַ וועג, נאָר טייַטשט אויס און איז מפרש סוגיאָס פּראָזע און פּאָעזיע. זייַנע אָפּהאַנדלונגען זענען רייַך מיט וויסן, רייַך מיט פאַרגלייַכן און מיט אָריגינעלע מסקנות.

איינער פון זייַנע בעסטע ביכער — און איך וואָלט געוואָגט צו זאָגן: איינער פון די בעסטע ביכער אין דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק איז זייַן בוך „מהות פון דיכטונג״. ער איז געווען ניט נאָר אַ פאַרליבטער אין דיכטונג. נאָר ער האָט דיכטונג געלעבט, פּאָעזיע איז געווען פאַר אים דער סם־החיים. זייַן אינערלעכע וועלט איז געווען פּאָעזיע. אָט דערציילט ראַפּאָפּאָרט אין דער הקדמה צו דעם בוך „מהות פון דיכטונג״ ווי ווייַט פּאָעזיע האָט געהאַט אויף אים אַ טיף אינערלעכן, אָרגאַנישן, ממש מיסטעריעזן אייַנפלוס:

„...דיכטונג איז געווען פאַר מיר די גייַסטיקע שפּייַז, מיט וועלכער איך האָב זיך פון קינדווייַז אָן צו מערסטן דערנערט. איך האָב מיט איר געלעבט מער ווי מיט זיך, איך האָב אויף זיך גופא אויסגעפּרובירט איר צויבערקראַפט נישט איין מאָל.

איין מאָל, געדענק איך, האָב איך זיך געלייגט שלאָפן מיט אַ שטאַרקן צאָנווייטיק, וואָס איז אַלץ מער און מער געוואָרן אומדערטרעגלעך. מײַן מוח איז אָבער אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען מיט היינריך היינעס ווערק, און איצט, אין דער פײַנפולער נאַכט, האָב איך ווידער אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן ליבלינג־דיכטער פון מײַן יוגנט. איך האָב געמוזט טראַכטן לאַנגע שעהען, ווײַל ווען איך האָב זיך אויפגעריסן פון מײַן טראַכטעניש איז שוין געווען פאַר טאָג און דער ווייטיק האָט גלײַך ווידער אָנגעהויבן צו עקבערן, ווי ער וואָלט געקומען צום באַוווסטזײַן צוזאַמען מיט מיר, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון מײַן טיפן טראַכטן.

ווען איך האָב מײַנער אַ באַקאַנטער ציין־דאָקטאָרין דערציילט מײַן אויסטערלישע דערפאַרונג, האָט זי ניט געוואָלט גלייבן; עס איז אוממעגלעך, האָט זי געזאָגט, צו פאַרטריבן צאָנווייטיק דורך פאַרזינקען אין טראַכטן.

איך האָב אָבער געוווסט אַז כ'האָב ניט געפילט דעם ווייטיק כּל־זמן איך בין געלעגן וואַך און געטראַכט וועגן דיכטונג".

ראַפּאָפּאָרט פרעגט אָפּט, און די פראַגע איז בײַ אים ניט קיין רעטאָרישע, נאָר אַ תּוכיקע, אַ פראַגע וואָס וואַקסט אַרויס פון זײַן געמיט, ווי זי וואָלט געמאַטערט זײַן וועזן — „וואָס איז דיכטונג?" און ער פּרוווט ענטפערן און אויפקלערן פאַר זיך און פאַרן לייענער, און אַלע מאָל גיט ער צו עפּעס נײַס, עפּעס מקורדיקס, און ער פּרוווט פאַרגלײַכן און ער ברענגט ראיות פון דער וועלט־פּאָעזיע און קאָנפראָנטירט זיי מיט זײַנע השערות און מיינונגען. אָט איז איינע פון זײַנע וואַריאַציעס אויף דער פראַגע, „וואָס איז דיכטונג?"

„דיכטונג איז די פעיִקייט צו דערשפּירן, צו איבערלעבן, אַרויסצוציבערן די נשמה פון יעדער זאַך. ניט דאָס באַשרײַבן אַ בלום איז דיכטונג, נאָר דאָס פילן און מאַכן פילן דעם נשמה־צושטאַנד, וואָס איז פאַרקערפּערט אין אַ קאָנקרעטער בלום אַ דאַנק דער באַלויכטונג, דער מיליע. און פּונקט ווי יעדע טויטע זאַך האָט אַ נשמה, עפּעס לעבעדיקס, וואָס רעדט צו אונדזערער, אַזוי פאַרמאָגט יעדע לעבעדיקע זאַך עפּעס טויטס, אַפילו די נשמה פון אַ מענטשן איז ניט יעדעס מאָל לעבעדיק. און דיכטונג איז דאָס, וואָס באַמערקט אומעטום דאָס לעבעדיקע און קאָן ווידער אויפוועקן דאָס אָפּגעטויטע לעבע־דיקע צום לעבן".

און אין וואָס באַשטייט אָט דאָס דאָזיקע לעבעדיק־ווערן פון דער נשמה?

— קייטלען זיך ווידער ראַפּאָפּאָרטס געדאַנקען און אָפּשאַצונגען וועגן דיכטונג:

„דיכטונג רײַסט מיט אַ מאָל אַרויס פון שפּאַן פון דער טאָג־טעגלעכקייט, מען פאַרלירט די שווערקייט, וואָס פרעסט אונדז אַרײַן, דורך דער אייגענער וואָג, אין זומפּ פון פּראַקטישן תּכלית, מען באַקומט צוויבער־פליגלען, אַ דאַנק וועלכע מען פליט אַריבער דעם אומדערגרייכבאַרסטן שפּיץ — איבערן איי־גענעם קאָפּ, מען הייבט אָן צו פילן דאָס פּערזענלעכע ווי עפּעס אַלגעמיין מענטשלעכעס" — —

פאַרשטייט זיך, דאָס זענען צו מאָל ליטעראַריש צוגעשפּיצטע אַרויסזאָ־גונגען, באַזירט אויף דער ברייטער ליטעראַטור וועגן פּאָעזיע בכלל. און קאָנענדיק און באַנעמענדיק אַזוי פּאָעזיע, ווי ראַפּאָפּאָרט האָט עס געקענט און פאַרהערלעכט, און געפילט פּאָעזיע אַזוי נאָענט און אינטים, האָט ער אָבער אָפּט מאָל דאָך ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין נאָוואַטאָרישע אויפטוען, קיין מאָדערניסטישע נוסחאות. און ער האָט גאָר אָפּט אַזוי האַרב רעאַגירט אויף דיכטערישע נײַקייטן, חידושים און אויפטוען אין פאָרעם און לשון. פרוווט ער אויפווײַזן בכך־וכך טעמים אַז עס איז אָסור און גיט נאָך צו: „עס איז לחלוטין קיין מעלה ניט פאַר אַ דיכטער (אַפילו ניט פאַר אַ פּראָ־זאַיִקער) אויב ער איז אַ נאַר; אָבער אַ געוויסע דאָזע נאַיִווקייט, וואָס קאָן ניט גיין האַנט אין האַנט מיט איבערגעשפּיצטקייט, איז פאַר אַ דיכטער אומ־באַדינגט נייטיק".

דורך איבערנעמען זיך מיט דער שענסטער קונסט פון אַלע קונסטן, — מיט דער קונסט פון וואָרט, מיט דער פּאָעזיע, האָט ער זיך זיך דערנענ־טערט צוריק צו דער אַלטפּאָלקישער, אַלט־מקורותדיקער פּאָעזיע, צו דער פּאָעזיע פון תּנך, צו די תּנך־מאָטיוון, און עס זענען געקומען זײַנע אויפּ־טועריש, מײַסטערישע תּנך־אימפּראָוויזאַציעס, וואָס זענען אָן ספק אַ וויכ־טיקער בײַטראָג צו דעם מין אין יידיש.

ראַפּאָפּאָרטס „תּנך־אימפּראָוויזאַציעס" איז אַ מקורותדיק בוך. און מקור־רותדיק איז דאָס בוך סײַ מיט דער געדאַנקלעכקייט אַרום די תּנך־געשטאַלטן, באַזונדערס די נביאים, סײַ מיט דער אייגנדיקער פורעמונג פון די העראָיִשע

געשעענישן און קאָנפליקטן. דערצו ברענגט עס ראַפּאָפּאָרט אַרויס אין אַ באַזונדער צוגעפּאַסטן סטיל, אין אַ וואַרעמער, האַרציקער שפּראַך און אַ ליבשאַפט שוועבט איבער די דאָזיקע אימפּראָוויזאַציעס — און אַן עכאָ וויברירט דאָ פון אַ ווײַטן, רײַכן, שטורמישן עבר.

פאַראַן אין די תּנך־אימפּראָוויזאַציעס אַ געדאַנקלעכע שאַרפקייט און דאָך אַזאַ צוגעבונדנקייט צו דער תּנכישער עמאָציאָנעלער שטייגערישקייט, צום תּנכישן פּאַטאָס, אַז די געשטאַלטן ווערן דיר נאָענט און די קאָנפליקטן און פאַרלויפענישן ווערן פאַר דיר ווי היינטצײַטיק — דווקא דאָ, אין די „תּנך־אימפּראָוויזאַציעס״ באַגלייט ראַפּאָפּאָרט מיט ליבשאַפט און פאַרהער־לעכונג די אויפטריטן פון די תּנך־געשטאַלטן לטובת פאָלק, לטובת המון־עם. און עס קומט אויף אַן אויסדריקלעכער סאָציאַלער טאָן (וואָס אין זײַנע ליטעראַטור־קריטישע אַרבעטן איז עס כּמעט ווי ניט בנימצא). קלאָר, אַז דאָס איז די באַווירקונג פונעם סאָציאַלן פּאַטאָס, וואָס טיילט זיך אַזוי קרעפּ־טיק אַרויס פון די תּנך־שילדערונגען. ראַפּאָפּאָרט שטעלט די שאלה, למאי איז דער סאָציאַלער מאָטיוו בײַ די נביאים אַזוי גײַסטיק און מאָראַליש אויפּ־געשטורעמט איבער די „וואָס ווילן אײַנשלינגען דעם אביון און פאַרטיליקן די אָרעמע פון לאַנד״.

מיט אַזעלכע סאָציאַלע באַטאָנונגען, ווי שוין באַמערקט, אין זײַנע קריטישע אַרבעטן איבער דער מקראות־ליטעראַטור, אַקטואַליזירט ראַפּאָ־פּאָרט און דערנענטערט צו אונדז די תּנך־געשטאַלטן, די תּנכישע געשעענישן.

פאַראַן אין די „תּנך־אימפּראָוויזאַציעס״ צענדליקער און צענדליקער געראָטענע אַפאָריזמען, טרעפלעכע אַרויסזאָגונגען. אַ שטייגער: „די פאַלשע נביאים זאָגן פאַרויס גוטס בלויז די מעכטיקע, כּדי זיך אײַנצוקויפן אין זייער גנאָד; די אמתע נביאים זאָגן כּמעט תּמיד פאַרויס גוטס נאָר די צעבראָכענע, וועלכע קאָנען זיי באַלוינען בלויז מיט דאַנקבאַרקייט פון צעבראָכענע הערצער״.

אָט די אַפאָריזמען, געבויט אויף די מאָטיוון פון תּנך, פאַרמאָגן חן און קלוגשאַפט און עס הויערט איבער זיי אַ הומאַניסטישע, אַ ייִדישע און וועל־טישע אידעע.

יהושע ראַפּאָפּאָרט האָט אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן עטלעכע צענדליק

ביכער און בראָשורן: עסייען, ליטעראַטור־קריטיק, זכרונות, מאָנאָגראַפיעס, אַ ריי יאָרן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט איבערזעצן שאַפונגען פון אַנדערע שפּראַכן.

איך האָב מיך מיט מײַן ביאַליסטאָקער בן־עיר יהושע ראַפּאָפּאָרט גע־טראָפן אין די חדשים יולי־אויגוסט 1967, בעת מײַן זײַן אין אויסטראַליע. איך בין זיך מודה — איך ווייס ניט פאַר וואָס — דער מענטש, דער שרײַבער יהושע ראַפּאָפּאָרט האָט מיך עפּעס פון תמיד געלאָקט. איך האָב געהאַט אַ פאָרשטעלונג סײַ וועגן אים, סײַ וועגן זײַן האַרבן שרײַבערישן געמיט. גע־ווּוּסט דעם וועג וועלכן ער איז דורכגעגאַנגען און זײַנע פאַרדראָסן וועלכע ער האָט אין זיך געטראָגן. לאָמיר אויך דערמאָנען אַז צו דער זכרונות־ליטעראַטור פון דער יידישער אומקום־דראַמע האָט ראַפּאָפּאָרט צוגעטראָגן זײַנע באַשרײַבונגען פון אַ וויניקער באַקאַנטן שטח, פון דעם פּליטים־לעבן אין כינע. אין געטאָ פון שאַנכײַ אונטער דער יאַפּאַנישער אָקופּאַציע, ווו ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן, האָט ער אויפגעשריבן זײַנע פאַרצייכענונגען, קאַ־פּיטלעך פון פּײַן און בויט אין געטאָ און לאַגער פון וויסטן, ווײַטן מיזרח. ראַפּאָפּאָרט האָט אַפילו דאָרט שפּעטער נאָך דער מלחמה אַרויסגעגעבן דרײַ קליינע זאַמלונגען פון זײַנע עסייען, צוויי אין רוסיש און איין העפט אין יידיש „דער מהות פון דיכטונג און איר סאָציאַלע פונקציע".

אַז מיר האָבן זיך געטראָפן אין מעלבורן — און געטראָפן האָבן מיר זיך גאַנץ אָפט בײַ אים אין דער היים, אין דער רעדאַקציע פון דעם וואָכנבלאַט „די פּאָסט" ווו ער האָט געאַרבעט, בײַ מײַנע רעפעראַטן צו וועלכע ער פלעגט אָפט קומען — האָב איך אײַנגעזען אַז מײַנע השערות וועגן אים און זײַן בייזקייט זענען געווען טעותדיקע. פאַרקערט, איך האָב דערזען פאַר זיך אַ מענטש מיט אינערלעכער ווייכקייט, אַ מענטש פון שטימונג, אָבער אַ פאַרביטערטקייט האָט זיך אָן אויפהער דורכגעריסן, כאָטש ער האָט עס געפּרוּווט באַהאַלטן. אַ פאַרביטערטקייט קעגן אַלץ און אַלעמען. און עפּעס אַזאַ ביטערער עלנט האָט געוויייעט פון אים — —

ער האָט קיין שום שײַכות צו אויסטראַליע ניט געהאַט. דאַכט זיך אַז זײַן קומען און באַזעצן זיך אין אויסטראַליע איז געווען אַ צופאַל. ניט מעלבורן האָט געטויגט פאַר אים און ניט ער האָט געפּאַסט פאַרן אויסטראַלישן יידישן

קיבוץ. ראַפּאָפּאָרט האָט ניט אויסגעפּילט די ראָלע, וועלכע די באמת וואַרעמע און געטרײַע ייִדישע קולטור־סביבה, די שרײַבערס און די טוערס האָבן אויף אים אַרויפגעלייגט און געהאָפט אַז ער וועט זי אויספירן. ער האָט קיין שום גײַסטיקן אײַנפלוס אויף די ייִדיש־רעדנדיקע, אויף דער ייִדישער געזעל־שאַפטלעכקייט לײדער ניט געהאַט.

ס׳איז געווען ווי אַ מקח־טעות פאַר ביידע צדדים. און זײַן עלנט און פאַרביטערטקייט האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט. האָט ער זײַן שפּירונג אויס־געלאָזט אין זײַנע אַרטיקלען, אין זײַן קאָלום „אין פּינטל אַרײַן״, וואָס האָט געאָטעמט מיט סאַרקאַזם און טראַציקייט. און ס׳איז געווען טרויעריק אים צו זען אין אַט דעם מצב.

אַ צאָל פרײַנד האָבן אים אָפּגעהיט און געזאָרגט פאַר אים.

ער האָט מיר געזאָגט אַז ער חלומט שוין יאָרן צו קומען, כאָטש אויף אַ באַזוך, קיין ארץ־ישׂראל. ס׳איז ווייטיקלעך, אויך דאָס האָט ער ניט פאַרווירקלעכט.

אַ דראַמאַטישע געשטאַלט איז ער געווען. יהושע ראַפּאָפּאָרט ז״ל.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

די לידער־זאַמלונג „אויף יענער זײַט ווונדער״

יצחק יאַנאַסאָוויטש איז איינער פון די באַדײַטנדיקע פּרוכפּערדיקע שרײַבערס, וואָס שאַפט אין כמעט אַלע ליטעראַטור־זשאַנערן. ער איז אַ לויטערער, מקורותדיקער פּאָעט, ער שרײַבט שיינע, נאַראַטיווע דערציילונגען, ער איז אַן עסייִסט און קריטיקער, וואָס קען אַזוי תּוכיק אויסטײַטשן און אַנאַליזירן ליטעראַרישע פּראָבלעמען, און שרײַבט אָפט מאָל אויך פּובליציסטיק און רופט זיך אָפּ אויף צײַטפּראָגעס, און אויך דאָ קומט אויף זײַן אייגנדיקע מחשבה און טיף שאַפעריש געמיט.

דערצו איז ער, יאַנאַסאָוויטש, אַן ערודיט און קענער סײַ פון אונדזער אַלט־דורותדיקן גײַסטיקן גוטס, סײַ פון דער הײַנטצײַטיקער פאַרשידנאַרטיקער און פאַרשידנשפּראַכיקער ליטעראַטור און קונסט־שאַפערישקייט. און אַזאַ מײַסטערישע שליטה פאַרמאָגט ער אין פאָרמירן די נוסחאות און דעם שרײַבסטיל פון זײַן פאַרצווײַגטער ליטעראַרישער אַרבעט.

דעם פּאָעט פילן מיר אָפּ אין יעדער שאַפונג זײַנס, און דער אינטעלעקטועל דענקענדיקער שרײַבער קענטיקט זיך אויס אַזוי מהותדיק אין זײַן ליד, וואָס אָטעמט מיט דעם הויך פון אונדזער צײַט, געגלימערט און געפורעמט פון זײַן דיכטערישער פּערזענלעכקייט.

„אויף יענער זײַט ווונדער״ איז דאָס אַכטע בוך זײַנס. ווי אַ פּאָעט האָט זיך יאַנאַסאָוויטש באַזונדערס קונה־שם געווען מיט זײַן בוך „אַ שטוב אין שטעטל״, וואָס איז דערשינען מיט העכער 20 יאָר צוריק, און עכאָס פון דעם מאָטיוו געפינען מיר אויך אין דעם איצטיקן בוך, באַזונדערס אין דעם אָפּטייל „אינעם אַש פון זכרון״. אָבער דאָס בוך איז אַן עולם־ומלואו פון טעמעס און מאָטיוון פון פאַרשידנאַרטיקע שטחים און סביבות, פון די איבערלעבונגען פונעם ייִד און קינסטלער אין אונדזער צײַט, פון דעם פּאָעטס גאַנג און אַפילו דעם דראַמאַטישן ווירוואַר און דעם וויי:

מײַן ליד און לײַב היטן אַ ירושה!
דורותדיק פאַרגאַנגען ייִדיש לעבן.

דורך די אומעטיק־נאָגנדיקע געזאַנגען בײַם אָנבליק פון „טיאַן־שאַנער בערג" און לידער צום אַלאַטאַו", וואָס בײַ זײַער צופוסנס האָט ער אַזוי ביטער טועם געווען דעם פּליטים־וועג, דורך די האַרציק תּפילהדיקע לידער „צום האַר פון די אָבות", דורך די פאַרטיפטע און געדאַנק־עשירותדיקע אויסדרוקן אין דעם ציקל „לאַנדשאַפטן פון געמיט", דורך די אָריגינעל־בילדערישע פּייזאַזשן און שטורמישע סצענעס פון „לאַטיין אַמעריקאַניש" ביז צו די לידער „יום־כּיפּור תּשל"ד", ווו מיט אַזאַ הייליקן ציטער זאָגט ער אַזוי שנײַדיק אינעם ליד „קינדער".

„נאָך איידער זיי שפּירן דעם טעם פון לעבן
פילן זיי שוין די אימה פון טויט".

און די מאַמעס, אונדזערע ישׂראלדיקע מאַמעס:
"וואָס בײַ יעדן קלונג אין דער טיר / ווערן זייערע קעפּ גרויער. /
אָט נאָך אַ רגע — / און זייער וועלט ווערט צוריק תּוהו־ובוהו".

צווישן אָט די לידער־ציקלען „אינעם אַש פון זכּרון" און „יום־כּיפּור תּשל"ד" — ווי די ביידע וואָלטן זיך איבערגערופן מיט דער אומעט־שטימונג און פּײַנשפּירונג, און זיי ברענגען פאַר אונדז און מאַניפעסטירן ייִדיש־טראַגישע גורלדיקייט, וואָס ציט זיך און קײַטלט זיך ביז אונדזער צײַט — געפינען מיר אויך די פּאַנאָראַמע פון יאַנאָסאָוויטשעס קאָלירפולן, פּילטאָניקן און אינטעלעקטועל־וויברירנדיקן ליד, וואָס ווירקט נאָך דערצו מיט זײַן פּאָעטישער קלאָרקייט, מיט זײַן מײַסטערישקייט אויפצושאַפן אין געציילטע ווערטער, אין געציילטע שורות אַן אויסדרוקפול בילד, די שיינקייט פון זײַן ווייכער, צאַרטער שפּראַך, מיט דעם אימאַזש וואָס טראָגט אין זיך דעם פלאַטער פון אָנזאָג און די פיבערדיקע מאָנונג פון שליחות, שליחות פון דיכטער, בפרט נאָך, אַז ער אַנט און פילט אָפּ אַזוי וואָריק:

„מיר זענען די בריק אויף וועלכער עס וואַנדלען / דאָס בליִען און וויאַנען. / די עדות — / אַז בײַם וויגליד פון ראָזשינקעס און מאַנדלען / איז דער טויט שוין פאַראַנען".

עפּעס ווי דערמאָנט עס אונדז אין מרדכי געבירטיגס חנעוודיקע פאָלקיש

געזונגענע שורות אַז „פונעם זומער ביזן ווינטער איז אַ קאַצנשפרונג״. אָדער פון נאָך פריִער, אין דעם ליד „אַז די גאַנצע וועלט איז אַ קינדערשע שפּיל״, הבל־הבלים. אָבער יאַנאַסאָוויטשעס ליד וועגן מענטשלעכן פאַרגיין איז ניט נאָר אַ רעזולטאַט פון אונדזער צײַט, געפורעמט אין דעם טיגל פון פיבערדיק־דיכטערישן געמיט, נאָר טראָגט אין זיך פּאָעטיש־פילאָסאָפישן הויך. מחשבות וואָס האָבן שוין באַשעפטיקט אונדזערע נביאים און אויך דיכטערס פון אַלע צײַטן — —

אָבער עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דאָס איז דער דאָמינירנ־דיקער מאָטיוו אין זײַן ליד. להיפוך. מיט דעם און אפשר צוליב דעם אַנטהאַלט גרײַלעך זײַן ליד און זײַן איצטיק בוך געזאַנגען און הימנען צום לעבן — ליבע און ליבשאַפט און באַוווּנדערונג און פאַרהערלעכונג פאַר באַטור־שײַנקייט און האַרציק־לירישע לידער וועגן מענטש און בענקשאַפט צו געהויבענער מערכה.

און ווען עס קומט צו ארץ־ישראל, ווי צו דעם צויבער פון ירושלים, איז עס אַזוי:

„קיין ירושלים קומט מען נישט, / קיין ירושלים קערט מען זיך אום. / קיין ירושלים שטייגט מען אויף, / אויף דער לייטער פון דורות, / אויף די שפּאַלטן פון בענקשאַפט, / אויף די טרעפּ פון דערלייזונג. / פולע לאָגלען מיט ווײַן פון געדענקשאַפט / טראָגט מען מיט זיך קיין ירושלים, / אויף יעדן באַרג, אויף יעדן היגל, אין די שטיינערנע געסלעך די ווײַסע / טרינקט מען לחיים / מיט יאָרן / פון זכרון / וואָס זענען אויפגעשטאַנען תחית־המתים״.

יצחק יאַנאַסאָוויטשעס „אויף יענער זײַט ווונדער״ איז אויך דער וווּנ־דערלעכער ווונדער פון אונדזער צײַט מיט דער טראַגיק און מיט דעם העַ־ראָיִזם פון אונדזער קיום באַגלײַך, מיט אונדזער געהויבענער האָפענונגס־פולער שאַפונג. — —

יוסף רובינשטיין

ער האָט אַ שלל פון טעמעס און מאָטיוון יוסף רובינשטיין. טשיקאַווע, ווי צו מאָל אַלע זײַנע זעונגען, דערקענטעניש, רעפלעקסן, שטימונגען און אַוודאי די אייגענע איבערלעבונגען ווערן טעמעס פון זײַן ליד.

ער האָט אָנגעהויבן אַ מאָל. און דער אַמאָל זעט הײַנט אויס ווי דורות וואָלטן פאַרלאָפן, און בסך־הכל איז עס דאָך געווען מיט עטלעכע יאָרצענדליק צוריק און ס'איז געווען די ייִדיש־אימפּעריע וואַרשע. אָט די וווּנדערלעכע, פאַרביקע ייִדישע שטאָט. און ס'זענען נאָך געווען יונגע האָפענונגספולע טעג; „ווען די וועלט — זאָגט ער — האָט מיך נאָך געלאָקט מיט אַלע אירע פרילינגען און עלעגישע שמייכלען". — דעמאָלט האָט ער געשריבן — יוסף רובינשטיין — אַזעלכע פאַרליבטע, אַזעלכע טויִקע לידער, פאַרליבטע אין וואַרשע. „נאַכט אויף נאַלעווקעס" איז געווען אַן עולם ומלואו. דורך „נאַכט אויף נאַלעווקעס" האָט ער ווי אָפּגעפונען זײַן דיכטערישן גאַנג, זײַן דיכטערישע באַשטימונג. — —

און ער קערט זיך אום צו איר דורך אַלע נע ונדן, ער קערט זיך אום צו איר אַפילו איצט, ווען ס'איז שוין פון איר קיין שפור ניטאָ. און נאָך אַלץ הויערט די ייִדישע גאַס אין זײַן געמיט און רייצט און נאָגט און ער רופט זי אַרויס אין זײַן דמיון מיט דעם חיות פון אַ מאָל און מיט דעם צער און ווײ פון הײַנט. — —

שוין דעמאָלט, אין די גוטע יאָרן אין זײַן בוך „מאָדעלן", וואָס האָט אַרויסגערופן אָנערקענונג אין דער שרײַבערישער סביבה, הייבט ער אָן זײַן ערשט ליד אַזוי:

דער אומעט רעדט צו מיר אויף אַלע שפּראַכן
אין גלאַנץ פון גאָלד, אין גרויסקייט פון דעם שטויב:
כ'פאַרשטיי דעם לשון פון די טויטע זאַכן,
דעם סקריפּ פון טיר, דעם ווונק פון שויב.

דאָס איז בפירוש ניט געווען קיין מאַנעריזם, ניט געווען אין דעם די אָנהייבערישע צעשפּילטקייט, דאָס וויגן זיך אין דעמער און טרויער. יוסף רובינשטיין איז געווען אויפריכטיק אין זײַן געפיל, און דער אומעט — אַ טייל פון דיכטערישער גערײַונג. אַזוי אין זײַנע אָנהייבן און אַזוי דורך אַלע צײַטן פון זײַן ליד — ביז הײַנט, אין זײַנע רײַפע שאַפערישע יאָרן. — —

אַגב, ווי מיר דאַכט, איז ער באַלד געקומען ווי אַ רײַפער, אויסגעצײַטיק־טער דיכטער. אויב ס'איז בכלל אַזוינס בנימצא — איז עס רובינשטיין געווען. ער איז געקומען ווי אין אים וואָלטן שוין געגעסטעט אַלע סודות פון ליד, און ער האָט געוווּסט די לויטערקייט פון וואָרט און די שיינקייט פון שטילן לירישן ניגון. — — און ער האָט געקענט די אומנות פון אויפשאַפן אַזאַ וואַרעמע, אַזאַ עקספּרעסיווע בילדערישקייט.

ניט אומזיסט רופט ער אָן דעם ערשטן ציקל אין זײַן בוך „מאָדעלן" שטיללעבנס. דאָס זענען אייגנאַרטיקע, מקורותדיקע שטיללעבנס, געמאָלן מיט אַלע פײַנסטע פאַרבן — דורך וווּנדערלעכן לויטערן וואָרט:

נאַכט, פון דער טונקעלער וואַנט פון אַ הויז
איז ליכטיק אַ פענצטער צום דרויסן אַרויס.

ס'האָט נאַכט שוין געשימערט מיט שטערן און טרוים,
געוואַרט האָט בײַם פענצטער צעווינטיקט אַ בוים.

און ס'איז דאַן געשען: מיט אַ ליכטיק געזיכט
דאָס פענצטער דעם בוים האָט פאַרטוליעט צו זיך.

עפּעס האָט ער, רובינשטיין, אַ באַזונדערע נטיה צו פענצטער און שויבן, צו שילדן און נאַכט־לאַמטערנס און אַן אָנגעשפּיצטן כּוח צו דערזען דורך די קאַלטע, לאַנגווײַליקע שויפענצטער און וויטרינעס — אַ לעבעדיקע, באַוועג־לעכע וועלט:

עס טרעפט אַז אַ שויפענצטער שלאָפט ניט בײַ נאַכט.
עס שימערט אין שפּיגלען דאָס ליכט מיט פאַרדאַכט,

אברהם ליס

עס לויערט פּאַרטײַעט אַזוי ווי אַ שפּין
פון ווינקל אַ הענטשקע פינף־פינגערדיק־גרין,
און ס׳שיפּעט אַ קליאַמרע מיט שפּיציקן מויל
פון לעדערנעם פּאַס, ווי אַ שלאַנג אין אַ קנויל,
און ס׳פּלאַטערט מיט בלאַסקייט מיט ווײַסער באַדעקט
אַ נאַזטיכל הילפלאָז — געחלשט פאַר שרעק...

און דורך דער לידער־גרופּע ווו ער דעמאַנסטרירט שילדן, שילדן אויף נאַלעווקעס, שילדן אין די ייִדישע גאַסן פון וואַרשע, דערזעען מיר, דערפילן מיר אַזאַ היימישע, פאַלקסטימלעכע נאַגנדיקע וואָר. עלעהיי עס קומט אויף פאַר אונדז אַ שטיק פון דער ייִדישער גאַס, פון דער פאַרשוווּנדענער, אָפּגע־מעקטער ייִדישער גאַס, וועלכע סוצקעווער האָט מיט אַזאַ דערהויבנדיקער, דראַמאַטיש־פּאַעטישער קראַפט פאַרנצחט. רובינשטיינען באַגלייט דער חיות־דיקער שטייגער פון אַמאָליקע ייִדישע גאַסן, פון ייִדישע פּערטלען און פאַרשטעט — —

ער איז געקומען פון דעם קליינעם שטעטל סקידל, גראָדנער גובערניע, אַ שטעטל מיט געזונטע דעמביקע ייִדן, וואָס האָבן געהאַנדלט גרויס, און דערצו געפּילעוועט גרויסע אוגערקע־גערטנער, געקומען אין דער גרויסער שטאָט און איז, פאַרשטייט זיך, געפּלעפּט געוואָרן פון מאַניענדיקער גרויס־שטאָטישער ליכט, „פון דזשעלנע־גאַס האָט באַנג אַ קלויסטערקלונג אַוועק־געטאָן פאַר נאַכט דעם דרימלענדיקן שבת״. אָבער ער איז באַלד געוואָרן אַן אייגענער אין דעם געטומל און ווירוואַר פון גרויסשטאָט, געוואָרן אַ היי־מישער אויף די רוישיקע, רײַכע גאַסן פון וואַרשע און אין די ליקלעך און געסלעך פון אַלטשטאָט, אין די געסלעך פון פּראַגע.

דאָ איז געווען זײַן דיכטערישער אָנהייב און דאָ איז געווען זײַן פּאָעטיש געדײַען. און דאַכט זיך, ווי ווייניק ווער האָט רובינשטיין באַזונגען — אויף אַלע מעגלעכע אופנים — דעם פּייזאַזש פון שטאָט, די צעצונדענע לאַקנדיקע סקווערן און די אומעטיקע געסלעך, ווו אין יעדער שטוב הויערן גורלות פון מענטשן און זאַכן — —

ס׳איז טשיקאַווע און מערקווערדיק, גאָר אַנדערש ווי ייִדישע שרײַבערס

און קינסטלערס אָפּשטאַמיקע פון שטעטל, האָט ער זיך גאָר אַוועקגעמאַכט פון זײַן צור מחצבתו. פון צווישן הונדערטער און הונדערטער לידער זײַנע האָב איך אָפּגעפונען גרײַלעך איין ליד ווו ער דערמאָנט דאָס שטעטעלע, אין „דעם אָנדענק פון מײַן פאָטער". עס איז „פרילינג אין שטאָט" (אַזוי הייסט דאָס ליד), ווען עס גייט אים אויף אין זכרון:

בײַ מיר אין שטעטעלע איז איצטער גרין,
עס זשומעט גאָלדיק אין פאַרנאַכט אַ בין,
און אַלץ איז בלוי און אומעטיק און זיס
אין אָוונטס נאָגנדיקער שעה,
כאָטש איך בין דאָרטן לאַנג, שוין לאַנג ניטאָ.

זעט אויס, אַז דער „איך בין דאָרטן לאַנג, שוין לאַנג ניטאָ" איז ניט לתּכלית השירה, וואָס טויג זיך צום פערז און צום גראַם, ס'איז ממשות. ס'איז זײַן מהות. רובינשטיין איז אַוועק פונעם שטעטל און איז בקפיצת־הדרך געוואָרן דער אויסדריקער און באַזינגער פון שטאָטישן טיפּאַזש מיט דער בילדערישקייט און מיט דעם אָטעם פון שטאָט. אַנדערע האָבן אים אַפילו באַטיטלט מיט אַ משונהדיקן טיטל „אורבאַניסטישער פּאָעט", איך ווייס אַפילו ניט וואָס דאָס איז אַזוינס? וואָס דאָס באַטײַט און מיינט? — —

איך ווייס אָבער יאָ, אַז זײַנע לידער באַווירקן מיט דער עכטקייט פון פּאָעטישער שטימונג, מיט געראָטענער פאָרעם (אַפילו ווען ער איז ניט עקסטראַוואַגאַנט און אויפטועריש וואָס שייך ריטעם און נוסח), באַווירקן אונדז מיט דער פולער בילדערישקייט און בעיקר מיט דעם עומקתדיקן לירישן טאָן.

דאָס בוך „מאָדעלן", וואָס איז אַרויס אין וואַרשע האַרט פאַר דער מלחמה, האָט געטיילט דעם גורל פון ייִדיש לעבן אין פוילן. די גאַנצע אויפלאַגע איז פאַרברענט געוואָרן. אין יאָר 1949, אַ יאָר נאָך זײַן אָנקומען קיין אַמעריקע האָט רובינשטיין אַרויסגעגעבן דעם באַנד „נאַכט אויף נאַלעווקעס", ווו עס קומט אַרײַן דאָס בוך „מאָדעלן" און לידער וואָס ער האָט אָנגעשריבן במשך 10 יאָר (פון 1939 ביז 1949). אָט דער טייל לידער און פּאָעמעס הייסט

„גורל". און אַט דעם צווייטן טייל פון בוך, אונטערן נאָמען „גורל", הייבט ער דווקא אָן מיט חומש־מאָטיוון. אין האַרץ גלימערט דער פּײַן, אין געמיט — דער וויי, און עס גייט נאָך דער רויך פון פאַרחרובטע שטעט און גאַסן — — ווילט זיך משמעות צוריקקומען צו יענע אַלטפאָלקישע פאַרלויפעניש, צו די חדר־יאָרן, ווען אַזוי קלאָר און נאָענט זענען אויפגעגאַנגען חומש־געשטאַלטן, האָבן זיך געצייכנט חומש־בילדער. טײַטשט ער עס אַזוי:

עס נאַרן אָפּ די וועגן דיר, וואָס פירן דאָרט קיין הרן,
זיי נאַרן אָפּ מיט הימלטוי און טרוים פון פעטער ערד,
און האָסטו יעקב איין מאָל נאָר דײַן רוגעצעלט פאַרלאָרן,
ווּעסטו אומזיסט שוין זוכן איצט דאָס לאַנד, וואָס איז באַשערט.

די וועלט וועט דיר אַנטקעגנגיין מיט חוזק־בליק און ליגן,
מיט פרעמדע גלײַכגילט־שוועלן, ווו עס וואַרט ניט קיינער אָפּ,
נאָר שטיינער אין דעם מידבר וועלן אפשר זיך צעקריגן
אויף ווּעמען זאָל דער וואַנדערער אַוועקלייגן זײַן קאָפּ.

ניט ווייניק ייִדישע דיכטערס (און צו מאָל ניט־ייִדישע) האָבן פאַראייגנט ביבלישע מאָטיוון, האָבן איבערגעדיכטעט, איבערגעזונגען די דראַמאַטישע, די טראַגישע און הערויִשע געשעענישן פון חומש, פון תּנך. מיר קענען דאָך אַלע די בריהדיקע, מײַסטערישע דיכטערישע אויפטועכן פון איציק מאַנגער, מיט זײַן פאַרהיימישן, פאַרהײַנטיקן די ביבלישע פּאַטריאַרכאַלישע חומש־געשטאַלטן און זייערע אָנגעשפּאַנטע חומשדיקע מעשׂיות. מאַנגער האָט זיי געפורעמט אין באַלאַדישער פאָלקסטימלעכקייט, מיט שטיפערישן חן און מיט אַ טעמיקן טראָפּן סאַטירע. — —

יוסף רובינשטיין פאַרהײַנטיקט אויך דעם מאָטיוו, פאַרהײַנטיקט אים אַזוי, אַז עס קומט גאָר אָפּט צום אויסדרוק די אַפּאָקאַליפּסע פון אונדזער דור, פון אונדזער ייִדיש לעבן. אַ שטייגער:

דאָס איז געווען אין אַ בלויער חומשדיקער נאַכט,
ווען וווּנדערס וואַרטן אָפּ דעם דורכגייער אין לויער,

אין דער מחיצה פון שאָפער

דעם שפּעטן מידן וואַנדערער, וואָס חלומט אויף דער וואָך,
און פּילן זײַנע לאָגלען אָן מיט זיסן אָוונט־טרויער.

איז יעקב אין אַ נאַכט אַזאַ געבליבן שטיין.
די בענקשאַפט האָט געפאַנגען אים, פאַרוויגט מיט בלויען קול אים,
ער האָט דעם קאָפּ אַוועקגעלייגט אַ מידן אויף אַ שטיין
און האָט אין שלאָף געזען אַ וווּנדערלעכן חלום.

און אַזוי־אָ, אין דער חושמדיקער שטימונג וואָס ער ברענגט אויף, צעוויקלט זיך יעקבס לעגענדאַרער חלום. אָבער וווּהין גרייכט דער חלום און דער פאַנטאַסטישער אויסגעחלומטער לייטער?

אָט ווי רובינשטיין שליסט אָפּ דאָס ליד:

ווײַל ווער עס האָט געגעכטיקט אויף אַ שטיין אַ מאָל אויף דר׳ערד
און האָט די נעכט געטיילט מיט שׂרפה־שײַן און שטערן,
וועט אויסלעשן אין אויג בײַ זיך די אָנגעגליטע טרער
און וועט דורך טויבער נאַכט דעם טראָט פון טאָג דערהערן.

און ער פאַרענדיקט:

איך ווייס ניט צי האָט יעקב פון זײַן חלום ווען געטראַכט,
איך ווייס ניט צי וועט שפּעטער ווער דערמאָנען נאָך אַ מאָל אים,
נאָר איך האָב אויך געזען אים, אין אַ שווידערלעכער נאַכט,
דעם לייטער שטיין אויף דר׳ערד — אין וואָר און ניט אין חלום.

דרײַ פּאָעמעס שליסן אָפּ דעם פּילטאָניקן און פּילפאַרביקן בוך. באַזונדערס וואָלט נייטיק געווען זיך אָפּצושטעלן אויף דער לעצטער פּאָעמע, וואָס איר טיטל איז דער טיטל פון בוך — „נאַכט אויף נאַלעווקעס״, אַ פּאָעמע פון נשמה־איבערלעבונג, פון דערמאָנונג פון נעכטן און הײַנט, פון צער און טרייסט און האָפענונג אין די ביטערסטע יאָרן פון אונדזער אומקומצײַט. פון אָט דער צײַט, פון זײַן דורכגעגאַנגענעם פּײַנוועג, פון וואָגל־און־וואַנדער

אין די מלחמה־יאָרן, פון זײַנע באַגעגענישן, דערפאַרונגען און איבערלעבונגען אין דער תקופה פון דער יידישער פאַרלענדונגס־דראַמע האָט יוסף רובינ־שטיין צוגעטראָגן אַ ברייט צעוויקלטע דיכטערישע שאַפונג, די דרײַ היקפ־דיקע ביכער פון שילדערונג און עלעגיע. „מגילת רוסלאַנד", „חורבן פוילן" און „יציאת אייראָפּע". אָבער דעם געטרײַעם המשך פון זײַן דיכטערישער עובדא געפינען מיר אין זײַן לידער־זאַמלונג „דערזעונגען", וואָס ווערט איצט געדרוקט און וועט גאָר בקרוב דערשײַנען אין תל־אביב.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו לייענען דעם גרעסטן טייל פון די איבער זעקס הונדערט לידער, וואָס גייען אַרײַן אין דעם בוך, און דאָס ערשטע וואָס קומט אויף נאָכן לייענען די לידער, רובינשטיינס „דערזעונגען" — איז באַוווּנדער. עס איז צו באַוווּנדערן די אויסגעהאַלטנקייט און די קאָנסעקוועַנטקייט פון זײַן דיכטערישן גאַנג, אַזוי אין דער שטימונג פון זײַן ליד, אַזוי אין זײַן געבוי און פאַרעם. מיט מיושבדיקן וואָרט און ברייטלעכע, פּאַמעלעכדיקע בילדערישע שורות האָט ער אָנגעהויבן און אָט אַזוי איז זײַן דיכטערישער דרך אויך איצט. ניט מער, די צײַט איז טאַקע אַן אַנדערע, די וועלט אין וועלכער דו לעבסט איז אַן אַנדערע און די הײַזער אַרום דײַן גאַס און די שויפענצטער און די שילדן זענען אַנדערע. אַזוי אויך די מענטשן און זאַכן.

אַוודאי, די „דערזעונגען" וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם געביטן אויג פונעם דיכטער, וואָס האָט שוין אַזוי פיל געזען — באַקומען, פאַרשטייט זיך, אַן אַנדער אויסקלאַנג און אויסטײַטש. און ס'איז כולו חידוש, ווי אָט די אַלע „דערזעונגען" גיבן זיך אַן עצה אין דער ראַם פון אַכט שורות. אַכט שורות און ניט מער. ווי אויסגעטאַקט און אָפּגעפּאַלירט סײַ אין זייער שטייגערישער מאַניפעסטאַציע, סײַ אין דער אינערלעכער אַנטוויקלונג פונעם ליד, און אַלע מאָל אין גערעכטענעם אויפלייז. ס'איז עפּעס אַ באַזונדערע אומנות, וואָס יוסף רובינשטיין ווייס עס אַזוי דיכטעריש אַרכיטעקטאָניש אויסצופּלאַנירן, אויסצובויען, און זײַנע לידער האָבן אָפּט מאָל פערזן מיט עפּישער הרחבה און פערזן וואָס קענען אַ גלאַנץ טאָן מיט רייציקן צימצום. און פון יעדער סטראָפע און יעדער שורה קלינגט אויף זײַן יחידיש קול, וואָס איז ניגונדיק און אין באַלאַנסירטן טעמבער, אַפילו ווען דאָ און דאָרט הערט זיך אַ הייזע־

ריקלעכער כריפּ — גיט עס דווקא צו צו דעם מענערלעכן, רייפן אויפזונג — —

ווי שוין געזאָגט, יוסף רובינשטיינס שאַפונג איז רייך אין טעמעס, פאַרמאָגט אַ שפע פון בילדער און מאָטיוון. אויך דאָס — פלאַי־פלאַים — אָט ווי אַלץ, ווי אַלע שפּירונגען און זעונגען, וואָס וואַקסן אויס אין זיין אַכט־שורותדיקן ליד מיט אָנגעלאָדענעם אינהאַלט, מיט געפיל און געדאַנק און מיט אווירת שירה...

איך האָב געזען אַ זונשטראַל האָט געטרונקען זיך אין וואַסער,
אַ שקיעה־שטראַל געצאַפּלט האָט אין כוואַליענדיקן שטיף,
זיין רויטער גלי איז צאַנקענדיק געוואָרן בלאַסער, בלאַסער,
ער האָט געצוקט, געראַנגלט זיך, געשריגן פון דער טיף —

ביז ערגעץ איז דער דעמערשפּיל אין וואַסער ווו פאַרשוווּנדן...
דער אָוונט האָט מיט בלויקייטן פאַרצויגן אַלץ, פאַרשטעלט.
נאָר אין דער טיף האָט פּלוצלונג זיך אַ שטערן אָנגעצונדן,
אַ שטערן וואָס האָט רויט און בלוטיק ווי דער שטראַל געהעלט.

ס'איז איינס פון די כאַראַקטעריסטישע לידער, די זעונגען און דער־זעונגען רופן זיך אָפּ אינעם דיכטער, אַטאַקירן אים מיט עצבות־שטימונגען, און דאָך לאָזט ער זיך ניט פאַרטונקען אינעם טרויער פון אומעטיקע פאַר־נאַכטן אָדער פון דער הילפלאָזיקייט פון דעם מענטש אַנטקעגן דער נאַטור, צי „פון אַ לעצטן בלאַט, וואָס הענגט אויף אַ דעמב שוין אָפּגעוויקלט אָן האָפּט", ערגעץ ווו טייעט אַלע מאָל אויף אַ העלקייט, וואָס גיט נאָך מוט און דערמונטערונג און האָפענונג. — — גוט וואָס אָט דער ניצוץ פון בטחון גייט נאָך זיין ליד, וואָס אָן דעם וואָלט דאָך אַ היינטיקער ייִדישער מענטש, אַ ייִדישער שרייבער און קינסטלער צעריסן געוואָרן אונטער דער משא פון זאָרג און ייִדישער טראַגיק. — — פאַראַן אינעם בוך „דערזעונגען", „שטיל־לעבנס" פון היינט, די פּייזאַזשן פון ניו־יאָרקער גאַסן, די „פּאָרטרעטן", די געדאַנקלעכע וויבראַציעס, וואָס דערשיינונגען און זעונגען רופן אַרויס אינעם דיכטער, פאַראַן פאַרבענקשאַפט צום נעכטן און אַ קלאָרער אָפּפיל פון

אונדזער צײַט, און דער אומעט פון ייִדישן מענטש און די איינזאַמקייט פון ייִדישן דיכטער, און די שרעק פאַר דער צוקונפט — —

איז גוט, איז גוט, וואָס ער קען אַזוי פילן און מיר גלייבן אים, ווען ער זאָגט:

דער בלויער פּחד פון דעם אין־סוף — אוניווערס
וואָס לייגט זיך אויס אויף מײַנע ציטערדיקע שורות,
ער העלט אַרויס מיט גלייביקייט בײַ מיר אין פערז,
מיט גרינעם שטערנווונק פון סודותדיקע בשׂורות.

אָבער דער פּחד באַוועלטיקט אים און באַגלייט אים אָן אויפהער, עלעהיי ווי די ערשטע שורה אין זײַן בוך „יציאת אייראָפּע״: „אָ, גאָט, ווי שרעקעוו־דיק איז איצטער דײַן פאַרנאַכט״.

אין אַזאַ פרײַטיק־פאַרנאַכט, סוף פעברואַר 1978 איז יוסף רובינשטיין געשטאָרבן, נאָך עטלעכע שווערע געראַנגלען מיט זײַן האַרץ־קראַנקייט. ער איז אַוועק צוויי חדשים שפּעטער נאָכן טויט פון זײַן פרוי. ביידע זענען געקומען צו קבורה אויפן בית־הקברות פון קיבוץ משמר העמק.

חוה ראָזענפּאַרב און איר שאַפן

אויב די יידישע ליטעראַטור, די יידישע פּאָעזיע און פּראָזע טראָגט אין זיך די וויטאַליטעט פון אונדזער זײַן — איז חוה ראָזענפּאַרב (און נאָך אַ צאָל אָפּגעראַטעוועטע, אויסגעבאָוועטע אויף די ביטערסטע יסורים־וועגן) — דער פענאָמען פון אונדזער הײַנטצײַטיקער יידישער שאַפונג, ווו ניכטערע וואָר און פאַרהוילעניש און שליחות גייען צוזאַמען, גייען בײַנאַנד — —

חוה ראָזענפּאַרב איז ווי אויפגעגאַנגען, אויפגעקומען פון דעם פײַער־טיגל. זי איז דורכגעגאַנגען אַל דאָס בייז און רישעות, דעם פּײַן פון געטאָ און לאַגער. ס׳איז דער איינציקאַרטיקער און אומפאַרגלײַכלעכער גאַנג פון אַ יונגן יידישן מענטש, פון אַ יידישער שרײַבערין, אין וועמען עס האָט געהויערט שאַפערישע קראַפט, שאַפערישער ווילן — מיט דעם צאַפּל און אייפער פון אַ יוגנטלעכער — אין דעם אָרום פון נויט און הונגער, אין אָנבליק פון אַנגסט און אימה. איז עס דען צו פאַרגלײַכן מיט וועלכע עס איז אַנדערע שאַפערס — אין די ליטעראַטורן פון וועלכן ס׳איז פאָלק און אומה?

חוה ראָזענפּאַרב, אַן אָפּשטאַמיקע פון דער ווונדערלעכער האָרעפּאַשנער עדה אין דער צווייט גרעסטער קהילה אין אייראָפּע, אַ טאָכטער פון דער יידישער לאָדזש, אָט די שטאָט וואָס האָט זיך כּידוע אויסגעטיילט מיט איר באַזונדערן געזעלשאַפטלעכן קלימאַט, מיט יידן, דורותדיקע באַלמעלאָכעס, יידן אַרבעטערס, האָרעפּאַשניקעס, און אַפילו די סוחרים און מעקלערס זענען דאָרט געווען אַנדערע — עפּעס ווי דער לאָדזשער אימפּעט און די טויזיקייט פון די פאַרבענקטע דיכטערס און קינסטלערס, וואָס האָבן זיך אויסגעקענטיקט אין לאָדזש, האָבן אויף זיי אויסגעווירקט זייער אײַנפלוס. אָט דאָרט איז איר נאַטירלעך צעשמייכלטע יונגשאַפט באַלד געטראָפן גע־וואָרן פון דער שאַרף פון רישעותדיקער וועלט — — און אַז זי איז אַרויס פון דאָרט, אַרויס פון דעם מאוימדיקן פינצטערן תהום, האָט זיך דאָס דורכ־געלעבטע אָפּגעזעצט, זיך אײַנגעקאַרבט אין איר געמיט מיט דעם טרויער פון דאָרט, וואָס באַגלייט זי און באַגלייט און לאָזט עפּעס אַנדערש ניט צו. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט זי מיט אַזאַ רירנדיקער פשטות געפרעגט אין איר ליד צו דעם „זינגפויגל״:

אברהם ליס

וואָס זשע איז דיר פויגל ליבער,
פרינץ פון זײַדענעם געזאַנג?
וווּהין קוקסטו דאָס אַריבער
און וואָס איז דײַן ניגון באַנג?

זע, עס בליצט שוין ניט קיין מעסער
אויף דײַן האַלדז, אויף האַלדז פון ליד,
קען דען ווערן זײַן נאָך בעסער?
וואָס זשע ביסטו פויגל מיד?

זע, עס טוט שוין מער ניט שײַנען
שאַרף פון צײַנער אויף דײַן ברוסט,
וואָס זשע גלוסט זיך דיר צו ווײַנען
און צו קלאָגן פאַר וואָס גלוסט?

אין אָט דעם ליד, ווי אין אַ רײ אַנדערע, וואָס זי האָט געשריבן פאַר די לעצטע יאָרן, פילן מיר אָפּ דעם אומרו, דאָס שאַפערישע ווען אירס, ווי אָט די שפּירונגען און דערמאָנונגען פון דער אומקומצײַט קאָנפראָנטירן זיך אין דעם הײַנט און זי לייזט אויף דאָס ליד מיט דעם וואַריקן געפיל, מיט דעם טיפן אמת, ווי זי זאָגט:

יאָ, עס איז מיר קינד מײַנס בעסער,
יאָ, מיך וויגט אַ גרינע צווײַג,
און מיך האַלט נאָך אַלץ אַ שטײַג,
און איך קוק נאָך אַלץ אַריבער
איבער צוים פון יעדער שעה,
און איך בענק אויף ס'נײַ און ווידער
צו אַ גליק, וואָס איז נישטאָ.

חוה ראָזענפאַרב איז ניט נאָר דער עדות און די באַשרײַבערין פון דער

אומקום־דראַמע, זי איז איינע פון די גרעסטע און אָריגינעלסטע דיכ־טערינס, אַ דיכטערין פון יינגערן דור, וואָס איז געבענטשט מיט אייגנדיקער, פּאַרטיפּסטער געדאַנקלעכקייט, מיט וויסן און קענטשאַפט, וואָס קענטיקט זיך אַזוי בולט אויס אין אירע בפירוש אינטעלעקטועלע לידער. און אָט די דריי מקורותדיקע דיכטערישע עלעמענטן, די צאַרטע, וואַרעמע פּאָעטישע אָנ־שטימונג, דער אומרויק־שאַפערישער געדאַנק, דער עכאָ פון אירע דורכ־געלעבטע דערפאַרונגען שאַפן אויף איר ליד, וואָס איז אַלע מאָל אַנדערש, וואָס איז אַלע מאָל איר ליד. ווען אַפילו דער מאָטיוו צו דער טעמע פונעם ליד איז ניט ניי, איז אָבער דער אויסדרוק, דאָס וואָרט און פאַרב און דער ניגון פונעם ליד אייגנדיק אירס. און זי ברענגט עס אַרויס מיט איר שטים, וואָס איז אי געוואָגט און העל, אי וויברירנדיק סובטעל.

וויפל האָבן מיר שוין ניט געלייענט און אָפּגעפּילט אין די באַשרייבונגען פון דער חורבן־טעמע דעם מאָטיוו פון אמונה, גלויבן און גאָט־פאַרגלויבשאַפט און חלילה פאַרקערט, טיפע ספקות, צו מאָל אָפּלייקענונג, בפרט אין דער אוממיטלבאַרער אידענטיפיקאַציע מיט דעם דורכגעגאַנגענעם, טראַגיש אויס־געווייטיקטן נעכטן; און אָט ווי חוה ראָזענפאַרב באַנעמט און ברענגט אַרויס אָט דעם נאַטירלעך מענטשלעכן ווילן און באַגער צו טרייסט און די תשוקה צו גלייבן און פילן עפּעס העכערס, שטאַרקערס:

איך וואָלט אַרייַנגעגאַנגען אין אַ שולעכל
ערגעץ אין אַ ווינקעלע פון שטאָט,
צי אין מיטן פון אַ פעלד,
צי אויף אַ הויכן באַרג —
געזעצט זיך אויף אַ שטולעכל
און געוואַרט אויף גאָט.

און ס'וואָלט אַן עדה פרומע דאָרט מיט מיר געווען
צעפּליסטערטע, צעתּפילהטע, צעשיַינטע, און דאָרט
וואָלט איך דעם קוואַל פון טרערן ניט־דערווייַנטע
לויז געמאַכט און אויפגעמאַכט מייַן האַרץ פאַר אים,

אברהם ליס

מײַן ליבשאַפֿט זאָל אַ פּלי טאָן אים אַנטקעגן,
ווי אַ טויב אַ פֿרײַ געלאָזענע פֿון שטײַג,

כ׳וואָלט ניט געבעטן בײַ אים גאָרניט ניט,
נאָר פֿילן וואָלט איך בלויז געוואָלט
אַן אָפּשײַן פֿון זײַן גוטן בליק,
אַ פֿינגער פֿון זײַן שטאַרקער האַנט
באַרירן זאָל מײַן קאָפּ.
ווײַל כ׳האָב שוין מער קיין טאַטן און קיין מאַמען ניט
און עס איז שווער פֿאַריתומט צו זײַן אויך פֿון גאָט.

ס׳איז גרײַלעך ניט בלויז אַ פּאָעטישער זאָג: „שווער פֿאַריתומט צו זײַן אויך פֿון גאָט״. ס׳איז אַ טיפֿער לעבנסבאַנעם פֿון אַ פֿילנדיקן מענטש, און אויב חוה האָט מיט אַזאַ גלוסט געוואָלט אָפּגעפֿינען גאָט, כאַראַקטעריזירט עס צו מאָל איר אינערלעכן אומרו, די נשמהדיקע פּלאָטערניש, און איבער אַלץ — די אַנדערשקייט, אייגנדיקייט פֿון איר יחידישן אויפֿפֿאַסן די וועלט פֿון נאָכן חורבן אין דעם קלימאַט פֿון איר מאָטיוו, פֿון איר געדאַנק און שטימונג.

אין דער ליטעראַטור־שאַפֿונג וועגן דער יידישער אומקום־דראַמע פֿאַרנעמט חוה ראָזענפֿאַרבס שאַפֿן אַ באַזונדערן אָרט הן מיט איר שאַרפֿן זען, הן מיט איר צאַרטן אָפּפֿילן די טראַגיק פֿון נעכטן אין דער וואָר פֿון הײַנט.

דאַכט זיך — און דאָס איז שוין ניט איין מאָל געזאָגט געוואָרן — אַז אונדזער דור איז ניט מסוגל צו באַנעמען אין דעם פֿולן היקף די גרויליקייט פֿון די אָקערשטיקע פֿאַרלויפֿעניש, דעם פּײַן און די טראַגיק פֿון דער פֿינצטערער נאַצי־צײַט. ווייל איך עס באַטאָנען מיט נאָך אַ פֿאַקט:

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דער הבימה־טעאַטער אויפֿגעפֿירט חוה ראָזענפֿאַרבס דער „פֿויגל אין געטאָ״. די דראַמע איז געווען סײַ דאָקומענטאַר, סײַ קינסטלעריש אַ געראָטענער אויפֿטו. ס׳איז געווען אַפֿילו אַ סצעניש דערגרייכונג. אויך די רעזשי (פֿון ישראל בעקער) איז געווען אַן אויסגעבונדענע און געלונגענע אין אַרויסברענגען די וואָר און די דראַמאַ־

טישע, העראָישע פאַנטאַסטיק. די דראַמע איציק רוטענבערג האָט דאָ צום ערשטן מאָל באַקומען סצעניִשן אויסדרוק. אָבער ניט דער עולם, — און וואָס נאָך ווייטיקער — די קריטיק, באַזונדערס די ייִנגערע ישׂראלדיקע טעאַטער־קריטיקערס האָבן עס פשוט ניט באַנומען. ניט תּופֿס געווען. ניט פאַרשטאַנען דעם געראַנגל, די ווידעראַנאַנדן און קאָנפליקטן ווי דעם גבורה־אויפטריט אויפן פאָן פון פאַרפּייניקטן געטאָ־ווילנע.

חוה ראָזענפאַרב האָט איצט צוגעטראָגן דעם ייִדישן לייענער אַ גרויס ווערק, גרויס אין כּמות און אין איכות, ס'איז איינס פון די עפּאָסן פון אונדזער ייִדישער היינטצייטיקייט. די טרילאָגיע „דער בוים פון לעבן" איז אַ פּראָזעווערק, וואָס שרייבערס גיבן אָפּ אויף דעם אַ לעבן (נאָענט צו 2000 זז').

חוה ראָזענפאַרב האָט עס אויפגעשריבן מיט אַזאַ מקורותדיקן שאַפערישן אימפּעט, ווו דער אימפּולס איז זיכער געווען אויסדערציילן, שילדערן פאַר דער וועלט אָט די תּקופֿה, ווו ייִדיש פאָלק האָט געשמאַכט, געהאָפט, זיך גע־ראַנגלט, געקעמפט און אַזוי בלוטיק פאַרשניטן געוואָרן. — — נאָר די ווייניקע, די ווייניק פאַרבליבענע פון אַ גרויס פאָלק קלאַמערן זיך מיט אַלט־פאָלקישער חיות אַרום „דעם בוים פון לעבן".

די דיכטונג פון ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ

אין די היימישע צײַטונגען פון אונדזער שטאָט — און געווען יאָרן, ווען ס׳זענען אַרויס אַ וועלכע דרײַ־פיר טאָגצײַטונגען — האָט מען זיך איבער־גענומען מיט איר ליד. אַ קליינינקייט, זיצט אין ניו־יאָרק און פאַרגעסט ניט איר געבוירן־שטאָט, שיקט אירע שאַפונגען צום ביאַליסטאָקער „דאָס נײַע לעבן״ און פסח קאַפּלאַן דער ערודיט און מחמיר, וואָס איז אַלע יאָרן געווען דער אויסגערופענער רעדאַקטאָר (און האָט אַ מאָל שיער ניט דערפירט אַ לידער־שרײַבער צו דעם טראַגישן סוף פון זעלבסטמאָרד, מחמת פריִער האָט ער אים צוגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט און שוין בײַם דריטן ליד האָט ער אים געעצהט: יונגער־מאַן, פאַרגעסט עס, איר האָט ניט קיין טאַלאַנט...) האָט פון ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ געהאַלטן אַ וועלט. — —

אָבער איר אייגענע וועלט איז געווען אַ טרויעריקע. עפּעס אַזאַ טיפער אומעט האָט באַגלייט איר לעבן און איר ליד. און עס האָט געווייעט פון איר ליד מיט עלנט, מיט מענטשלעכן ווײ, מיט באַגערן וואָס ווערן קיין מאָל ניט פאַרווירקלעכט און זיי פאַרטיפן נאָך דעם ריס צווישן זיך און דעם אַרום.

איך האָב געלייענט אירע לידער מיט יאָרן צוריק אין די יידישע אַמע־ריקאַנער אויסגאַבעס, אין „די צוקונפט״, „די פעדער״, „פרײַע אַרבעטער־שטימע״, אין דעם לאַנדסמאַנשאַפטלעכן זשורנאַל „ביאַליסטאָקער שטימע״, אין די העפטן וואָס די לאָס־אַנדזשעלעסער שרײַבער־גרופּע האָט אַרויסגע־געבן אין די גוטע יאָרן פון יידיש אין אַמעריקע. לרוב זענען עס געווען קורצע, אַכט־צוועלף־שורותדיקע לידער — געשריבן מיט געפיל און צו מאָל מיט קענטיקער איבערלעבונג. אין איר יעדן ליד איז געווען אַ געדאַנק, אָדער איז געווען צוגעשפּיצט צו אַ געדאַנק, אָפט אַ סאָציאַלער, וואָס האָט געפאָדערט יושר פון דער וועלט. — אָבער די סענטימענטאַלע אָנשטימונג, וואָס האָט אַן אויפהער געוועלטיקט אין אירע איידעלע פערזן האָט דאָך ניט געגעבן דעם אײַנדרוק פון אַן אויסקריסטאַליזירטער דיכטערין. באַזונדערס טאַקע אין די לידער וועלכע זי האָט פאַרעפנטלעכט אין דעם זשורנאַל פון אירע אייגן־שטאָטישע אין ניו־יאָרק, „ביאַליסטאָקער שטימע״.

נאָר גיי ווייס, — כאָטש אַזעלכעס האָט שוין פּאַסירט, — גיי ווייס אַז דאָס זענען בלויז פּירורים. אַז אַ גרויס דיכטעריש פאַרמעג האָט ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ אויפגעשאַפן און כמעט ווי אויסבאַהאַלטן במשך פון יאָרן; אַז וווּנדערלעכע לידער, אין די צענדליקער, אין די הונדערטער זענען גע־בליבן ניט פאַרעפנטלעכט.

איז דאָס געווען דער רצון פון דער דיכטערין? איז דאָס געווען איר וועג? שווער צו גלייבן. גיכער איז עס אַ רעזולטאַט פון דעם געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישן קלימאַט, וואָס האָט געהערשט אַ מאָל אין דעם שאַפערישן צענטער אין אַמעריקע, ווו זײַטיקע און שטילע זענען ניט דערמונטערט געוואָרן, נאָר פאַרקערט, זיי זענען נאָך משמעות געוואָרן זײַטיקער און שטילער... והראיה, ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ האָט אַרויסגעגעבן בײַ איר לעבן בלויז איין לידער־זאַמלונג און דאָס גראָד אַכט יאָר נאָך איר באַזעצן זיך אין אַמעריקע („אַזוי בין איך״, ל. א. 1936, 156 זז׳) כאָטש זי האָט פאַר יאָר־צענדליקער פון איר שווערן און איינזאַמען לעבן אויפגעשאַפן אַ דיכטעריש גוטס.

און אָט ליגט פאַר אונדז איר פּאָעטיש פאַרמעג, אײַנגעזאַמלט אין דעם בוך „לידער מײַנע״, וואָס די משפּחה פון דער דיכטערין און דער דיכטער בינם העלער האָבן אָפּגעקליבן פונעם עזבון און צוגעגרייט צום דרוק. ביידע, סײַ די פאַמיליע פון דער פאַרשטאָרבענער דיכטערין סײַ דער פּאָעט בינעם העלער האָבן דערמיט געטאָן מער ווי אַ חסד של אמת, ברענגענדיק בינם העלער האָבן דערמיט געטאָן מער ווי אַ חסד של אמת, ברענגענדיק פיבערנדיקער דיכטערין.

אַ סך מאָטיוון זענען פאַראַן אין אירע לידער. אָבער דער מאָטיוו פון בענקשאַפט דאָמינירט אַזוי גרונטיק אין איר שאַפן.

וואָס איז דער גורם פון איר בענקשאַפט? זי האָט געבענקט נאָך אַלץ, וואָס דאָס לעבן האָט איר ניט צוגעטיילט, אָדער נאָך דעם, וואָס בלויז אַ שפּליטער האָט זיך צוגעאייגנט, אָדער נאָך דעם, וואָס זי האָט בלויז טועם געווען און עס איז פאַרשוווּנדן. זי האָט געבענקט נאָך אַ קינד, זי האָט געבענקט נאָך איר געליבטן, זי האָט געבענקט צו אַ פרײַער וואַרעמער סביבה, זי האָט געבענקט נאָך דעם זוניקן אַמאָל...

אַז דאָס ליד איז אַ טייל פון דער ביאָגראַפיע פונעם דיכטער — אויב דאָס ליד איז אמת, — איז שוין ווויל באַקאַנט. נעוואַדאָווסקאַס „לידער מײַנע" טראָגן אין זיך איר אמת, איר גײַסטיקע וואָר, איר אינערלעכע פּלאָטערניש. איר ליד אָטעמט מיט אַ געמיט, וואָס האָט געוווּסט פון ווייניק פרייד און געקענט מער דעם צער פון מענטש, זײַנע אַנטוישונגען און די ווייען פון אונדזער צײַט:

דער ווײ אַרום מיר, ווי אַ שטאָלענער רייף.
ער רינגלט אַרום מיך און צווימט מיר מײַן מוט.
פון אים איז קיין אויסוועג ניטאָ, קיין אַנטלויף
און איבער מײַן קאָפּ די צעפּאָכעטע רוט.

עס איז איר נאָכגעגאַנגען און פאַרפאָלגט די געדאַכטע צי אויסגעדאַכטע „צעפּאָכעטע רוט", אַ פּראָדוקט פון איר עלנט, צי אַ פּראָדוקט פון די טראַגישע פאַרלויפעניש פון אונדזער תּקופה? ווי עס זאָל ניט זײַן — „די צעפּאָכעטע רוט" האָט געהויערט און באַווירקט איר מהות און איר ליד. אָבער אַפילו אין דעם טיפן אומעט קומען אויף הײַטערע, זוניקע און צעשפּילטע טענער; לידער פון נאַטור, פון ים און זונאויפגאַנג, לידער פון גלויבן, פון אָפּטימיזם און ליבשאַפט... אָט ווי זי גלייבט אין דעם כּוח פון ליבשאַפט:

ליבשאַפט! דו העלף מיר בלויז ווײַטער צו לעבן,
מיט אָפענע אויגן די שיינקייט צו זען.
אַנטפּלעקן די סודות וואָס גאָט האָט געגעבן —
און אַלץ וואָס וועט זײַן נאָך, און אַלץ וואָס געווען.

אינטערעסאַנט, בײַ דער גאַנצער באַשיידנקייט, וואָס זי האָט זיכער פאַרמאָגט — און דאָס פילט מען אָפּ אין איר שאַפן — איז זי גופא, איר אַנזען, איר טראַכטן, איר רעאַגירן, על־פּי רוב די הויפּט־טעמע, דער הויפּט־סוזשעט פון איר ליד. לכאורה זעט עס אויס ווי אַ סתירה, אָבער אַז מען לייענט זיך אַרײַן אין די „לידער מײַנע" ווערט אָט דער עלעמענט אַזוי

פאַרשטענדלעך, ווערט אַזוי נאַטירלעך, ווערט אַזוי קלאָר די אייגנטימלעכע, אָרגאַנישע פאַרבונדנקייטן פון דער דיכטערין מיט איר אַרום. אין דער פשטות פון איר וואָרט, אין דער איינפאַכקייט פון איר אויסדרוק, וואָס איז אַזוי לויטער און ניגונדיק, זעט זיך די אינטימקייט און שלימותדיקייט פון דער שאַפערין און איר ליד, ווי אַנדערש וואָלט עס גאָרניט געמאָלט געווען.

אין דער פשטות פון איר וואָרט, ווו דאָ און דאָרט כאַפּט זיך אַרײַן אַ זאַגערישער קלאַנג, שאַפן זיך בילדערישע פערזן און דיכטערישע זעונגען, וואָס לייזן זיך אויף אין זייער רוב אין אַן אייגנדיקער פילאָזאָפישער געדאַנקלעכקייט, אָט אַ שטייגער, ווי אין עטלעכע שורות פונעם ליד „מאָרגנפרייד״:

די שטילע שטראָמען ליכט מיך דרינגען דורך,
און איך ווער דורכזיכטיק, ווי די בורשטינען.
ווער בין איך איצט? אַ וועלט פון ערגעץ ווו,
שטראָמען דורך דער אייביקייט בײַם פולן זינען.
איך קום צום ברעג פון ים. ווערט פול מײַן אויג
מיט ברעג און וואַסער אין דעם וועלט־געלײַטער.
ווער בין איך איצט? אַ זעמדעלע, אַ שטויב,
וואָס טראָגט זיך אין דעם מאָרגן ערגעץ ווײַטער.

דאָס געפיל „ווער בין איך איצט? אַ זעמדעלע, אַ שטויב״, אין אָנבליק פון אַ מעכטיקן נאַטור־יש, איז געוויס ניט קיין נײַעס. אָט דאָס געפיל רופט זיך איבער מיט דעם אַלט־יידישן פסוק „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר״. ניט מער, אין דעם קלימאַט פון אָט דעם ליד, ווי פון צענדליקער אַנדערע לידער פון דעם כאַראַקטער, הערן מיר דאָך אַרויס דער דיכטערינס אייגענע שטים, ס׳איז איר אויפגעגאַנגענע שטימונג און איר אייגן קול.

ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַס דיכטערישער יִחוּס ליגט, דאַכט זיך, ערגעץ אין דער מיט צווישן אַברהם רייזענס פאָלקישן ליד און אַברהם ליעסינס דערהויבנדיקער הײַנטצײַטיקער פּאָעזיע. ביידע דיכטערס האָט זי גוואַלדיק פאַרערט. נישקשה, ס׳איז אַ מדרגה צו בלײַבן, ווי אינעם ליד „אויף איסט־בראָדוויי״, אין דער סביבה ווו: „דאָס שוועבט נאָך אין דער לופט די שטים פון אַברהם רייזען, מיר דאַכט זיך, אַז איך הער נאָך אַלץ דעם עכאָ פון זײַן וואָרט״.

אברהם ליס

יידישע דיכטערס אין אַמעריקע האָבן פון די סאַמע אָנהייבן געזונגען וועגן אַמעריקע, געשריבן כּידוע רעוואָלוציאָנערע לידער פון קאַמף און פּראָ־טעסט אין די יאָרן פון שוויצשאַפּ. שפּעטער האָט מען באַזונגען די וווּנדער־שטעט און די ווײַטע ברייטע פליינען און די מעכטיקע וואַסערן און די הויכע בערג און דעם פאַרכאַפּנדיקן ווירוואַר פון גרויסשטאָט. ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ שרײַבט ניט קיין סך אויף אָט די מאָטיוון. הגם דער אַמעריקאַנער פּייזאַזש אָטעמט אין איר ליד מיט אַלע קאָלירן און חיותדיקער פרישקייט. אָבער די זעכצן לידער וואָס קומען אַרײַן אין דעם אָפּטייל „ניו־יאָרק" זענען אַזוי אַנדערשדיק און מקורותדיק אין זייער באַנעם און אין דער מיליע פון וועלכער זיי וואַקסן אַרויס מיט זייער טיפּאַזש און שטימונג. „ריווערסייד־דרייוו", „שלעסער אין שפּאַנישן מוזיי", „פּאַרק און ווינט", „אַ היים אין די בראָנקס", און אָט איז אַ ליד אָן אַ נאָמען, און גראָד דאָס אַכט־שורותדיקע ליד אַנט־פּלעקט פאַר אונדז אַזאַ טיפע וואָר, די אומעטיקע פאַרנאַכטיקע וואָר פון דער וווּנדערלעכער מאָנסטערשטאָט ניו־יאָרק:

דער פאַרנאַכט איז קופּעררויט און ראָז
און זײַן גלאַנץ שפּיגלט זיך אין יעדער שויב.
גרינער ווערט אין פעלד דאָס גראָז
און שטילער אויפן וועג — דער שטויב.
נאָר שטאָט ווערט רוישיקער ווי אַלע מאָל,
די מענטשן ציִען מידע זיך אַהיים.
דער אָוונט גיסט זיך דאָ ווי גרויער שטאָל,
און אין דער ענגשאַפט — יעדער בלײַבט אַליין.

אין אַזאַ בין־השמשותדיקער אַליינקייט פלעג איך טרעפן אין ניו־יאָרק מײַן בת־עיר ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ. זי פלעגט זיך אַלע מאָל פון דאָס נײַ דערפרייען און דערציילן מיר פון אירע יאָרן אין ביאַליסטאָק. זי איז געווען מילד און אַזאַ האַרציקע וואַרעמקייט האָט געווייעט פון איר. מיך האָט עפּעס אי געוווּנדערט, אי אימפּאָנירט, וואָס זי רעדט ניט וועגן אירע לידער, ווער ווייס? אפשר האָט זי מיט איר ראַפינירטן חוש דערפילט, אַז איך מייד עס אויס. זאָל זי מיר מוחל זײַן דערפאַר.

אין דער מחיצה פון שאַפער

איך האָב אָבער יאָ געהערט איר צאָרנדיק ליד, געשריבן אין די ערשטע מלחמה־יאָרן:

וי ביאַליסטאָק, וועט ברענען באַלד בערלין,
וי בריסק און ווילנע — רויכערן וועט מינכען.

אָט די קלאָג־נבואה האָט אָבער ניט געלינדערט אירע יסורים אויף דער אומגעבראַכטער היים, אויף דער פאַרשוווּנדענער יידישער וועלט פון מיזרח־איירָאָפּע, וואָס האָט זי גייסטיק גענערט אין איר נייַער היים אין אַמעריקע.

דאָס בוך שליסט זיך מיט דעם לידער־ציקל „דו". — לידער פון ליב־שאַפט, פון באַגער און בענקשאַפט, לידער פון ליבע, וואָס אָטעמט מיט טענער פון שיר־השירים און מיט אייביקער גלוסטונג — „פון דיר מייַן ליבער, פון דייַן ליכטיק זייַן, איז איבער מיר אַ זון איצט אויפגעגאַנגען".

איך ווייס ניט צי די זון איז טאַקע אַ פולע ווען עס איז אויפגעגאַנגען איבער איר.

ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ איז געשטאָרבן ערב יום־כּיפּור תשל"ב.

איז דאָס בוך פון איר ליטעראַרישן עזבון מער ווי אַ געטרייַע, ווערדיקע פאַראָנדענקשאַפט נאָך דעם עלנטן לעבן פון דער דיכטערין, וואָס האָט דאָך אַזוי באמונהדיק געגלייבט:

פאַרשטויסן מייַן וואָרט איז, געטראָטן, ווי שטויב,
און דאָך בלייַבט מייַן ליד, ווי אַ דאַנק, ווי אַ לויב — —

לייב אַליצקי

(צו דער ערשטער יאָרצײַט)

לייב אַליצקי האָט געשאַפן אין אַ סך זשאַנערן. ער איז געווען אַ דיכטער און אַ פּראָזאַיִקער, און איןביידע אויפטועריש און פּראָדוקטיוו. אַז מיר קוקן בלויז נאָך די רשימה פון די ביכער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן: ראָמאַנען, דערציילונגען, לידער, פּאָעמעס, משלים און זײַן באַזונדערער אויפטו אין איבערזעצונגען, בפרט פון העברעיִש אין יידיש — איז גאָר ניט אָפּצושאַצן דעם בײַטראָג זײַנעם צו דער יידישער וואָרטשאַפונג.

נעמען מיר אַ שטייגער זײַן היקפדיקע זאַמלונג לידער און פּאָעמעס „פון אייגענעם פעלדז", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1964 (320 זז'), ווערן מיר ממש פאַרפלייצט פון דער שפע מאָטיוון און טעמעס, וואָס אָט דאָס בוך אַנטהאַלט. זעלטן אַנצוטרעפן אַ לידער־זאַמלונג, וואָס ברענגט אַרויס אַזאַ פאַרשידנאַרטיקייט פון אינהאַלט און אויסדרוק, ווי ס'איז אין דער פאַרנע־מיקייט פון אַליצקיס ליד — דורך אַל די יאָרן פון זײַן שאַפן — און שפּיגלט אָפּ זײַן איבערלעבונג, זײַן אינטימע שפּירונג. פאַראַן דאָ דיכטערישע מעדי־טאַציע, זײַנע געפילן פון אַנטוישונג און ווייטיק און צו מאָל צעפלאַטערטע שפּירונג פון דערהייבונג און טרייסט.

ווי אין זײַנע שורות פון אַ ליד וואָס הייסט: „צו דעם טרויעריקן דיכטער אין ישׂראל", וואָס זעט אַלץ טונקל און סומנע, זאָגט צו אים אַליצקי מיט אַזאַ איבערצײַגעוודיקייט:

„קוק אַרויף. ס'איז שוואַרץ די נאַכט, נאָר ס'בליִען אין איר שטערן, ס'איז וואָר, די זון האָט פלעקן. נאָר איר קערן איז אַ לויטערער, אַ היילנדיקער קוואַל". — —

אָט די שורות כאַראַקטעריזירן ניט נאָר סימבאָליסטישן מיין, זיי מאַני־פעסטירן דעם אויסגעכאָוועטן, דעם אויפגעהיטענעם גלויבן. אין דער טראַגיק פון די געשעענישן און אין דעם טרויער פון דער צײַט — וואָס ער איז דורכגעגאַנגען, וואָס יידיש פאָלק איז דורכגעגאַנגען — צינדט ער אָן אין זיך אמונה און באַוועגט צו גלויבן, אַז עס איז נאָך פאַראַן „אַ לויטערער,

היילנדיקער קוואַל". דאָס איז אייגנטלעך דער טיף פאָלקישער, ייִדיש־הומאַניסטישער באַנעם פון דעם דיכטער אין אונדזער צעווייטיקטן דור.

ס'איז ניט לײַכט אַרומצונעמען און באַהאַנדלען דאָס אַלץ וואָס לייב אַליצקי האָט געשאַפן אויף אַלע ליטעראַרישע צווײַגן במשך פון אַ יובל יאָרן; לייב אַליצקי האָט פופציק יאָר — און אונטער אַלע באַדינגונגען — געפורעמט זײַן ליד און זײַן דערציילונג. ער האָט דעביוטירט מיט אַ דערציילונג „די עסטרײַכישע תּליה", וואָס איז געווען געדרוקט אין „וואַרשעווער אַלמאַנאַך", און אין יאָר 1924 איז אַרויס זײַן ערשט בוך „אין אַן אָקופּירט שטעטל", אַ געוואַגטע, אין יענער צײַט, שילדערונג פון פאַרדרענגטן און געדריקטן ייִדישן לעבן, מיט די פאָלגן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אויף דעם שטעטלשן ייִדישן אָרום, אויף דער שטעטלשער סביבה. אַ טעמע צו וועלכער ער קערט זיך אָפּט צוריק ביז זײַנע לעצטע שאַפונגען. דאָס בוך „ישיבה־לײַט", די לידער־זאַמלונג „צום זון אין צה״ל", דאָס בוך „וואָליבער ייִדן" — אין זיי האָט ער אַרויסגעבראַכט צײַטן און טיפּאַזשן, געשילדערט ייִדישן געראַנגל, שטעטלשע נויט און יוגנטלעכע חלומות און האָפענונגען.

שפּרייטן זיך און קייטלען זיך אַזוי זײַנע פּראָזע־און פּאָעזיע־ווערק און ברענגען אַרויס איבערלעבונגען, קאָנפליקטן, ייִדישן גאַנג און גורל — —

דרײַ ברידער זענען זיי געווען די אַליצקיס, און ס'איז געווען אַ טראַדיציאָנעלע היים אין וואָלין, און דאָס שטעטל טריסק, אַליצקיס שטעטל, האָט פאַרמאָגט אַלט־ייִדישן ייִחוס און אַלטפאָלקישן ייִדישן שטייגער. אַלע דרײַ: לייב, ברוך און מאָטעס זענען געוואָרן ייִדישע שרײַבערס, דיכטערס און לערערס, אַרויסגעראַמטעוועט זיך פון דעם פּיִערטיגל האָבן צוויי פון דער משפּחה: לייב און מאָטעס. נאָר אַלע דרײַ האָבן בשעתּם זיך געבונטעוועט קעגן סדר־העולם, געזוכט אַ תּיקון, געוואָלט איבערמאַכן די וועלט. ווי האָט עס אַנדערש געקאָנט זײַן? אַז דער אָרום, און באַזונדערס דער ייִדישער אָרום איז אַזוי דערדריקט, איז אַזוי באַעוולט און דיסקרימינירט און דער ייִדישער פאָלקסמענטש ראַנגלט זיך פאַר דער מעגלעכקייט פון עלעמענטאַרן קיום. ווי האָט עס אַנדערש געקאָנט זײַן, אַז זיי, די יונגע שרײַבערס און לערערס זאָלן ניט זײַן אויף דער זײַט פון די קעמפנדיקע? פון די גערעכטע?

בײַ לייב אַליצקי קומט צום אויסדרוק אָט דער סאָציאַלער עלעמענט

שוין אין זײַנע ערשטע שאַפונגען. דאָס איז דער סאָציאַלער מאָטיוו, וואָס כאָטש ער איז שוין גאָרנישט מחדש, איז ער דאָך אמתדיק און וואָריק אין זײַן געראַנגל מיט דער סביבה, אַט די סביבה וואָס פּרוּווט זיך צופּאַסן און לעבן אין קלעם פון הערשנדיקן קלאַס אין אויפקומענדיקן פּוילן. דאָס איז דער גרונטמאָטיוו אין זײַנע ערשטע פּראָזע־ווערק, אין זײַנע ביכער „אין אַן אָקופּירטן שטעטל", אין זײַן ראָמאַן „געראַנגל" און „הונטמאַן" און אַפילו שפּעטער, שוין נאָך דער מלחמה, אין זײַן גרויסן, פאַרנעמיקן ראָמאַן „דאָדיע קאָוואַל", ווי אין אַנדערע נאָוועלן, לידער און דערציילונגען.

קלאָר, אַליצקי, ווי אַ סך שרײַבערס פון זײַן דור, וואָס האָבן אין ליטע־ראַטור געזען ניט נאָר אַ מעדיום פון קונסט, — און דאָס שאַפערישע וואָרט, באַזונדערס די פּאָעזיע איז דאָך די דערהויבנדיקסטע קונסט פון אַלע קונסטן — האָבן אָפּגעפּילט די ראָלע פון שליחות, וואָס עס טראָגט די ליטעראַטור. אַן אידיש־נאַציאָנאַלע שליחות, אַ געזעלשאַפטלעכע שליחות. האָט אַליצקי געשטעלט אויפגאַבעס זיך און זײַן ליד. ער האָט דערזען און דערפילט די עוולות און די קריוודעס לגבי דעם מענטש, לגבי דעם ייִד. געזען און אײַנגע־אָטעמט די רעאַלע וועלט מיט אירע פּראָבלעמען און פּײַנען.

אָבער אַפילו אַזוי, ווען זײַן ליד אָדער דערציילונג ווערט צו מאָל צוגעשפּיצט צו אַ סאָציאַל־אידעיִשן אויסקלאַנג, און איז ווי דיקטירט פון אַ געזעלשאַפטלעכער טענדענץ, בלײַבט אָבער זײַן פּראָזע־שאַפונג אין דער ראַם פון סאָלידער בעלעטריסטיק, בלײַבט זײַן ליד אין דער ספערע פון דיכטונג. ווײַל קודם־כּל איז ער געווען אַ דערציילער, אַ דיכטער, וואָס האָט געוווּסט און געקאָנט — מיט דער געבענטשטקייט פון אַן עכטן שאַפער — דעם סוד פון וואָרט און דעם באַטײַט און ווערט פון אינערלעכן ניגון, דער ניגון וואָס ריזלט און צאַפּלט און שפּילט אויף. — און ס'איז געווען אַזוי בײַ אַליצקין פון שרײַבערישן בתולה־פעלד אָן, אין זײַן אַמאָליקער וואָלינער היים, דורך די אַלע שליאַכן, וואָס ער האָט דורכגעוואָגלט, ביז דאָ, ביז זײַנע שאַפונגען אין ארץ־ישׂראל.

ווייס שוין אַיעדער, אַז ס'איז ניט צו געפינען נאָך אַ ליטעראַטור, וועמענס שרײַבערס זענען דורכגעגאַנגען אַזאַ דאָרנדיקן וועג, אַ וועג אָנגעפּילט מיט פּײַן און פּחדים, מיט ביטערע אַנטוישונגען, און דער ניצוץ פון טרייסט

און האָפענונג האָט דאָך ניט פאַרלאָזט. טיף אין זיך האָט מען געכאָוועט דעם פאַרצאַנקטן פונק פון בטחון — —

לייב אַליצקי האָט אַלע מאָל אָפּגעהיט די פאַרבינדונג מיט אונדזער נאַציאָנאַלן שטרעבן און נאַציאָנאַלן אויפגיי (ער האָט אַ מאָל נאָך איבער־געזעצט אין יידיש דאָס גוטע פון דער העברעישער פּאָעזיע) און ס׳איז געווען די היים, וואָס האָט געהאַט איר באַשטימונג, די געטריַיע יידישע היים, וואָס האָט דורותדיק געוואָרצלט אין פוילן, רוסלאַנד, אין וואָלין. געווען יוסטע, גלויביקע זיידעס, וואָס האָבן געחלומט פון דערלייזונג, פון פאָלקישער גאולה. אָט ווי אַליצקי האָט אין די לעצטע יאָרן געזונגען צום עלטער־זיידן זיינעם, וואָס איז אין וויַיטלעכן אַנוסטן אויפגעגאַנגען מיט אַזאַ חדווה ווען זיַין זון האָט אים געבראַכט אַ זעקעלע ארץ־ישראל ערד:

האָסט, זונעניו, געבראַכט מיר אַ גאולה! —
דאָס ביסל ערד איז אַ געבענטשטע סגולה...

און דאָס אייניקל, דער דיכטער פון היַינט, וואָס איז געפּרוווט געוואָרן אין דער טראַגיק און הערויִק פון אונדזער צייַט, פילט עס אָפּ און ער ענטפערט אַזוי:

אַ זיסע פרייד שטראָמט דורך דורך מיַינע גלידער:
אין מיר דו פרייסט זיך עלטער־זיידע ווידער —
דיַין פערטער דור געבענטשט איז מיט דער סגולה.

ס׳איז לכאורה אַן אַנדער גלויבן. אָבער דאָס זענען דאָך די רינגען פון איין יידישע קייט, אַ קייט פון אמונה. ווי דורות וואָלטן זיך איבערגערופן.

*

און אָט ווי לייב אַליצקי זינגט אויף צום נייַעם דור, צו זיַין זון אין צה״ל (נאָך אַ רינג אין דער שלשלת). „ס׳איז אַ תּפילה פון אַ זעלנערס מוטער״, אגב, די פאָרעם פונעם ליד, זיַין שפּראַכקלימאַט דערמאָנען דעם נוסח פון מיטל־עלטערלעכע פּיוטים:

אבּרהם ליס

אַלמעכטיקער און האַר פון אַלע וועלטן,
וואָס ס׳וואַכט דײַן אויג אויף צה״לס פעלדגעצעלטן,
פאַרנעם מײַן תפילה, אײַנגעפּאַסט אין טרערן:
דו זאָלסט מיר באַרעמהאַרציקער באַשערן,
סע זאָל מײַן זון דעם איינציקן ניט אָנקומען צו שווער
די פון דעם שׂונא אויפגעצווונגענע מלחמה־לער,
צו קאָנען מוטיק, מיט האַרץ און מיט געווער,
באַשיצן ס׳היימלאַנד און דאָס פאָלק —
נאָר נישט צו רצחנען אָן טאָלק:
„לא תרצח!״ איז אַן אייביק הייליקער פאַרווער.

פאַראַן אין דעם ליד, ווי אין צענדליקער אַנדערע לידער, אַ פאָלקסטימ־לעך־זאָגערישער טאָן. אַ תחינותדיקער טאָן, עלהיי די לידער וואָלטן ניט געשריבן געוואָרן, נאָר וואָלטן דורכן דיכטער געזאָגט געוואָרן בעל־פּה. אָבער די לידער האָבן אַ ניגון, טאַקע אַ זאָגערישן ניגון אין נוסח פון אַלטע פּייטנים, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט און באַזונגען אַל די איבערלעבונגען און געשעענישן און בעיקר זייער שטימונג, זייער געפיל אין באַצוג צו די פאַרלויפענישן.

לייב אָליצקי איז דורכגעגאַנגען דעם וויסטן וועג פון יידישע פּורענויות. דעם צווייטן וועלטקריג מיט דעם אַל דאָס בייז פון שרעק, הונגער, נויט און נע ונד. און ער איז אַרויס, און אַ געלײַטערטער. אָבער די שפּורן פון פּײַן זענען געבליבן. און און ס׳איז געווען נאַטירלעך, אַז עס האָט אים געצויגן צוריק צו יענער, אַמאָליקער יידישער וואָר, צו דער ערד פון וואָלין, צו פּוילן. אָט דאָס נעכטיקע, דאָס פאַרלוירענע און פאַרלענדטע קומט צום אויסדרוק אין אַ ריי לידער־ציקלען און דערציילונגען. די היים פון נעכטן, די יידישע גאַס מיט אַלע אירע בענקשאַפטן, מיט אירע באַגערן, אירע גרעאַנגלען און חלומות און די יידישע גײַסטיקע עשירות, וואָס דורות יידן האָבן אויפגע־שאַפן, געצירט אירע ווערטן און זיי געפּלעגט. אָליצקי זינגט עס אויף אין טיפער דערמאָנונג אינעם ליד צו אלחנן וואָגלער „דײַן האַרץ — אַ פידל״.

דײַן האַרץ — אַ פידל — האָסטו אויפגעהאָנגען
אויף אַ בערעזקע בײַם ראַנד פון שליאַך.
ער איז מיט ניגון־אומעט אָפּגעגאַנגען,
ווי אויף אַ בבל־ווערבע פון תּנך.
דער שטויב פון שליאַך איז גרײדי אויף אים געפאַלן,
נאָר דער באַגין וואַשט אָפּ זײַן לײַב מיט טוי;
די זון שטעלט אונטער שטאָט די סטרונעס — שטראַלן.
אין שקיעה־אומעט רוימלט זיך זײַן גרוי.

סאַראַ צאַרטע בילדערישקייט אָט דאָס ליד טראָגט אין זיך, אַזוי אויך די אַנדערע לידער פון בענקשאַפט און דערמאָנונג פון אונדזער נעכטיקער יידישער וועלט.

אַ באַזונדערן אָרט פאַרנעמען אין זײַן שאַפונג — און זיי קענטיקן זיך אויס מיט זייער אייגנטימלעכקייט — די באַלאַדעס און די ציקלען משלים. אין זײַנע פאָלקסטימלעכע באַלאַדעס, וואָס זענען געראָטן אין זייער עפּישער שטימונג, ברייט און פאַרביק אין דעם ריטעם פון דער באַלאַדישער פאָרעם, ברענגט ער אַרויס דעם טיפּאַזש און די לאַנדשאַפט פון אַמאָליקער היים.

אין דער פאַרביק צעכוואַליעטער באַלאַדע „יידישע פישער בײַם ים" ברענגט אַליצקי אַזאַ פּרעכטיקע שילדערונג פון יידישע פישערס, דורותדיקע יידישע פישערס, אויסגעהאַרטעוועטע בײַם טײַך. און מיר פילן אָפּ דעם ריח פון טײַך, דעם גרינעם טײַך־שלומער. ברוך דעם פישער גייט עס ניט לעצטנס אין פאַנג. די נעצן בלײַבן ליידיק אַזוי טאָג נאָך טאָג. זײַן זון גבריאל קאָן ניט צוזען דעם צער פון טאַטן (און אפשר אויך די נויט) און בעט אים:

„טאַטע מאַך אַ פּרוּוו, מײַן לײַכטע האַנט וועט אפשר מזלדיקער זײַן פון דײַנער. מיט תּורה איך דערנער מײַן זעל... נאָר הונגעריקער גוף מיר שטערט צום לערנען: אם אין קמח... איז זײַן רעכטע טענה".

און דאָס מזל האָט טאַקע צוגעשפּילט. מען כאַפּט דעם גרויסן פיש. — אָט איז עס דאָך מקוים געוואָרן, אויף וואָס דער זון, דער יונגער למדן האָט געהאָפט. נאָר גבריאל, דער זון, גיסט אַרויף וואַסער אויפן פיש און דער פיש שפּרינגט אַרויס. פאַר וואָס? ווײַל גבריאל קאָן ניט פאַרטראָגן, קאָן ניט

צוזען דעם פײַן פון פיש. ס'איז אַן אַלעגאָריש צוגעשפּיצטע, נאַראַטיווע באַלאַדע. ניט ווילנדיק דערמאָנט עס אונדז אין ערנעסט העמינגווייס באַ־רימטער נאָוועלע „דער אַלטער און דער ים". ניט מער, העמינגווייס פיש, וואָס עס כאַפּט דער פאַרהונגערטער פישער ווערט אויפגעפרעסן פון דער סטאַדע הײַפיש, וואָס רײַסן פון אים שטיקער. העמינגווײי איז דאָ אויסן געווען אָנצוטײַטן אויף דער היינטיקער וועלט, ווו עס פרעסט אויף איינער דעם אַנדערן. אַליצקי האָט דאָ דווקא מאַניפעסטירט אַן אַנדער געדאַנק: אַ הו־מאַניטאַרן געדאַנק, אַ יידיש־מענטשלעכן געדאַנק.

אַזאַ איז אויך די באַלאַדע „מסירת־נפש", ווו דורך דער פּאַנאָראַמע פון געשטאַלטן און פאַרלויפענישן ווערן אַרויסגעבראַכט די פּרוּוון און נסיונות, וואָס כאַראַקטעריזירן ניט נאָר דעם יחיד, נאָר די יידישע אַנטיקע סביבה, דעם יידישן כּלל.

פון דעם זעלביקן אידעיִשן כאַראַקטער איז אויך די באַלאַדע „דער בעל־תשובה". דאָ שילדערט אַליצקי אין פלוג אַ נעגאַטיווע געשטאַלט. ס'איז וואָלף שנײַדערוק, וואָס טוט אָפּ כּל דבר אָסור, בכדי אויסצונעמען, נושׂא־חן זײַן אין די אויגן פון פריץ. און ער איז פרעמד צום יידישן כּלל און ער האָסט זײַנע יידישע שכנים. ווײַכן פון אים די יידן פון שטעטל. נאָר אָט פאַרלויפט זיך אַ מעשׂה, וואָלף שנײַדערוק באַגעגנט אין דער קרעטשמע דעם רבין, און עס ווירקט זיך אויס אויף אים די באַזעלטקייט פון דעם אורח דעם צדיק. און ס'געשעט דער נס פון גײַסטיקער באַווירקונג אַפילו אויף אַזאַ פאַרשײַטן פאַרשוין ווי וואָלף שנײַדערוק. און ער באַגערט צו תשובה. אַליצקי שילדערט וואָריק און פּאָעטיש דעם דאָזיקן אויסטערלישן און דאָך נאַטירלעכן צונויפ־טרעף פון דער וויסטער גשמיות און דעם רוחניותדיקן צאַפּל, די השפּעה פון דעם צדיקס גײַסטיקער התנהגות. אָט זענען עטלעכע שורות פון דער אָנגע־שפּאַנטער בילדערישקייט און ווי זי לייזט זיך אויף:

די זון הענגט אין הימל... דאָס שטראַלט אַזוי וואַרעם
די מראה פון צדיק. דאָס וואָרט פון זײַן מויל.
נאָר וואָלפן — „דערבאַרעם זיך צדיק, דערבאַרעם!
סע בריט יעדעס וואָרט, ווי אַ גלײַקע קויל."

אין אָט די באַלאַדעס איז ניט נאָר אָנגעווענדט אַ טרעפלעך פאָלקלאָריסטישער עלעמענט, אַ גוט פאַרכאַפנדיקער תּוכן, וואָס כּישופט ממש מיט זײַן פּאָעטישער דערציילערישקייט, און אָליצקי, ווי דער געניטער, ראַפּינירטער משלים־שרײַבער, דערפירט אויך צו דעם מוסר־השׂכּל, נעמלעך: אין דער ריכטיקער סביבה, מיט דער ריכטיקער הדרכה קאָן אַפילו דאָס סאַמע בייזסטע באַקומען אַ תּיקון, קאָן דאָס נעגאַטיווע אינעם מענטש געלענקט ווערן צו גוטס און תּשובה.

דאָס איז די מחשבה פון מאָראַלישער ריינקייט, פון מענטשלעכער דערהויבנקייט.

די ייִדישע פּאָעזיע, ווי די ייִדישע ליטעראַטור בכלל, איז אָנגעהויכט מיט הומאַניטאַרער אידעע. דאָס איז איינער פון אירע גרונטמאָטיוון. אָט דעם מאָטיוו האָט צוגעאייגנט אויך אָליצקי.

בכדי דאָס צו אילוסטרירן וואָלט איך געקאָנט ברענגען אַ ריי דוגמאות פון זײַן פּראָזע און פון זײַן ליד. וועל איך ברענגען בלויז איין מוסטער פון זײַן אויסגערופענער עפּישער פּאָעמע „נגינה", וווּ עס ווערט אַזוי אויסגעשיילט דער מענטשלעכער גײַסט, געבויט אויף דעם אייביק געזוכטן און באַגערטן געפיל „אהבה". אהבה — זאָגט ער אין די ערשטע סטראָפן:

אהבה האָט נגינה,
קיין ניגון נישט די שׂינאה;
אהבה שפּילט אויף פידלען
און שׂינאה קאָן בלויז זידלען.

אָליצקי איז אָפט מאָל עפּיגראַמיש און שפּילעוודיק, און פאַראַן שפּילעוודיקייט אין די ניט־ווייניק גרויס־אָנגעכמורעטע פערזן פון זײַנע לידער און לײַכטקייט אין די דערציילונגען פון אַן אומעטיקער וואָר. אָבער מיט אַן עיקר־געדאַנק איז דורכגעדרונגען און איז באַאָהויכט זײַן שאַפונג, און דער געדאַנק איז ייִדישע חשיבות און מענטשלעכע ווערטיקייט.

וועלכער ייִדישער דיכטער, ייִדישער שרײַבער, בפרט אַן אָפּגעראַטעוועטער, אַ געקומענער פון דאָרט, האָט ניט אַרײַנגעפירט די אומקומצײַט

אין זײַן שאַפן? אויך בײַ אַליצקין איז די מלחמה, די נאַצי־תקופה, און איר אויסווירקונג איינס פון די באַגלייט־מאָטיוון אין די לידער.

ער איז געווען אַ לערער, אַ דערציִער, דערציילט ער פון זײַנע שילערס, פון אַזעלכע, וואָס זענען אויך געוואָרן קעמפערס אין געטאָ, פּאַרטיזאַנער אין וואַלד, ווי גבריאל פרישדאָרף און די לערערין אַניוטע פּיאַטיגאָרסקי.

אַט די לידער רודערן אונדז אויף מיט זייער פּשטות און מיט זייער שאַרפער עכטער שטימונג. וואָס נאָך? דער היַינט פאַרבלאָסט ניט דעם נעכטן, גרײַלעך פאַרקערט, רופט זיך איבער מיטן נעכטן! כאָטש זײַן ישׂראל־ליד איז אַזוי היקפּדיק, נעמט אַרום אַזוי פיל טעמעס און דאַכט זיך, אַז מיט אייפער האָט רעאַגירט אַליצקי אין זײַן ליד אויף די פּראָבלעמען און געשעענישן אין אונדזער לאַנד — און ער האָט געשריבן ניט ווייניק צײַט־לידער, וואָס הגם זייער אַקטועלער אינהאַלט האָט אים געשטעלט אין סכּנה פון פּובליציסטישער באַהויכונג — וואָרצלען אָבער די לידער אין אַ טיפן באָדן און מיר געפינען אין זיי פרייד פון זײַן, און אַזאַ סאָלידע מיושבדיקייט, סײַ ווען ער באַזינגט לאַנד און פעלד און תּבֿישע געשטאַלטן, סײַ ווען ער רעדט וועגן אַפּטריניקעס און צוייפלערס, אָבער אין אים אַליין:

איצט רוט די היימישקייט אין מײַנע ביינער,
בריט אויס פאַר מײַן נשמה בלויע טויבן; —
איך זע זיי שוועבן דורך דער לופט דער ריינער
אין שפּיגלען לויטערע פון העלן גלויבן...

פון דאַנעט, פון דער היימישקייט און באַרוטקייט, קערט ער זיך ווידער אום צו טריסק. ווי דען אַנדערש? אַט איז „איציע באַלאַגאָלע", וועמענס קינדער גייען אַוועק אויף הכשרה — און אויך זיי זענען פאַרלוירן געגאַנגען, אומגעקומען. זאָגט ער מיט אַזאַ רירנדיק טרויעריקן טאָן:

די זקנים שלײַכן שטיל זיך, גלײַך ווי טויבן,
וואָס שטרעקן אויס צום חלף זייער האַלדז,
די בליקן צו דעם הימל אויפגעהויבן —
די זון, זי שיט זיי אין די אויגן זאַלץ.

פאַראַן אין די שורות אַן איבערררוף מיט דער פּאַעמע פון אונדזער גרויסן דיכטער, וואָס איז אויך אויפגעקומען אויף וואָלינער ערד, צו חיים נחמן ביאַליקס „פון שחיטה־שטאָט״, ווו די זון האָט זיך צוגעקוקט צו די אַכזריותן, — דאָ „שיט זי זאַלץ אין די אויגן״.

לייב אָליצקי איז געווען איינער פון אונדזערע גרעסטע משלים־שרײַבערס און ער האָט אויפגעשריבן סעריעס משלים, וואָס זייער באַטײַט איז קודם־כּל אין דער געדאַנקלעכקייט און אין טרעפלעכן אויפלייזן סיטואַציע און ווידעראַנאַנד, מיטן עקזאַקטן מוסר־השכּל. ער באַנוצט זיך ניט מיטן אויסגעפּרוּווטן רעקוויזיט פון בעל־חי, נאָר מיט געשטאַלטן און קאָנפליקטן פון הײַנט און פון נעכטן: חסידות און תּנך. און ס׳איז דאָ אין אָט די משלים שטילע פּיקחות, מעלאָדישער ריטעם, און אַזאַ לײַכט־הײַטערער טאָן, וואָס מאַכט זײַן משל נאָענט און היימיש.

פון זינט זײַן באַזעצן זיך אין לאַנד האָט ער זיך ווי אײַנגעקאָרבט אין דעם ארץ־ישראל־באָדן, אין דער ישראל־וואָר. און ער האָט אויפגעשריבן, אָליצקי, אַ שלל לידער צום לאַנד און וועגן לאַנד און זיי קלינגען אויף מיט געדאַכטער רו, מיט בענקשאַפט צו אייגענער ערד, מיט אומרו, אָבער אויך מיט זיכערקייט. אין איינעם פון זײַנע ישראל־לידער זאָגט ער:

איך האָב געטובלט זיך ערד אין דײַנע שטויבן
און בין אַרויסגעקומען לויטער ווי אַ קינד,
און ווי שוין אַ דערוואַקסענער — דערוואַכט, דערהויבן
וואָס לעצטער מינדסטער צווייפל אין זײַן האַרץ צערינט.

בײַ זײַן גאַנצער אויסגעפּרוּווטקייט — און דאָס ניט ווייניק — אין דעם פּײַערטיגל פון אונדזער תּקופה — האָט ער פאַרמאָגט אַ יוגנטלעכע תּמימות און אַ ייִנגלשע פאַרגאַפטקייט, וואָס איז אַזוי אייגנדיק און כאַראַקטעריסטיש פאַר טאַלאַנטירטע מענטשן.

לייב אָליצקי האָט צוגעטראָגן אַ וואָגיקן בײַטראָג דער ייִדישער וואָרט־שאַפונג. ער וועט אָן ספק בלײַבן ווי איינער פון די געטרײַע פאַר דער עובדא פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

י. פּאַפּיערניקאָוו

(צו זײַן באַקומען דעם מאַנגער־פּרײַז)

עס ווערט באַלד אַ יובל יאָרן ווי פּאַפּיערניקאָוו איז געקומען צום ערשטן מאָל אין ארץ־ישׂראל און פֿאַרבונדן זײַן לעבן און זײַן שאַפֿן מיטן לאַנד. פּאַפּיערניקאָווס ליד — פֿון יענער צײַט — איז אויפֿגעגאַנגען אויף די ליפּן פֿון ייִדישן מענטש אומעטום, און ער האָט זוכה געווען צו וווּנדערלעכער פֿאַרערונג. זײַן ליד, זײַן שאַפֿונג, האָט פֿאַרזייט ליבשאַפֿט צו ארץ־ישׂראל און אָנגעשטעקט מיט ליבשאַפֿט צום ליד, צו דיכטונג.

ס׳דאַכט זיך מיר, אַז ס׳איז נאָך ניט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן פּאַפּיערניקאָווס וועג און זײַן ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט אין דעם בראשית פֿון דער ייִדישער שאַפֿונג אין ארץ־ישׂראל. אַזוי פּאַסירט אָפֿט מיט ראשונים, מיט די וועגשנײַדערס און יסוד־לייגערס.

זײַן יצירה אין דער דערהויבנדיקסטער קונסט פֿון אַלע קונסטן, אין דער פּאָעזיע — האָט אויפֿגעקלונגען — און אפֿשר נאָך מער, ווײַל אַפֿילו אין זײַנע אויסדרוקפֿולע, אָפֿענע און בונטאַרע לידער איז פֿאַראַן אַזאַ רייצנדיקע ניט־דערזאָגטקייט, אַזאַ שטילע מעלאָדישקייט, וואָס קלינגט ניט אויף, נאָר ריזלט אַרײַן מיט צאַרטן טאָן. און מיט אַזאַ מוזיקאַלישקייט, וואָס איז ביכולת צו באַווירקן און באַווירקט דעם סאַמע פּראָזאַישסטן מיטמענטש.

מען האָט שוין ניט איין מאָל אָנגעוויזן אויף דעם סאָציאַלן מאָטיוו אין זײַן דיכטונג, אַז ער האָט באַזונגען, אַז ער האָט אַרויסגעבראַכט די פֿאַריאַכטקייט פֿונעם מאַסנמענטש, פֿון ארץ־ישׂראלדיקן אַרבעטער, זיך אָנגענומען זײַן קריוודע. ער האָט אין ליד, ווי ווייניק ווער פֿון אונדזערע הײַנטצײַטיקע דיכטערס, אויסגעדריקט דעם פּראָטעסט קעגן סאָציאַלן אומיושר. און מיר זאָגן עס מיט שבח און טיפֿער פֿאַרערונג, ווײַל אָט דער מאָטיוו און אָט די שפּירונג איז ביז הײַנט אַזוי וואָך אין זײַן געמיט און איז אַזוי עכט און אמת אין זײַן פּאָעטישן פּילן.

מיר האָבן בפירוש ניט אָפּגעשאַצט וואָס פּאַפּיערניקאָוו האָט מיט זײַן שאַפֿונג בײַגעטראָגן צום דערנענטערן דעם ייִדישן מענטש פֿון אַלע שיכטן

צום יידישן ליד. ס'איז זײַן באַזונדערער פאַרדינסט; פּאַפּירעניקאָוו האָט מיט זײַן ליד דערנענטערט דעם יידישן לייענער צו יידיש־קינסטלערישער שאַפונג, צו יידישער פּאָעזיע.

די פּשטות, זײַן שטיל אויפריכטיק וואָרט, די עכטקייט פון איבערלעבונג, די מעלאָדישקייט, דאָס קלאָרע בילד אין זײַן ליד האָט באַווירקט דעם לייענער. פּאַפּירעניקאָוו האָבן געלייענט און געזונגען אַזעלכע, וואָס האָבן ביז אים קוים געוווּסט דעם באַטײַט און קוים געפילט די שיינקייט פון דיכטונג.

דאָס איז אַ שׂכר, וואָס איז איינציקאַרטיק; דאָס איז אפשר דער דערהויבנדיקסטער שׂכר פאַר אַ סך ביטערע אַנטוישונגען און גערانגלען פון אויפברענגען דאָס ליד אין יאָרן פון ביטערסטער באַציִונג צו יידיש, מיט וועלכער פּאַפּירניקאָוו איז געפּרוּווט געוואָרן. מיט העכער פיר צענדליק יאָר צוריק האָט ער, פּאַפּירעניקאָוו, דורכגעאַקערט און פאַרמירט דעם וועג פאַר דער שפּעטערדיקער צעצווײַגטער יידישער שאַפונג אין לאַנד. אין יענער תקופה איז דאָך דאָ געווען דער ביטערסטער גלות פאַר יידיש, און פּאַפּירעניקאָוו איז דאָ — און איך געדענק עס גוט — געגאַנגען מיט ווערדע, מיט עקשנות. ער האָט געטראָגן הויך זײַן יידיש וואָרט, זײַן יידיש געזאַנג.

ערגעץ אין אַ ליד זאָגט ער:

„מײַן טאַטע דער חובב־ציון האָט אַרײַנגעחלומט אין די זילבער־ווײַסע האָר" — געחלומט פון ארץ־ישראל. אָבער ער, דער זון, דער דיכטער האָט פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט דעם ווילן צו אייגענער היים, דעם ווערט און די ווערדע פון אייגן לאַנד. פּאַפּירעניקאָוו האָט אַזוי דײַטלעך אַרויסגעפילט יענעם גרויסן אמת, וואָס איז געבליבן אויך הײַנטיק, ווי ער זאָגט:

„אַנדערש וואָלט צעגאַנגען זיך און אָפּגעקלונגען אונדזער ליד, ווען ס'וואָלט פון אונדז געשלאָגן זאַפט און קראַפט פון ערד".

גאָר קיין ספק ניט, אַז דער זאַפט און די קראַפט פון דער ערד גיט דעם דיכטער אַנדערע מעגלעכקייטן, נערט אים מיט בטחון, מאַכט אויפנעמען נאַטירלעכער די פאַרבונדנקייט פון ישׂראל־דיכטער צום אייגענעם באָדן, צום פּייזאַזש פון לאַנד; דאָס דערפילן צו מאָל אַליין די ברכה פון דער ערד האָט געהאַט אַ קענטיקע השפּעה אויף יידישע דיכטערס אין לאַנד.

פּאַפּירניקאָווס ארץ־ישׂראל־ליד איז ביז הײַנט מקורותדיק. זײַן ליד

נעמט אַרײַן אין זיך אונדזער געראַנגל און בענקשאַפט, קולמינירט די געשעענישן און די העראָיִק פון אונדזער דור און תּקופה.

ער האָט אָנגעהויבן מיט לידער „אין זוניקן לאַנד", טרעטנדיק אין די „גאָלדענע זאַמדן" ווען אין לאַנד האָט נאָך געהויכט מיט טרוים און אָנטפּלעקונג און שפּעטער „אונטער פײַער" צום „צווישן בראשית". — —
און אַפילו די שרעק און די מורא, וואָס ער האָט שוין דאָן געהאַט — אַז דאָס לאַנד קאָן נאָך חלילה ווערן „מיט לענדער גלײַך" און די טענות אָפּענע, אויפפאָדערנדיקע, זענען דורכגעדרונגען מיט רירנדיקער ליבע, אַז זי פאַרצערט שיער ניט די גערעכטע טענות פון אַ בפירוש באַוואוסטן — —

פּאַפּיערניקאָוו איז איינער פון אונדזערע ליריששטע דיכטערס און זײַן שטיל וואָרט זינגט אַרויס מיט חן און סובטעלער, יחידישער געדאַנקלעכקייט, מיט שיינקייט און צאַרטן געפיל — — פון אַ תּקופה, ווו טראַגיק איז פאַרפלאָכטן אין אויפקום, ווו יסורים זענען פאַרגלידערט אין נײַ־באַשאַף. וואָס נאָך? ווי יעדע עכטע, ווירקנדיקע שאַפונג לייענסטו זײַן ליד, שפּירסטו אַז דאָס איז דער אויסדרוק ניט בלויז פון זײַנע, דעם דיכטערס יחידישע איבערלעבונגען — נאָר זיי זענען אויך דײַנע. דאָס זענען די איבערלעבונגען און שפּירונגען פונעם כּלל, מיט וועלכע פּאַפּיערניקאָוו שפּאַנט מיט — שפּאַנט פאָרויס — אַלע זײַנע שאַפערישע יאָרן.

אין טעג פון אומעט און אינערלעכע ספקות, ווען אַלץ איז דאַכט זיך געוואָען קעגן יידישן דיכטער, די סביבה אויסגעהוילט, קאַלט און פרעמדלעך, איז ער דאָך גובר די צווייפלען און די פאַרביטערונג און ער קומט צו דער מסקנא:

ווער ס'איז מיט אײַך איין מאָל בײַם אָרעמען מאָלצײַט געזעסן,
געזען אײַער ליכט פון די אויגן צעצונדן פון גלויביקע פונקען,
דער וועט שוין קיין זיסערס פון אײַער ברויט ניט עסן,
דער וועט שוין קיין ריינערס פון אײַערע קוואַלן ניט טרינקען.

מיר ווייסן אָפּצושאַצן זײַן ארץ־ישראל־ליד, זײַן סאָציאַלן מאָטיוו, זײַן בײַטראָג פאַר דער יידישער דיכטונג, דעם מאָטיוו וואָס טראָגט אין זיך

נאַציאָנאַלן שטאָלץ, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין זײַן זאַמלונג „פּרוכט פון ווינט״, ווי די ליבעלידער אין דער זאַמלונג פון „מײַן שיר־השירים״ וואָס זענען אַזוי האַרציק און לויטער:

„עס אַרט מיך ניט — זאָגט ער — וואָס איך האָב די פּערל ניט געפונען... כ׳האָב דערפאַר די טיפעניש דערגרייכט״.

עס איז גוט צו פילן ווי זײַן ליד ווערט אָפּגעשאַצט. זײַן באַקומען דעם מאַנגער־פּרײַז איז אויך אַן אויסדרוק פאַר דעם.

י. צ. שאַרגעל

וואָלט אונדזער ליטעראַטור־און קולטור־מערכה אין ישׂראל געווען אַ בעסערע, וואָלט מען דעם דיכטער י. צ. שאַרגעל באַדאַרפט אָפּשאַצן אין אַ ברייטערן מאָסשטאַב. מחמת שאַרגעל געהערט צו די אייפּערדיקסטע, געטרײַסטע אָפּהיטערס פון יידישן וואָרט. ער האָט פאַרשטאַנען מיט יאָר־צענטליקער צוריק אַזוי גערעכט צונויפבינדן דעם נאַציאָנאַל־פּיאָנערישן גאַנג מיט דעם יידישן שאַפערישן וואָרט.

ס׳איז אַ שאָדן וואָס אַ סך דאַטעס, וועלכע וואָלטן באַדאַרפט אַרויסגעהויבן ווערן, ווערן בײַ אונדז פאַרזען. זיי וואָלטן געדינט ניט נאָר ווי בייטיקע פאַרצייכענונגען — ווען און ווי אַזוי — נאָר וואָלטן מיט רעכט אַרויסגעהויבן די שאַפערס וועלכע האָבן באַווירקט די אויפטוען. וואָלט עס אַזוי געווען, וואָלט דער יידישער שרײַבער־פאַראיין, אָדער אַן אַנדער אינסטיטוציע, אָפּגעצייכנט אַ יובילײ זינט עס איז דערשינען די ערשטע קאָלעקטיווע יידיש־ליטעראַרישע שריפט אין ארץ־ישׂראל, „אָנהייב״. אונטער שווערע, און בײַ ממש דראַמאַטישע באַדינגונגען איז אַרויס אין אויגוסט 1928 אָט די זאַמלהעפט. איינער וואָס האָט די שריפט אין יענער צײַט מיט געטרײַשאַפט און זאָרג געהאָלפן אַרויסגעבן, איז געווען יעקב צבי שאַרגעל.

אין יענער זאַמלהעפט פון 44 זײַטן, וואָס אָטעמט מיט ליבשאַפט און תּמימות, איז פאַראַן אַ ליד פון י. צ. שאַרגעל. „שניטער״ הייסט דאָס ליד, אַ ליד, וואָס פאַרשאַפט אויך הײַנט הנאה:

שניטער!
די קאָרבן ווערן פול פון דײַן פלינקן שנײַדן,
הערצער ווערן זאַט פון דײַן שערס פריידן
און זון פליסט שטיפעריש אַרום,
שטיפעריש אַרום,

אין דער מחיצה פון שאָפער

שניטער!
אייזלען וואַרטן אויף די פולע קאַרבן,
מענטשן, מחנות מיט דאָרשטיקע בליקן
ציילן דײַנע טריט,
און אויף דיר וואַרטן קינדער דײַנע,
זאַלבע דריט, זאַלבע דריט.

שניטער!
פרימאָרגן־גאָלד שפּיגלט זיך אין שאַרף פון דײַן שער,
בלוט־רויטע טרויבן באַגריסן דיך פון שרעק,
נישט־צײַטיקע — — קוקן פון אונטער שטאָקן אַפּער,
אַזוי פיל אויגן האָפן צו דיר!
— — —
די קאַרבן ווערן פול פון דײַן פלינקן שנײַדן.

אַט דאָס ליד איז געדרוקט מיט קרוב פינף צענדליק יאָר צוריק, בײַם אָנהייב פון דיכטערס שאַפן, און שוין האָבן מיר דאָ י.צ. שאַרגעלס כאַראַקטעריסטישן און אייגענעם גאַנג פון פּאָעטישן שאַפן, דאָס אָפּפילן און אויפנעמען דעם פּייזאַזש, געבונדן מיט מענטש און סביבה. ס׳איז ניט נאָר דאָס אויסערלעכע שיינע בילד, נאָר דאָס פאַרטיפן זיך אין פעלד און גאָרטן, אין מענטשלעכער מי. „מחנות מיט דאָרשטיקע בליקן ציילן דײַנע טריט". — מיר געפינען אַ מקורותדיקן צוזאַמענהאַנג דורך די צענדליקער און צענדליקער לידער און פּאָעמעס, וואָס שאַרגעל האָט געשאַפן אין משך פון יאָרן, ביז די „זוניקע שוועלן", וואָס איז דערשינען אין 1968. אַט ווי עס רופן זיך איבער די לידער, — דאָס מאָל מיט מער רײַפקייט און דיכטערישער געניטשאַפט:

אין יעדן ריטל, אין מינדסטן גרעזל אַפילו
כ׳זע דיך, פעלד, אין אויפגעפרישטע לאַנען.
מײַן צעשטורעמט האַרץ, אין פריִע טענער שטילע,
זינגט אַ לויב צו אַלץ, וואָס איז פאַראַנען.

שאַרגעל באַזינגט די שיינקייט וואָס גייט אויף פאַר אים, ער קען אָבער אויך וויטיקן אויף עוולות און אויסדריקן זײַן פּראָטעסט אין האַס און צאָרן.

פאַראַן אין זײַן ליד ציטער און ערשטקייט, אַ פרישקייט וואָס איז ניט מאַנערירט, נאָר טראָגט אינערלעכן פיבער און אַלטפאָלקישן יסוד און איז אַלע מאָל נײַ, אין אימאַזש און בילדערישער שורה. אָט אַ שטייגער:

קלאַפּ אָן אין מײַן טיר,
עס אָנזאָגט דײַן קומען.
די שוועלן אין זון צעקלינגען מײַן וואַרטן.
וועקט מיך פון שיפן דאָס ברומען,
צי געבלי פון רויזן און נאַרדן?

קלאַפּ אָן אין מײַן טיר,
איך עפן דיר גערן, — —
בין צעפיבערט פון וואַרטן ווי תּמיד.
אָט הער איך דאָס געבעט פון די שטערן — — —
סליחות מײַן טאַטנס בײַם עמוד.

דאָ האָבן מיר עכטע שטימונג: דאָס געבעט פון די שטערן וואָס רופן זיך איבער מיט די סליחות פון זײַן טאַטן בײַם עמוד. שאַרגעלס דיכטערישער אָנרעג איז איבערצײַגנדיק און מען הייבט אָן גלייבן אַז ניט נאָר דער הילכיקער געברום פון שאַפן קאָן דיך וועקן, נאָר אויך דער שטילער געבלי פון רויזן און שטערן. אָבער די נאַטור מיט איר בוים אין סאָד, דער אויפגיי אין פעלד, די בליצכן און דער צוויטשער, זיי זענען בלויז די בײַ־עלעמענטן פון שאַרגעלס ליד. זײַן מאָטיוו איז מענטש אויף ישׂראל־ערד. דער ייִד פון פּראָצע אויפן פאָן פון ארץ־ישׂראלדיקן באָדן, פון ארץ־ישׂראלדיקער לאַנד־שאַפט, אַפילו די פּראָבלעמען וואָס הויערן און מאַטערן דעם ייִד און מענטש אין אונדזער צעשויבערטער וועלט, זעט ער דורך דער פּריזמע פון אָט דעם מאָטיוו. און ער זאָגט עס מיט אַזאַ איידלקייט און מיט אַזאַ וועזנטלעכער אייגנקייט, אַז דו הייבסט אָן אָנען די ריחות און פאַרלויפּעניש, אַפילו בײַ

דעם אינטימען טרויער פון זײַן טאַטנס פאַרגיין... „בײַם בוים פון מאַראַנצן" פילט ער:

דער גאָרטן שטומט, כ׳דערקלער מײַן בוים
איצט ליבע!
איך באַוואַסער דיך און באַמיסטיק דיך באהבה,
נאָר דײַן פרוכט דערמאָנט מיר אין אַ זומער
אַזאַ טריבן.
און אין אַ ווייבנעדיקער אויסגעהאָפטענער פּאַווע.
געבערענגט מײַן טאַטן דאָן אַ פּרי — אַ פּאָמעראַנץ,
ווען געלעגן ער איז מיט גן־עדן־טרוים אין בעט.
מיט לעצטער ברכה זײַן האַרץ האָט זיך צעטאַנצט
און זײַן ווײַטע האַנט האָט זי בענטשנדיק געגלעט.

און וואָס פאַר אַ סובטעל דיכטערישער אויסדרוק „ווען דער טאַטע איז געלעגן מיט גן־עדן־טרוים אין בעט"!.. אויך דער לייענער דערפילט אָט דעם בילד און אימאַזש — —

אַז מיר לייענען שאַרגעלס לידער, — פּונקט ווי פּאַפּיערניקאָווס און אריה שמריס לידער, צי די לידער פון דעם פאַרשטאָרבענעם קיבוץ־דיכטער אברהם לעוו, — דערפילן מיר ווי שטאַרק דער דיכטער איז באַאײַנפלוסט דורכן אייגענעם באָדן, ווי שעפעריש ס׳איז זײַן פּאָעטיש געדײַען, ווען דער בוים און דאָס פעלד און דער וואַסערקוואַל ווערט אים נאָענט, און די צעבלויטע, ווי די פאַרגרויטע הימלען, זענען אויך זײַנע אייגענע. וואָס פאַר אַ גרויסער מהלך איז אין דער אינערלעך פּאָעטישער אויפפאַסונג און אין דער דיכטע־רישער פאַרמאַציע פון וואָריקן ארץ־ישראל־דיכטער, וואָס האָט אַזוי גאַטיר־לעך פאַרבונדן זײַן לעבן און שאַפן מיטן לאַנד אין פאַרגלײַך — אפילו — מיט דער ווירקנדיקסטער, הויך קוואַליטאַטיווער פּאָעזיע פון יידישע דיכטערס אין די תפוצות.

ניט נאָר דער מאָטיוו און אימאַזש איז אַן אַנדערער. דאָס געמיט פון ליד, זײַן אויסדרוק, זײַן פאַרב און טאָן איז אַנדערש.

איז עס דער נאַטירלעכער אויפלייז פון אייגנדיקייט־געפיל? פּונעם

באַזונדערן קלימאַט? ס׳איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אַט די גורמים האָבן זייער באַשטימונג און זיי זענען קענטיק אין שאַרגעלס ליד. שאַרגעל איז איינער פון אונדזערע מקורותדיקע, פון די אָריגינעל אויסדרוקפולע ישׂראל־דיכטערס. ער איז אמתדיק אין דער שפּירונג פון פּייזאַזש, פון באָדן און קלימאַט, אַ שטייגער:

און ס׳איז געווען,
אַז כ׳בין געקומען זיך געזעגענען
מיטן לעצטן מאַראַנץ אויפן בוים,
האָט דער פרילינגדיקער רוים געשמעקט מיט פּסח,
מיט שאַרפן ריח פון ערב כאַמסין
און ס׳האָט אַ זשום געטאָן מיט צאָרן די בין.

אָדער אַזעלכע צוויי שורות:

מיט געבעט עס קוקט דער שטאָם צו רעגנדיקע הימלען
און אַלע גראָזן אָרום אים לויכטנדיקע ווימלען.

אין זײַן לעצט דערשינענעם בוך „טויערן אין די בערג״ גייט אויף נאָך מער, נאָך לויטערער און מיט טיפער ניגונדיקייט שאַרגעלס אייגנדיקע ארץ־ישׂראל־שפּירונג. כאָטש דער פּייזאַזש און דער מאָטיוו פון לאַנד זענען אויך די הויפּטאַקס פון זײַנע פריִערדיקע דרײַ לידער־זאַמלונגען.

אין דעם נײַעם בוך קענטיקן זיך אויך אויס עטלעכע נײַע פּאָעטישע דערגרייכונגען און דאָס אין פּרט פון פאָרעם, פון וויזועלער, סענסועלער שטימונג, פון אינטערעסאַנטן ריטעם און בילדערישער שפּראַך.

שאַרגעל האָט אַלע מאָל פאַרמאָגט אַ גוטע, קאָלירפולע און באַטעמטע שפּראַך. אָבער אין דעם איצטיקן בוך באַווײַזט ער אויסצוקנעטן מיט דעם ייִדיש פון דאָרט, פון יענע יונגע דערמאָנונגען ווען: „גענערט מיר האָבן דעם חלום אונדזערן / מיט בראָשורן און מיט ביכער / און מיט אַ בלאַט אַן אומלעגאַלן״, באַווײַזט ער אויפצושאַפן דעם שפּראַכקלימאַט פון הײַנט, ווען זײַן איצטיקע וואָר איז באַאײַנפלוסט פון אַן אַנדער פּײַזאַזש און געפיל:

דער סוכּותדיקער דופט פון מײַן יונגן מירטנביימל
האָט מיך אויפגעוועקט אין פאַר־באַגין.
דער חלום איז נאָך געהאָנגען דין, דין
אין בלויען ליכט פון דער שויב
און דער לויב פון די אויפגעוואַכטע פייגל
איז אַרײַנגעדרונגען דורך די שטאָרן.

אַ חידוש איז אויך ווי שאַרגעל, אַ מענטש פון שטאָט און אַ פאַרטאָגענער אין אַלע זאָרגן און טועכצן פון אונדזער טאָג־טעגלעכקייט איז אַזוי פאַרבונדן, איז ממש ווי אַרײַנגעוואַקסן אין די פעלדער און גערטנער פון ווײַט־שטאָטישע פליינען, איז אַזאַ מקורב מיט ביימער־בלימעלעך און פייגלען, און ווי ער זאָגט:

„דער ריח פון רויזן וועקט אויף מײַן זכּרון."

און זײַן זכּרון איז אַזוי רירנדיק וואָך פאַרן פאַרשווונדענעם דאָרטן. פאַר דער נעכטיקער ייִדישער וועלט, אונדזער וווּנדערלעכער ייִדישער וועלט, וואָס איז ניטאָ מער. געדענקט ער און זינגט אויף מיט פאַרבענקשאַפט פון זײַן היים, פון זײַן גאַס, פון דער ייִדישער שטוב וואָס האָט געהאַט זיידעס, און אַ צעצווײַגטע משפּחה, „מײַן זיידע — זאָגט ער — האָט געזען די טריט פון דערלייזער פאַר טויזנטער מײַל. מיט אות און מיט תּג געקאָנט ר'האָט באַווײַזן דעם המשך פון דער ווײַל" — —

און יעקב צבי שאַרגעל ציט ווײַטער דעם המשך פון האַרציקע ייִדישע זיידעס. מיט גלויבן אין אַן עתיד, וואָס וועט זײַן אַנדערש, וואָס וועט זײַן העלער און בעסער, און ער ברענגט עס אַרויס אַזוי ערלעך און אויפריכטיק — מיט פּאָעטישער וויזיע און געשליפנקייט, אַזוי ווי עס קומט אויף פון זײַן איצטיקן בוך „טויערן אין די בערג".

בינם העלער

העלערס ערשט לידערבוך איז אַרויס אין יאָר 1932 אונטערן נאָמען „דורך שטאָכעטן". אָט דער נאָמען איז שוין אַגב געווען אַן אָנדײַט אויף דעם געזעלשאַפטלעכן דיכטערישן קלימאַט, אין וועלכן בינם העלער האָט אין יענער צײַט געלעבט: אין דער יידיש־מעטראָפּאָליע וואַרשע. — — און אַזוי אויך די שפּעטערדיקע לידער־זאַמלונגען זײַנע: „אין אומרו פון טעג", „אויפן ווינט", „די ערד האָט געציטערט", „דורך שאָטן און שײַן", „אַ פרילינג אין פּוילן", „היימערד", „קלאָרקייט" און די פיר לידער־זאַמלונגען וואָס זענען שוין דערשינען אין ישראל.

ווען מען וואָלט צונויפגענומען און אַרויסגעגעבן אַלע ווערק, וועלכע בינם העלער האָט געשאַפן במשך פערציק יאָר, וואָלט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט ניט נאָר דעם דיכטערס גאַנג דורך די יאָרן — אַזאַ יובילײ־אויסגאַבע וואָלט פאַר אונדז כאַראַקטעריזירט אונדזער כלל־יידישן פאָלקס־געמיט, וואָלט פאַר אונדז אַנטפּלעקט די שפּירונג פון אַ דור.

בינם העלער, כאָטש ער איז דער דיכטער פון יחידישן און עמקותדיקן געזאַנג, איז ער אָבער, ווי ווייניק ווער, וואַך און פילבאַר פאַר די געזעל־שאַפטלעכע, יידיש־פאָלקישע אַנטוויקלונגען. ער האָט אַן אויער פאַר די סאָציאַלע פּראָצעסן און פאַר די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען.

ס'איז נאַטירלעך, אַז בײַ דיכטערס רופן זיך איבער טעמע אָדער מאָטיוו. אָבער בינם העלער זאָגט קיינעם ניט נאָך. ער האָט אַלע מאָל זײַן אייגן וואָרט און אויסטײַטש. אין זײַנע שטורמיש סאָציאַלע מאָטיוון פון אַ מאָל, צי אין די ווײַטיקדיקע איבערלעבונגען פון די מלחמה־יאָרן, צי אין די קאָשמאַר־וואָכן פון צוריקקומען אין דער פאַרחרובטער היים פון אַ מאָל, צי גאָר אין די נײַע שטימונגען פון ישראל, שטענדיק איז ער נײַ און אָריגינעל.

בינם העלער איז אַ בריה אין באַנוצן זיך (אין פלוג) מיט אַ פּובליציס־טישער טעמע אָדער פּראָבלעם. ער וואָרעמט זי אָבער אָן מיט זײַן פּאָעטישן שטראַל, אַז זי זאָל אַרויס, ווי דער פלאַטער פון אַ טויב, אי מיט שיינקייט,

אי מיט פלי, און דו מוזסט אויפהייבן די אויגן און נאָכפאָלגן דעם פלי...

בינם העלער קען נעמען אַן אַקטועלע טעמע און זי קינסטלעריש אויס־געשטאַלטיקן ווי, אַ שטייגער, דאָס ליד „צום אַסטראָנאַוט״:

מיר שווינדלט אינעם קאָפּ פון דײַנע הייכן,
און פון דײַן נײַגער צו די פרעמדע וועלטן,
און איך האָב מורא פאַר דײַן האַרטן שמייכל
וואָס שטאַמט בלויז פונעם ווילן צו געוועלטן.

און אפשר? אפשר ביסטו מער ניט אויסן,
נאָר גרייכן צו דער גלײַכגעוויכט פון פּחדים.
ווײַל נאָר אַזוי — מחוץ דער ערד, פון דרויסן —
ווערסט קאָנען בלײַבן הענגען אויף אַ פאָדעם?

אויף דער זעלביקער טעמע וועגן „קאָסמאָס־פליִער״ זאָגט ווײַטער העלער אַזוי דורכזיכטיק לויטער און אמתדיק:

אַלץ איינס, זיי וועלן ניט אַוועק אויף אייביק.
פאַרליבטע אין דער ערד און אירע בלומען —
זיי וועלן בלײַבן, ווי די קינדער, גלייביק,
און שטאַרבן — דאָ אַהער זיי וועלן קומען.

דאָס איז די דיכטערישע שיינקייט, מיט וועלכער בינם העלער ברענגט אַרויס אַפילו אַזעלכע „הײַנטצײַטיקע״ געשטאַלטן. ער באַזינגט ניט דעם געזשום פון וועלטישע אויפטועך, נאָר די צאַרטע געפילן: „פאַרליבטע אין דער ערד און אירע בלומען — זיי וועלן בלײַבן ווי קינדער גלייביק״. — דאָס איז דער סוד פון בינם העלערס קינסטלערישן אויסדרוק. ער האָט די געוואַגטקייט צו פאַרבינדן דעם געדאַנק מיט צאַרטן, שפּירעוודיקן, עמאָצ־יאָנעלן טאָן. — —

בינם העלער ווייס ווי צו באַלאַנסירן אַ פערז. זײַנע שורות זענען אויס־

געטאָקטע, ניטאָ אין זיי קיין איבעריק וואָרט, קיין איבעריקער קלאַנג. ס'איז אָפּגעמאָסטן סיי די פאַרב, סיי דאָס געמיט... יעדע שורה האָט בילד און אָנדיי‎ַט.

ווי אַן עכטער טאַלאַנטירטער דיכטער נעמט בינם העלער דעם נעכטן, דעם היינט און דעם מאָרגן. צו דעם נעכטן גייט ער צו מיט דער מאָס פון בענקשאַפט און נאָסטאַלגיע. אין דער קעגנוואַרט זעט ער סיי דעם טרויער, סיי די פרייד פון היינט, און אינעם מאָרגן ווילט זיך אים זען אַ העלערע און הייטערערע צוקונפט.

אין בינם העלערס בוך „אַ בוים אין אָוונט" דאָמינירט (אין אַ סך לידער פון בוך) דאָס גיין צוריק צו דער היים פון אַ מאָל, צו די אמתן פון אַמאָליקן גלויבן. זאָגט דער דיכטער אינעם ליד „נאָסטאַלגיע":

נאָסטאַלגיע — פון טרויער די שענסטע מוזיק,
דו שפּילסט אויף אַן איינציקער נאָטע
דאָס איינציקע וואָרט בלויז: צוריק.
ווילסט ווידער מיך צווינגען
צו גיין אין דער קעלט און פרירן און זינגען
ביי ווינטן און פאָנען
דאָס ליד פון אַן אַנדערער וועלט.

בינם העלער האָט געהערט אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, שוין ביי זיין דיכטערישן אָנהייב — צו די יונגע, געוואַגטע דיכטערס, צו די קעמפּערס און מאמינים, וואָס האָבן געטראָגן מיט פרייד און אָפּפער די אידעען און שטרעבונגען פאַר אַ ניי יושרדיק לעבן, פאַר אַ ניי ייִדיש לעבן... עס איז געוועזן נאַטירלעך פאַר אים, ווי פאַר אַ סך אַנדערע, פאַראייגענען און אַרויס־ברענגען דעם געראַנגל אין ייִדישן ליד. יאָרצענדליקער איז דער דיכטער מיטגעגאַנגען און באַזונגען דעם גלויבן אין די אידעען, וואָס ער האָט איינ־געזאַפּט אין זיין קינדהייט און יוגנט: די אידעען פון וועלט־אויסלייזונג, די אידעען פון אָקטאָבער... אָבער טיף אין אים האָט געהוילערט אַ ייִדישער גלויבן. ער האָט אים געכאָוועט און אויפגעהיט, ביז ער איז צוריק צו אים

אַהיימגעקומען... „צו די פּאַראומערטע ייִדן, פאַרקלאַפּטע אין לאַנגע מלבושים״.

עס איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש, ווי דער אידעיִשער איבערבראָך, די ביטערע אַנטוישונגען פירן העלערן — מיט דער נאָסטאַלגיע און מיט אַ ווייטיקדיקן שולדגעפיל לגבי דער היים, צו די פרומע טאַטע־מאַמע, פאַר וועלכע ער איז געווען משמעות ניט המשך נאָר ריס — —

אין זײַנס אַ פריִערדיק בוך „ביים ראַנד״, חזרט זיך איבער אין פאַר־שידענע וואַריאַנטן און נוסחאות די בענקשאַפט נאָך די גרויע, שטוביקע וואָכנטעג, נאָך די שבתים אין זײַן מאַמעס שטוב:

פאַרגיב מיר אַלע קרומע גענג,

אָדער:

אַ חלום, אַז ער חזרט אָפּט זיך איבער,
איז מער ניט נייטיק שוין פאַר אים קיין פּותר.
אין טאַטנס מנין דאַווענען בציבור —
איך קום כסדר פון דער וועלט דער גרויסער.

געווען דאָרט אין אַזוי פיל שטעט און לענדער,
און אַלע שולן זענען הויל און ליידיק,
און ס׳קומען די טוריסטן, ווי די שענדער,
און פון די גויִים ווערט דער שם באַליידיקט.

אַ שול אַזאַ געזען כ׳האָב אין טאָלעדאָ
(אַזעלכע שולן בלײַבן איצט אין פּוילן),
ווו פאַר אַן אָפּצאָל קאָן אַרײַנגיין יעדער
און ווידער לעסטערן דעם רוים דעם הוילן.

און בלויז מײַן טאַטנס מנין וואַרט אַ פולער
אין חלום — און ער חזרט אָפּט זיך איבער.
דאָס קום איך פון דער גרויסער וועלט, אַ דולער,
כדי צו דאַווענען מיט אים בציבור.

בינם העלער האָט געגלייבט אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און ער האָט איר געטריַי געדינט מיט זיַין דיכטונג. דערפאַר האָט ער אַזוי טראַגיש איבערגעלעבט די אַנטוישונג, ווען ער האָט דערזען וואָס פון די אַלע גלויבנס האָט זיך אויסגעלאָזט. די טראַגעדיע פון יידישן מענטש און יידישן כלל האָט אים געצוווּנגען צו חשבון־הנפש און צו זעלבסט־פּיַיניקונג, ווי ער האָט דאָן געזאָגט אין טיפסטער אויפרודערונג:

און אפשר פאַלט אַ טייל פון אָט דער שולד
אויף מיר — דערפאַר, וויַיל איך האָב אויך געשוויגן?
די שרעק האָט מיך פאַרגליווערט און צעדולט
און איך האָב ניט געוועוּרט זיך קעגן ליגן.

די געשיכטע וועט נאָך אויפשריַיבן און שילדערן אין פולן פאַרנעם דאָס טראַגישע קאַפּיטל פון דער אומגעבראַכטער און דערשטיקטער יידישער ליטעראַטור אין דעם לאַנד פון די אַמאָליקע האָפענונגען — אין סאָוועט־רוסלאַנד. און בינם העלער וועט דאָ אויפטרעטן ווי דער דיכטער, וואָס האָט מיט אַ צעווייטיקט האַרץ דערזען ווי אָט די חלומות און האָפענונגען זענען געוואָרן צעטראָטן, פאַרשעמט און דערמאָרדעט. — —

אין דעם בוך „אַ בוים אין אָוונט" קערט זיך אום דער דיכטער (אין אַ רירנדיקן לידער־ציקל) צו אָט דער טעמע. דער ציקל הייסט — „ניט פאַר־געסן" — אין אַ ליד צו שמואל האַלקין, הייבט אָן העלער מיט די ווערטער...

איך האַלט איצט אין דער האַנט דאָס לעצטע בוך —
דיַין בוך — שוין נאָך דיַין טויט אַרויסגעגעבן.
איך נישטער און איך בלעטער — און איך זוך
די שורות פון דיַין ווינטערדיקן לעבן.

דעם נאָמען האָט אַ פרעמדער צוגעטראַכט,
אַ פרעמדער האָט די לידער אָפּגעקליבן
און אין אַ ווייכע הילע זיי פאַרמאַכט —
נישט דיַינע, כאָטש דו האָסט זיי אָנגעשריבן.

די טעמע איז ווייטיקלעך פאַר בינם העלער, ס׳איז ווייטיקלעך פאַר אונדז אַלע. אָבער דער דיכטער רעדט און זינגט אויס דאָס טראַגישע — ווי אײַבער פון אינעווייניק — פון גלויבן און טיפסטער אַנטוישונג.

איז גוט אויך צו לייענען זײַנע ישׂראל־לידער. ער באַזינגט דעם פּייזאַזש, די לאַנדשאַפט, ער זינגט וועגן בוים, וועגן פרילינג און האַרבסט. אין אַ ליד וועגן שכונת־התקווה הייבט ער אָן מיט אויסדרוקפולע ווערטער, וועלכע נייטיקן זיך ניט אין קיין פּירושים:

וי ווײַט איז צו שכונת התקווה?
ניט מער, ווי אַ גאַס אָדער צוויי.
און דאַך איז דער גאַנג אַ צוריקוועג
דורך יאָרן פון הונגער און שניי.

אָט די צוויי לעצטע שורות רופן בײַ אונדז אַרויס די אַסאָציאַציע פון אַמאָליקער ייִדישער געדיכטעניש, מיט אַ פולן הויף קינדער, מיט אַלקערס און הינטערשטיבעלעך, דערמאָנונגען פון ייִדישער גאַס אין גויט, פון וואָך און שבת. ס׳איז ייִדישע היימישקייט אין שכונת־התקווה, ווען אַפילו דער רוב ייִדן זענען פון ווײַטע קהילות, פון די מעללאַס, פון די געטאָס אין צפון־אַפריקע. דאָס איז דער כּוח פון דיכטערישן וואָרט — אַרויסרופן בײַ אונדז שטימונגען, בילדער און אַסאָציאַציעס...

בײַם סוף פון בוך „אַ בוים אין אָוונט" טיילן זיך באַזונדער אויס דער לירישער טאָן, זײַנע אייגענע, יחידישע מחשבות. דער אויסדרוק וויברירט מיט אַ ביסל אומעט און צו מאָל מיט אַ ראַזן פּעסימיזם, וואָס רופט זיך איבער דאָ און דאָרט מיטן אַלטן הבל הבלים, אַלץ איז פאַרגענגלעך. אָבער בינם העלער לאָזט זיך ניט אַרײַנפירן אין סאָפּיסטישע שטימונגען און ער פאַר־ענדיקט מיט אַ גרעסערער פּאָעמע און ער שליסט אָט די אינהאַלטפולע און מעלאָדישע פּאָעמע מיט די צוויי שורות:

און מײַנע אויגן זענען נאָך ניט זאַט,
און די יבשה שיקט אַ גרינעם בלאַט.

אברהם ליס

*

אין זײַן לעצט דערשינענעם בוך „אין װאַרשעװער געטאָ איז חודש ניסן" גייט אַרײַן אַ זאַמלונג לידער פון מילחמה־צײַט, פון יידישן פּײַן און בלוט־געװיטער, עכאָס און מאָטיװן פון יידישן אומקום. דאָס ערשטע ליד אינעם בוך „מײַן מאַמע אין געטאָ" איז געשריבן אויף זײַן נע ונד אין ביאַליסטאָק אין 1940 און דאָס בוך שליסט זיך מיט דעם ליד „אײַנגעפרוירן" — געשריבן אין 1972, אין תּל־אביב:

אַוודאי װאָלט געװען פאַר מיר געזינטער,
װען איך װאָלט קיין מאָל ניט געװוּסט פון װינטער.
און װייניקער געװען װאָלט װינד־און־װייען,
װען מײַנע אויגן קענען ניט די שנייען.
מיט װינטער־שיינקייט בין איך קידער־װידער —
איך שענק זי אָפּ צוזאַמען מיט די לידער.

און ער פאַרענדיקט:

אויף אַלעם דעם קלאָגט איצט מײַן װאָרט און ביטערט:
איך האָב דאָרט אָפּגעװעטערט, אָפּגעװיטערט,
און אַלץ, װאָס איך האָב אינעם שניי פאַרלוירן,
פאַרבלײַבן װעט אויף אייביק אײַנגעפרוירן.

אָבער דער אומרו און די מאָנונג אינעם האַרץ פון יידישן דיכטער איז ניט אײַנגעפרוירן, זי קומט צום אויסדרוק אויף אַלע געמיטס־אופנים, והראיה — כּמעט אַ העלפט פון די לידער אינעם בוך זענען דורך העלערן שוין געשריבן אין ישׂראל. און ס׳איז כאַראַקטעריסטיש װי דער מאָטיװ קומט אויף סײַ דורך אָפּגעריסענע דערמאָנונגען, סײַ אין דעם פולן היקף — טראָץ דער נײַער װירקלעכקייט, טראָץ דעם זיכערן טראָט אויפן באָדן פון ישׂראל. דער מאָטיװ פון טראַגישן, יסורימדיקן נעכטן באַגלייט דעם פּאָעט, באַגלייט העלערן, אָט װי ער זאָגט עס, מיט דער פּשטות און אָפנקייט:

אין דער מחיצה פון שאָפער

איך נידער אַראָפּ אין גליל —
וואָס האָב איך פון פוילן געבראַכט?
אַ ווייטיק, וואָס נאָיעט מיך שטיל,
אַ ניגון פון שרעק און פון נאַכט.

איך נידער אַראָפּ פון די בערג,
די חמימה פאַרכאַפּט מיך אין פלאַם,
אין האַלדז שטיקט מיך אַלץ נאָך און ווערגט
דער ניגון פון יענער זײַט ים.

ס׳איז ניט נאָר די אוממעגלעכקייט פון באַפרײַען זיך פון אָט שפּירונגען און זעונגען, שוין אין דעם נײַעם פרײַען לעבן. ס׳איז מער ווי דאָס. ס׳איז אַ געפיל פון שליחות בײַ דעם ייִדישן דיכטער — אַז די טראַגיק און צער איז אַ טייל פון אונדזער הײַנטצײַטיקער ייִדישער געשיכטע, פון אונדזער קולטור און פון אונדזער פאָלקסגאַנג.

בינם העלערס דיכטערישע שאַפונג פאַרמאָגט אַלע מאָל צאַרטקייט פון טאָן, און יחידיש און ליריש איז ער אַפילו אין די קאָנקרעטע סאָציאַל־אָנגע־שטימטע צײַטלידער. די לידער פון דער זאַמלונג „אין וואַרשעווער געטאָ איז חודש ניסן”, וואָס איז אַרויס איצט צום דרײַסיקסטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ באַווירקן אונדז מיט דעם טרויער, מיט דער שטימונג פון צער און פאַרבענקשאַפט, מיטן עכטן אָפענעם וואָרט, איבער וועלכן עס הויערט אַן אַלטפאָלקישע ייִדישע טרער. — —

רחל קראַמף

לידער פון „שטילקייט"

דאַכט זיך אַז פּאָעזיע, מער פון אַלע אַנדערע קונסטן, איז בכוח אַרויס־צוברענגען און סובלימירן סײַ די יחידישע שפּירונג און סײַ די אַרומיקע סביבה. נאָך מער איז עס חל און עס קענטיקט זיך אויס אין דער שאַפונג פון דיכטערינס. זייער איבערלעבונג איז צו מאָל טיפער און שאַרפער. זייער וויי, ווי זייער פרייד, איז מער עמאָציאָנעל און מער דורכגעלעבט. אין זייער דיכטערישן אויסדרוק פילט מען מער דעם צאַפּל, דעם פּלאַטער און דעם אומרו.

פאַראַן אומרו און שטילקייט. אַ שאַפערישער אומרו גייט אויף פון רחל קראַמפּס זאַמלונג „אין שטילקייט".

רחל קראַמף האָט אָנגעהויבן שרײַבן לידער אין אַמאָליקן פּוילן, אין דער מעטראָפּאָליע פון ייִדישער שאַפערישקייט — וואַרשע. שוין דעמאָלט האָט זי זיך געמאַכט באַקאַנט, הגם זי האָט ניט געשריבן קיין סך. זי איז אַרויסגעקומען מיט אַן אייגנאַרטיקן וואָרט און ליד, וואָס איז אַלע מאָל געווען אי דין און אינטים, ווי אַ שטייגער זי וואָלט געשריבן בלויז פאַר זיך, אי אָנגעלאָדן און באַהויכט מיט געדאַנקלעכער רײַפקייט, מיט מחשבותדיקער אינטענסיווקייט.

אינעם בוך קומען אַרײַן בעיקר קורצע לידער. אָבער אויך אָט די, אָדער גראָד אָט די קורצע לידער אַנטהאַלטן דיכטערישע שפּאַנונג און פּאָעטישן אימאַזש.

כאָטש זי שרײַבט אַזעלכע שטילע לידער אין אַ רויִקן טאָן, ברענגט זי אָפּט אַרויס פראַגעס און פּראָבלעמען וואָס נעמען אַרום אונדזער צײַט, אונדזער ראַשיק טאָג־טעגלעך לעבן.

די געבונדנקייט פון געדאַנק און שטימונג הייבט אויף איר שאַפונג און פּרעזענטירט איר ליד מיט הײַנטיקייט, מיט אַקטועלן טאָן און מיט דיכטערישן אָטעם. וועגן וואָס רחל קראַמף זאָל ניט שרײַבן, וואָס זי זאָל ניט באַרירן אין איר ליד, בלײַבט זי אַלע מאָל אינעם גדר פון דיכטונג.

און אַזוי, אויף איר באַזונדערן אופן, געלינגט איר אַרויסצוברענגען צײַט־פראַגעס, אָבער די ווייכקייט און צאַרטקייט פון איר שפּראַך רינגלט עס אַרום מיט האַרציקן חן און עס באַקומט שלימות און עס באַקומט דויער — —

אַ ליד, זאָגט רחל קראַמף: „אַ ליד איז דער גוף און געפיל, / אַ ליד שרײַט אין דער שטיל, / אַ ליד רעדט צו זיך אַליין, / רעדט צו אַלעמען און צו יעדן וואָס איז — און וועט אייביק זײַן״.

וואָס איז אייגנטלעך די טעמאַטיק פון רחל קראַמפּס לידער? וואָס איז איר מאָטיוו? איר טעמאַטיק איז אונדזער ייִדיש לעבן. איר מאָטיוו — איז דער מאָטיוו פון ארץ־ישׂראל. דער ניגון פון ישׂראל, וואָס איז דורכגענומען מיטן צער און זאָרג פון אונדזער צײַט, מיט דער ציטערדיקער טרער פון מאַמעס, וועמענס זין זענען אויף די גרענעצן, אויף די שלאַכטפעלדער, און עס קוועלט פריידיקע דערוואַרטונג. — און פאַראַן אין איר ליד דער אומעט און טרויער אויף דער אומגעבראַכטער אַמאָליקער ייִדן־וועלט, אָבער איבער אַלץ דאָמינירט אין איר ליד — ליבשאַפט, ליבשאַפט צום מענטש, צום נאָענטן, ליבשאַפט צום אַרום.

פון רחל קראַמפּס לידער באַקומט מען דאָס געפיל, אַז איר אינטימער אימאַזש איז תמיד אַן אָנגעצייכנטער. און אָט אין דער אָנגעצייכנטער ראַם זינגט זי אַרײַן איר שפּירונג, איר עמאָציאָנעלע איבערלעבונג.

אין קונסט בכלל און אין פּאָעזיע בפרט דריקט אויס דער שאַפער זײַנע באַגערן, זײַן אומרו און ווילן, זײַן וויי און פרייד. אָבער קודם־כּל קומען צום אויסדרוק זײַנע בענקשאַפטן. די בענקשאַפט צו אַ פרוי אָדער די בענקשאַפט צו אַ מאַן, די בענקשאַפט צו גרויס־וועלט און דער באַגער צו אַ פרײַנד... אין קראַמפּס לידער דאָמינירן עטלעכע בענקשאַפט־מאָטיוון און זי פאָרמולירט זיי ניט נאָר דיכטעריש געראָטן, נאָר עס אָטעמט פון זיי מיט דער פשטות פון פאַרטיפטער פּיקחות. אָט איז אַזאַ קורץ ליד „עלנט״, וואָס איז משמעות געבויט אויף דעם פאָלקישן זאָג „עלנט ווי אַ שטיין״, און אָט ווי זי האָט צונויפגערינגלט אַזעלכע בילדערישע שורות:

איך האָב געזען
אַ מענטשן ריידן צו אַ שטיין;

אברהם ליס

דער מענטש איז געזעסן
אָנגעשפּאַרט אויף זײַנע הענט דעם קאָפּ
און געקוקט אַראָפּ, —
אַראָפּ צום שטיין
וואָס איז פּונקט ווי ער
אויף דער וועלט איינער אַליין,
איינער אויף דער וועלט אַליין...
איך האָב מײַן נעכטן צעריסן
און די שטיקער
אין אייגענעם האַרצן געוואָרפן;
זאָל ניט זײַן מער קיין אָרט
דאָרט צו האָפן.

קומען די שורות פון ליד „האָפענונג״:

ברודער מײַנער!
הייב זיך אויף אַ ביסעלע העכער
וועסטו קענען דערלאַנגען.
אויף די הימלען זענען פאַרמאַכט
פּאַר יענע,
וואָס זענען געפאַנגען.

אין דעם לעצטן, ווי אין אַ ריי אַנדערע לידער, לאָזט זיך הערן דער סאָציאַל־אינטעלעקטועלער טאָן. פאַראַן געדאַנקלעכקייט, וואָס מאַכט רחל קראַמפּס לידער פאַרביק און הײַנטיק. זיי ווירקן זיך אויס מיט זייער טעמאַ־טישער פּאַרטיפּטקייט. ס׳איז פאַראַן אין איר ליד דיכטערישע שיינקייט און געטאָקטקייט פון וואָרט. ועל־כּולם איז די געצוימטקייט, פון וועלכער מען שפּירט אַרויס דעם נעפּלדיקן ציטער און דעם אָפּשײַ פאַר וואָרט, ווי זי וואָלט כּסדר באַגלייט געוואָרן פון אַזאַ געפיל:

אין דער מחיצה פון שאַפער

איז חלום דאָס, צי וואָר,
איך האָב געזען דיך גאָט!
די שפּיץ־פינגער דײַנע
האָבן אָנגערירט די צעשויבערטקייט
פון מײַנע האָר.

אַזאַ שפּירונג איז דאָך ווי אַ גלעט פון דער השגחה. און אָן אַ מינדסטן גלעט אַזאַ קאָן דאָך ניט געמאָלט זײַן אמתדיקע שאַפונג.

אינטערעסאַנט, רחל קראַמף איז שוין זינט עטלעכע צענדליק יאָר אין ארץ־ישׂראל. אָבער אין אירע לידער איז ניט בנימצא דער ארץ־ישׂראל־פּייזאַזש, ניט בוים און ניט פעלד און ניט די באַזונדערע ארץ־ישׂראלדיקע לאַנדשאַפט. ס׳איז אָבער דאָ דער קלימאַט. ס׳איז דאָ די לופט און דער אַראָמאַט פון לאַנד. ס׳איז דאָ דער טיפּאַזש און די אָנגעלאָדנקייט פון אונדזער הײַנט און פון נעכטן, וואָס רופט זיך איבער מיטן הײַנט. דאָס זענען אַל די פּאַרלויפּעניש אויף ישׂראלדיקער ערד. דאָס זענען לרוב לידער אויף אַל־מענטשלעכע, אַליידישע מאָטיוון, וועלכע די דיכטערין האָט געקאָנט שאַפן בלויז אין ישׂראל.

רחל קראַמף באַנוצט זיך צו מאָל מיט גערעדטע פאָלקסזאָגן, נאָר אין דעם קאָנטעקסט פון איר ליד באַקומט עס אַ דיכטערישן אויסקלאַנג און גרײַלעכע בילדלעכקייט. אָט ווי:

מ׳זאָגט ווער עס ליבט
מוז קענען אויך האַסן;
זוך איך די גרענעץ
פון ליבע און האַס
אַצינד אין די פינצטערע גאַסן.

ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן פריִער, זענען די לידער פון דער זאַמלונג „אין שטילקייט" ווי אַרויסגעוואַקסן פון אונדזער לעבעדיקער וואָר. און רחל קראַמף רעאַגירט אַזוי חיותדיק און צאַרט אויף געשעענישן און דערשײַנונ־

גען. שליסט זיך דאָס בוך מיט אַ ליד „פּאַר פדואַה טוקאַן״, דער אַראַבישער דיכטערין פון שכם, וואָס גרילצט אַרויס אין איר שׂינאה צו ישׂראל מיט אַזעלכע חיהשע „געזאַנגען״: „ווי עס גלוסט זיך מיר עסן די לעבער פון אַ חייל פון צה״ל״. זאָגט רחל קראַמף אין דעם ליד „פּאַר פדואַה טוקאַן״:

אפשר האָסטו זיך דערמאָנט
אין דײַן עלטער־עלטער־זיידן
וואָס זײַן שאָטן
דרייט זיך אויף דײַן וואַנט
און דערציילט דיר,
אַז אַ כּוסע מענטשלעך בלוט
איז אַזוי גוט
ווי דער זיסער טרויבנווײַן,
וואָס מאַכט שיכּור
און פירט אין בעט אַרײַן.

רחל קראַמף באַנוצט זיך ווייניק מיט פּאָעטישע סימבאָלן און בילדערישע פאַרגלײַכן. אָבער פון די לידער אָטעמט מיט געדאַנק און פאַרשטענדעניש פאַרן האַרבן לעבן. עס אָטעמט פון זיי דער דיכטערינס הויפּטמאָטיוו: „שטילקייט״.

רבקה באַסמאַן

געוועזן אַ מאָל אַ גוטע ייִדישע היים אין דער ליטע. אָפּשטאַמיקע פֿון דאָרט טראָגן נאָך ביז הײַנט אין זייער געמיט אַזאַ ספּעציפֿישן ניצוץ פֿון הייסער ייִדישקייט, און די ניכטערקייט וואָס זיי האָבן געירשנט פֿון דורותדיקן מתנגדישן אַרום העלפֿט זיי אָפֿט מאָל צו באַלאַנסירן צווישן בענקשאַפֿט און תּכלית, צווישן שיינער פֿאַרחלומטקייט און האַרבער וואָר. — —

רבקה באַסמאַן — כאָטש זי איז שוין יאָרן אַ ישׂראלדיקע — איז זי דאָך אַ קינד פֿון דער ליטע. און אויב ס׳איז אמת אַז דער שליסל צו דער דערקענטעניש פֿון דעם שאַפֿערישן מענטש, דער שאַפֿערישער פּערזענלעכקייט — איז צו מאָל זײַן אָפּשטאַם און יוגנט־סבֿיבֿה, קען מען עס אויך אָנווענדן לגבי רבקה באַסמאַן.

זי איז אַ געבוירענע אין ווילקאָמיר. און ווילקאָמיר איז באַקאַנט געוועזן ניט נאָר ווי די עלטסטע ייִדישע קהילה אין דער ליטע — מיט „תּורה און סחורה״, נאָר ווילקאָמירער נעמען זיך אַלע מאָל איבער — און זיי האָבן אַ נטיה זיך איבערצונעמען — מיט דער „קולטור״ פֿון ווילקאָמיר און בעיקר מיט דער ייִדישער רעאַל־גימנאַזיע, וואָס איז באמת געוועזן אַ שם־דבֿר...

ובכן, רבקה באַסמאַן קען דעם לשון פֿון איר ליד — אויך פֿון אַ ייִדישער שול. און זי האָט אַ קערנדיקע, לויטערע, וואַרעמע שפּראַך. אַוודאי, ווי דען? ווי אַלע ייִדישע דיכטערס — כאָטש זי געהערט צו דעם ייִנגערן דור — טראָגט זי סײַ די פֿאַרליבטשאַפֿט אין דער הערלעכקייט און גרויסקייט פֿון ייִדיש, סײַ די שפּירונגען פֿון קלעם אויף דער מערכה, אין וועלכער אונדזער וווּנדערלעכער, נסימדיקער לשון געפֿינט זיך הײַנט צו טאָג. רעדט זי צו די ייִדישע „אותיות״:

ייִדישע אותיות וויינט ניט
בײַם שרײַבן ווערטער פֿרעמד.
ייִדישע אותיות וויינט ניט
און זײַט ניט אַזוי פֿאַרשעמט.

אברהם ליס

הערט, ווי עס בענקט אײַער ניגון
צו זיך, צו זיך אַליין:
איר ייִדישע אותיות —
טרערן פון מײַן געוויין.

קלאָר. דאָס איז ניט בלויז דאָס ווייטיקלעכע געוויין אויף דער געטראָפּנ־קייט פון ייִדישן אות, פון ייִדישן וואָרט, דאָס איז איינס פון די יסורים־שפּליטערן, וואָס רבקה באַסמאַן טראָגט אין איר געמיט און וואָס קומט צום אויסדרוק אין אירע לידער; ס'איז דער ווייגעפּיל אויף דער פאַרשניטענער היים, אויף דער גרויליק פאַרשוווּנדענער ייִדישער וועלט.

אין אירע דרײַ לידערביכער וואָס זענען ביז איצט אַרויס: „טויבן בײַם ברונעם", „בלעטער פון וועגן" און „ליכטיקע שטיינער" איז אָט דער מאָטיוו אַ וועזנטלעכער אַקס אַרום וועלכן עס וויקלען זיך אויף אירע שפּירונגען, אירע טראַכטונגען, אירע בענקשאַפטן און דער אומעט, וואָס איז אַזוי ניכּרדיק אין איר ליד, ווי די זעונג, וואָס באַגלייט זי פון ווילנער געטאָ: שוין ניט בעת זי האָט געשמאַכט דאָרט אין די ביטערע, גרויליקע חדשים פון מלחמה, נאָר איר ווידער אָפּפילן ווילנער געטאָ אין יאָר 1964:

די הויפן, די טרעפּ —
אָפּענע מײַלער,
און איך — זייער שטומער געוויי,
צעשליסן זיך שלעסער ווי וווּנדן,
ווי בײַלן,
און זשאַווער, בלוט רינט פון זיי.

ייִדישע טראַגישע גורלדיקייט, וואָס האַלט דעם אָפּגעראַטעוועטן פון דאָרט — האַלט אים ביז הײַנט אין קלעם פון דער פאַרווירטער תּקופה, איז עס דען בנימצא אין אַזאַ מאָס בײַ שאַפערס, בײַ דיכטערס און קינסטלערס פון אַן אַנדער אומה?

רבקה באַסמאַן האָט אין איר גאָרער יוגנט דורכגעמאַכט ביטערע נסיונות,

נויט און וואָגל און טויט־סכּנות אין די נאַציִשע לאַגערן, אין דער תּקופה פון ביטערסטן ייִדישן געראַנגל. דערפֿאַר אפֿשר זוכט זי — און מיט אַזאַ אייפֿער פֿאַלט זי צו צו דער שיינקייט פֿון בלום און בוים, צו די „ליכטיקע שטיינער", צו די „אייקאַליפּטן", צו די „גליווערעמלעך" אין גראָז, ווי זי וואָלט געזוכט אין זיי טרייסט און באַצאָלונג פֿאַר באַרויבטע און צעדולטע יונגע טעג.

און זי האָט האַרציקע, לויטערע לידער צו דער נאַטור אין ארץ־ישׂראל, צו דעם פּייזאַזש פֿון לאַנד, צו אונדזער דורותדיקער בענקשאַפֿט צו ירושלים, וואָס כאָטש מיר זענען שוין דאָ, בענקען מיר נאָך אַלץ צו ירושלים, ווי מיר האָבן זי אָפּגעפּילט אַ מאָל אין פֿאַרטרערטע, פֿאַרציטערטע, אַלטפֿאָלקישע פּסוקים און אין ליד „ביַים כּותל" זאָגט זי אַזוי:

וואָס כ'האָב דאָרט אַריַינגעשריבן
ווייס איך ניט.
מיר דוכט אַ ליד
פֿון צאינה־וראינה־בלעטער.

איצט שטיי איך רויִק, רו.
די אותיות זענען דאָרט
און גאָט וועט זיי געפֿינען.

אָבער נאָך נענטער און באַווירקנדיקער ווערן אירע שורות, ווען זי פֿאַראַנקערט אירע טראַכטענישן און שטימונגען אין דער נאַטור. און אפֿשר איז עס גראָד פֿאַרקערט — די בלום און דער צעגרינטער פֿעלד פֿירן זי גריַילעך צו אויפֿברענגען געדאַנקען, וואָס גלימערן און זוכן אַ לייזונג. און אָט ווי זי געפֿינט אַן אָנשפּאַר:

פֿודן גרויע וואָר
האָבן זיך אַן אָנשפּאַר געפֿונען
אויף אַ דינעם קוסט
מיט בלומען.

אברהם ליס

און זע, ווי ס׳קאָן
אַזאַ מין דינקייט
מיט ראָז און גרינקייט
אַן אָנשפּאַר זײַן
פֿאַר גרויער וואָר
און האַלטן זי
ביז גאָר,
ביז גאָר.

רבקה באַסמאַנס לידער זענען ווי דורכגעוועבט פֿון עכטער, פֿיבערדיקער גינגאַלדיקייט. זיי האָבן דעם ציטער פֿון אייביקער יונגשאַפֿט און איידל זענען זיי און צאַרט ווי די קרושעווע העפֿטונגען פֿון אַמאָליקע חנעוודיקע, תּמימותדיקע כּלה־מיידלעך, וואָס האָבן אַרײַנגעהעפֿט, אַרײַנגעניייט אין זיי זייערע שענסטע חלומות און באַגערן.

כאָטש זי קאָן אויך זאָגן אַ מאָל אַ האַרב און אַ הויך וואָרט, בלײַבט זי דאָך אַלע מאָל אין דער ספֿערע פֿון שטיל־און סובטעל־ווײַבלעכער דיכטונג און דאָס איז איר מעלה. זי ווייסט אַז:

דורך די טעג, די יונגע טעג
ציִען אַלטע פֿעדעם.
און ס׳דערציילן זיך די מעשׂיות
איבער און אַריבער.

אָבער זי איז ניט מאַריך דווקא מיט די מעשׂיות. זי גיט זיי בלויז, ברענגט זיי בלויז מיט אַ רמז. זי באַזינגט זיי מיט אַן אָנווונק. אַ שילדערישע שורה, אַ טרעפֿלעך וואָרט, אַ קורץ בילד. — און גראָד אַזוי רעגט אָן איר ליד און לאָזט אונדז איבער אי מיט אַ געפֿיל פֿון נײַגעריקייט, אַליין זיך צו דער־טראַכטן, אי מיט גוטער טעמאַטיק. קונסט, און פּאָעזיע בפֿרט, מוז ניט און דאַרף ניט שטילן דעם דאָרשט, זי דאַרף נאָר רעגן אין אונדז גײַסטיקע שיינקייט און אומרו. ס׳איז עלעהיי אַ ביסל ליקער צו הייבן די שטימונג

בחדווה און אויפהאַלטן אין זיך מענטשלעכע פרייד און מענטשלעכן אומעט. אַזוי שיין און טרעפלעך זאָגט רבקה באַסמאַן:

זיך איינהערן שטילער אין זיך
אין מיטן פון שטאָטישן ליאַרעם,
און צערטלען אַ וואָרט וואָס פאַרהיט
דעם זוניקן היימישן וואַרעם.

רבקה באַסמאַן, צוזאַמען מיט איר מאַן דעם קינסטלער מוליע בן־חיים, זענען מיט יאָרן צוריק געווען מענטשן פון קיבוץ, חברים פון אַ קאָלעקטיוו. געוויס האָט עס אויף איר געווירקט, דערנענטערט זי צו דער ישׂראלדיקער לאַנדשאַפט, צו די פליינען, צו די זאַמדן, צו מענטשלעכער, געבענטשטער מי, צו זוניקע טעג און צו די אומעטיקע פאַרנאַכטן, ווו דער מענטש ווערט אַזוי אויסגעבונדן, ווי אַריינגעוואַקסן אין דעם דרויסיקן אַרום און עס ווערט איינס — מענטש און נאַטור:

אַ נאַכטיקער זילבערנער עיגול
פאַרבלאָנדזשעט צו מיר אויף מיין וועג
און איך, מיט ציטער פאַרזיגל
דעם חלום און שאָטן פון טעג.

אינעם בוך „בלעטער פון וועג" ברענגט רבקה באַסמאַן אַ ריי לידער וואָס זענען ווי דורכגעלעבטע, דורכגעפיבערטע דיכטערישע פאַרצייכענונגען פון איר זיין אין דער ווייט־נאָענטער אַמעריקאַנער גרויסשטאָט, און פון באַזונדערן באַטייט זענען אירע לידער, ווייך־סאַמעטיקע, אָבער אומעטיקע לידער פון איר לעבן און פילן אין דער סאָוועטישער הויפּטשטאָט: פאַראַן דאָ אַזוי פיל טרויעריקע דערמאָנונגען:

ניטאָ קיין צייט צו קוקן אויף לאַמטערנעס
און אפשר גאָר ניטאָ קיין מוט,

א ב ר ה ם ל י ס

ווײַל אײדער מען דערזעט אַ שטערן
דערזעט מען בלוט.

און קלעפּיק ווערן טרוים און װוּנדער
און אומרײן ווערט אַיעדע שעה.
און דיכטערס זענען אויך פאַרוווּנדעט
און ווער צו היילן איז ניטאָ.

קומט זי נאָכדעם צוריק אַהער, צו די „ליכטיקע שטײנער", צו די געשפּאַנטע טעג, צו אומרויִקע פאַרנאַכטן, אָבער צו דער ערד און צו דעם לעבן וואָס איז אונדז באַשערט. און זי שפּינט איר צאַרט, חנעוודיק און וואַרעם ליד. און ס׳איז איר ליב דער אומעט און דער העלער, האָפענונגספולער טאָג. זי איז אַן אײדעלע און פײַנע דיכטערין רבקה באַסמאַן.

שלמה וואַרזאַגער

דאַכט זיך אַז בײַ קיין שום פֿאָלק און אומה און אין קיין שום ליטעראַטור איז ניט בנימצא אַפּצוצייכענען אַ שרײַבערס יובל און זײַנע שאַפֿערישע אַקטיוויטעטן לויט אַזעלכע קריטעריעס ווי אין אונדזער יידישער ליטעראַטור־שאַפֿונג. אַ שטייגער: אָנגעהויבן שרײַבן אין געטאָ. געשאַפֿן דערציילונגען בעתן נע ונד. אָנגעשריבן די לידער אויף פֿאַרשיקונג, געשריבן אין ווײַט־צפֿונדיקע רוסישע לאַגערן. נאָכן אומקום, ערב אומקום, אין די־פּי־לאַגערן אין דײַטשלאַנד. נאָך דער באַפֿרײַונג, פֿאַר דער באַפֿרײַונג.

סאַראַ אויסטערלישע דאַטעס אין דער ביאָגראַפֿיע פֿון אַ שרײַבער.

אָט די אויפֿרודערנדיקע ביאָגראַפֿיעס, די טראַגישע איבערלעבונגען פֿון אַזאַ קענטיקער צאָל שאַפֿערס איז הײַנט צו טאָג אייגער פֿון די גרונטמאָטיוון פֿון אונדזער ליטעראַטור, לאַוו דווקא אין דער דאָקומענטאַרער ליטעראַטור פֿון דער אומקום־תּקופֿה.

אָט די ביאָגראַפֿיעס זענען גאָר דער סטימול, דער שאַפֿערישער אָנרעג פֿאַר אַ באַזונדערן אַרט און זשאַנער פֿון דערציילונגען און לידער, וואָס פֿאַרנעמען איצט אַזאַ באַדײַטנדיקן אָרט אין דער יידישער שאַפֿונג.

שלמה וואַרזאַגער געהערט צו דעם ייִנגערן דור שרײַבערס, ס׳הייסט צו אָט דעם דור וואָס האָט געשטעלט זײַנע ערשטע שריט ווען ס׳האָבן שוין אָנגעהויבן הויערן די אַנגסטן און פּחדים פֿון דער אָנקומענדיקער מלחמה.

געהערט האָבן מיר פֿון אים נאָך דער מלחמה, ווען ס׳איז אין יאָר 1948 אין מינכען דערשינען זײַן באַשיידענע לידער־זאַמלונג „זײַן״, לידער וואָס טראָגן אין זיך דעם טרויער פֿון טעג, דעם געצאַפּל פֿון אַ צעשטערט וואָכיק לעבן. די גלײַענדיקע פֿונקען פֿון גלויבן אין מענטש און אין דער שליחות פֿון שאַפֿערישער מי — אָט די מאָטיוון און כּוונות זענען געבליבן ווי דער רוקנביין פֿון זײַן ווײַטערדיקן שאַפֿן — און דאָס דווקא אין פּראָזע, אין דערציילערישער פֿאָרעם. אין זײַנע ביכער „ברויט״ און „זאַמד״ און „יאָרן״ און טײלווײַז אין דעם לידערבוך, וואָס איז אַרויס אָקערשט אונטער דעם פּאָעטישן נאָמען „דאָ גייט אויף די זון״.

איך געדענק שלמה וואַרזאַגערן פון די אָנהייב פופציקער יאָרן, ווען ס׳האָט זיך געגרינדעט, געשאַפן — נאָכן אָנקומען אין לאַנד פון אַ צאָל יינגערע שרײַבערס — די גרופע „יונג־ישׂראל״, און צווישן זיי בפירוש טאַלאַנטירטע, באַגאַבטע. כאָטש יונג, זענען זיי שוין אָבער געווען זאַט אין נסיונות און ביטערע דערפאַרונגען פון צײַט און פון זייערע אייגענע גורלות — צבי אײַזנמאַן, אַברהם קאַרפּינאָוויטש, שלמה וואַרזאַגער, יאָסל בירשטיין, רבקה באַסמאַן, משה יונגמאַן, און נאָך אַ צוויי, וואָס זענען במשך דער צײַט אָפּגעשטאַנען — — איך געדענק שוין ניט גענוי דעם מאַניפעסט, צי די דעקלאַראַציעס פון „יונג־ישׂראל״ וואָס זענען געקומען נאָך זייערע צוזאַמענטרעפן אין קיבוץ יגור (דאָרט איז בשעתו געווען אַ קיבוץ־חבר צבי אײַזנמאַן). איך געדענק אָבער אַז זיי האָבן געוואָלט ממש שטורעמען די אַלטע ליטעראַרישע וועלט. אַט אַזוי ווי אַלע רעוואָלוציאָנערן ווילן עס. און גערעכט צי ניט גערעכט, לאָגיש צי אומלאָגיש, זיניק צי אומזיניק, שיין איז עס געווען, און די פרישקייט און דער טעמפּעראַמענט האָט אימפּאָנירט און אויסגענומען. באַלד דערנאָך, אַז עס זענען דערשינען אויך עטלעכע זאַמלהעפטן אונטערן נאָמען „יונג־ישׂראל״, ווו די עלטערע שרײַבערס — כאָטש אויך זיי זענען געווען כמעט אין דעם זעלביקן עלטער — האָבן אין די זשורנאַלן קיין דריסת־הרגל ניט געהאַט — — איז דער „פּאַטשאָט״ פאַר זיי געוואַקסן. אַ קליינּיקייט! ניט מער, זיי האָבן נאָך ניט געהאַט דעם כוח און די גענײטשאַפט (די רעדאַקטאָרן און טוערס פון דער גרופּע) צו אונטער־שיידן צווישן צויטן און גינגאַלד־געוועבן. צווישן קליאַטשע און זעמלמעל. און אַז איך האָב אין אַן אָפּהאַנדלונג אין דער דעמאָלטיקער איינציקער יידי־שער וואָכנבלאַט ״נײַוועלט״ געפּרוווט — און דווקא מיט אַ סך באַציִונג און חשיבות צו יעדן פון „יונג־ישׂראל״ אָנוויִזן, אויפווײַזן, צו מאָל באַטראַכטן און אויסטײַטשן די געפאַר פון אומזיניקייט, צעקרימטקייט און לערקייט פון אַ צאָל שאַפונגען, בעיקר פון לידער מיט אַ וויסטן עוצץ־קוצץ־לשון פון איינעם פון די באַטייליקטע דיכטערס, וואָס ניט ער האָט געוווסט וואָס ער וויל, ניט ער האָט געוווסט וואָס ער זאָגט, געוווסט האָט ער בלויז אַז מען דאַרף זײַן מאָדערניסטיש און וואָס מער אומפאַרשטענדלעך, — — האָט מיר שלמה וואַרזאַגער — אַחוץ אַנדערע פון דער גרופּע — געענטפערט מיט

אַזאַ אַטאַק־אַרטיקל, מיט אַזוי פיל טעמפעראַמענט און אייפער — אַז ס׳איז מיר גאָר געפעלן... און ער געפעלט מיר אַזוי, ווי אַ שרײַבער, ביזן היינטיקן טאָג.

זײַן שאַרפן פאַרמאָגט עפעס, וואָס אימפּאָנירט און האַלט דיך געשפּאַנט — דאָס איז די פרישקייט פון טאָן, דער לעבעדיקער סטיל און די ברייטלעכע אָבער אויסדריקלעך בילדערישע שפּראַך.

און ווײַל ער שרײַבט לידער און ער שרײַבט ראָמאַנען — ווייסט ער אָבער גוט צו פאַרמירן און אויפצושאַפן די נוסחאות, דעם נאַראַטיוון סטיל אין פּראָזע און דעם צעפּלאַטערטן, געהויבענעם וואָרט אינעם ליד.

אין דעם פאַר לעצטן בוך זײַנעם „יאָרן״, ווו עס קומען אַרײַן סײַ דער־ציילערישע קאַפּיטלעך, סײַ לידער, ווי ער רופט זיי: „לידער פון טרייסט און פון טרויער און פון טויט״ — פּרוווט וואָרזאָגער אין זײַן אַרײַנפיר־וואָרט אויפקלערן די סוגיא — וואָס איז אַגב שוין אַן אָפּגעריבענע מטבע, דהיינו: אַז „גוטע פּראָזע האָט תמיד אין זיך עלעמענטן פון ליד און אַז דער גבול צווישן פּראָזע און ליד איז אַ דינער״.

ווען מיר, פאַרשטייט זיך, ניט מחולק זײַן דאָ שייך די דעפיניציעס. אָבער איך וועל מיך דערלויבן יאָ צו זאָגן, אַז זײַן פּראָזע־שאַפונג איז, אָן ספק, קרעפטיקער, מקורותדיקער, אייגנדיקער. כאָטש אויך פון זײַן ליד קומט אויף אַן אייגענער טאָן און אימאַזש און, פאַרשטייט זיך, דאָס פיבער־דיקע אָפּפילן צײַט און סביבה: און ער איז גראָד אַ בריה מיט פּשוטן וואָרט אויפצוברענגען בילד און געפיל און שטימונג; אַ שטייגער:

כ׳האָב געוווּסט,
אַזוי וועט עס זײַן.
כ׳וועל טרינקען דעם ווײַן
פון אַ חלום,
זיך נערן
מיט קוק — אייביק הונגעריקן
פון אומגעזעטיקטער שיינקייט
דײַנער.

אָדער:

שפּין זשע צײַט — קלוגע קלאָגערין —
אַ נײַעם טאָג אין מײַן װינקל שטילן.
און איך, שוטה, מײַן מאָלצײַט מאָגערן
װיל מיט בענקשאַפט זאַטער שטילן.

פאַראַן אין די־אָ לעצטע שורות אַן עכט געפיל און אַ געראָטענער געדאַנק. װאָס שייך געדאַנקלעכקייט צייכענען זיך גוט אויס זײַנע לידער און באַזונדערס זענען זיי בנימצא טאַקע אין דער אָקערשט דערשינענער לידער־זאַמלונג, װאָס אַנטהאַלט לידער פון און אַרום ארץ־ישׂראל, די צוויי אָפּטיילן, „דאָ גייט אויף די זון" און אין דעם אָפּטייל „אורשיינקייט", און די יחידיש שטימונגספולע לידער פונעם אָפּטייל „ליבשאַפט". טרעפלעך און בילדעריש פילן מיר אָפּ:

כהרף־עין
גייט אויף די זון דאָ:
אַ חלום איבער בערג־אומקום,
אין די שויבן — גאָלד.
קום, לאָמיר אויפקלויבן
די שטויבן
ליכט.
לאָמיר ניט פאַרשפּעטיקן דעם אויפגאַנג...

„לאָמיר ניט פאַרשפּעטיקן דעם אויפגאַנג" איז דער באַגלייט־מאָטיוו, דער פונק פון גלויבן און אמונה, װאָס דאָס אייגן־לאַנדישע איז מסוגל אָנצושטימען, מסוגל צו באַװירקן און צוצוטיילן דעם ייִדישן מענטש, דעם ייִדישן דיכטער, אַפילו דעם װאָס איז דורכגעגאַנגען דעם יסורים־װעג און אַט אין דעם װירװאַר פון פאַרפאָלגונג, פון הונגער און נויט אויפגעהאַלטן אין זיך דאָס מענטשלעכע פּנים.

דערפאַר קען ער אַזוי דיכטעריש באַנעמען:

אין דער מחיצה פון שאַפער

דאָ אַ רעגן מײַנט נישט קײן טרויער.
נישט דאָס גרויליקע זעגן דעם אומעט.
ער קומט ווי אַ ליכטיקע בשורה,
אַ מלך
מיט מענלעכן שטורעם
צו שטילן ערדישן פלאַם —
איעדער טראָפּן איז חיות,
סוד פון באַשאַף.

די דאָזיקע בפירוש באַדײַטונגספולע שורות פאַרשאַפן מיר אַ באַזונדערע סאַטיספאַקציע. שוין מיט יאָרן צוריק האָב איך ניט איין מאָל אָנגעוויזן אויף דער השפּעה פון ארץ־ישׂראל, אויף דעם אײַנפלוס פון אייגן לאַנד אויפן יידישן דיכטער, געפּרוווט באַווײַזן אויך ווי עס ווירקט דאָס כאַראַקטעריסטישע צו דער איבעראַנדערשונג פון נאַטור־באַנעם, פון פּייזאַזש־באַנעם. די דער־שיינונג: רעגן, וואָס אַ שטייגער דאָרט, אין די אַלטע היימען, איז עס פאַרן יידישן מענטש? — מחמת ער איז ניט געווען פאַראייגנט אויפן באָדן — איז דאָס רעגן גאָר אָפּט מאָל אַ פּלאָג, און דאָ איז עס דער אויסדרוק פון ברכה. דער אויסדרוק פון געבענטשונג און קוואַליקייט.

אַזוי אמתדיק און עכט זענען די פערזן פון זײַן ליד „עולים", ווו ער זאָגט:

די וואָר — דער שענסטער נס פון די נסים
מאַכט בולט די זעונג, דעם חלום פאַרגעסן.
אַ לאַך פון אַ קינד, אַ זקנישער קאָפּ איבער באָרטן
טראָגט בליציק מיך איבער צום „דאָרטן".

און ווי וויל עס איז זײַן ליד, און ווי געלונגען עס איז און איבערצייגנדיק די טרעפלעכע שורה: „די וואָר — דער שענסטער נס פון די נסים" באַווירקט מיך גראָד און ציט מיך דווקא צו זײַן פּראָזע־שאַפונג. „וואָס טראָגט אים בליציק איבער צום דאָרטן". טאַקע וואָרזאָגערס דערציילערישע באַשרײַ־בונגען פון דאָרטן, באַזונדערס זײַנע ראָמאַנען „ברויט" און „זאַמד". איז עס

דען אַ נײַעס די שטעטל־טעמאַטיק? די שילדערונגען פון ייִדישער שטייגע־רישקייט פון דאָרט? דער טיפּאַזש און די פּאַרלויפּענישן פון ייִדישן לעבן אין פּוילן? קאָן עס אַפילו זײַן פון אַזאַ גאָר טשיקאַווע שטעטל, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען איבער דער גאָרער וועלט — כעלעם. נאָר וואָס דען? ראשית שילדערט וואַרזאַגער די ייִדישע היים און די ייִדישע גאַס, דעם שטייגער און מיליע אָט פון אָקערשט, קורץ פון די יאָרן פאַר דעם חורבן פון ייִדיש לעבן אין אייראָפּע. ס׳איז צו מאָל ווי אַ המשך פון דער גוטער נאַראַטיווער פּראָזע פון שמעון האַראַנטשיק, פון מיכל בורשטין, פון יהושע פּערלע, און ס׳טראָגט אין זיך עפּעס אינהאַלטלעכע פרישקייט, ווי אָט אַצינד וואָלט עס געווען, כאָטש מיר ווייסן, אַז טעמאַטיש איז עס שוין אַזוי גרויליק ווײַט — ניט ווי איין דור, נאָר ווי גאַנצע תּקופות וואָלטן פאַרלאָפן. דערצו, כאָטש ער שילדערט גאַנץ ברייט די פאַרלויפּעניש פון היים און הויף, און מאַרק און גאַס, און די געשטאַלטן — באַקאַנטע געשטאַלטן — פון האַרעפּאַשנער פאָלקסטימלעכער שטייגערישקייט, קומען זיי אויף מיט אַ באַזונדערן רייץ און טעמיקייט. ניין, ניט די בענקשאַפט און נאָסטאַלגיע מאַכט עס. ער רופט עס אַרויס אין אונדז מיט זײַן דערציילערישער פאָרעם, וואָס איז אי פאַרביק און וואַרעם, אי בילדעריש און נאַראַטיוו באַלאַנסירט. קומט דאָ טאַקע צום אויסדרוק זײַן דיכטערישער מהות, וואָס ווייסט אויך דעם סוד פון צימצום, וואָס ווייסט ווי צו פאַרמירן אַ בילד, אַ געשטאַלט, אַ געשעעניש, אַפילו דעם אויסזען פון הייפן און הינטערהייפן. אָט אַזוי הייבט זיך אָן זײַן בוך „ברויט":

„אַ לאַנגער דרעווניאַק אין מיטן פעלד, אַ שינדלדאַך מיט צוויי שיפּועים נידעריק איבער קליינע פענצטערלעך; אַ גרויסער קוימען, וואָס שטענדיק האָט ער געראויכערט, עלהיי אַ באַן — אָט אָט גיט זי אַ פײַף און הייבט אָן פאָרן. דער דרעווניאַק האָט זיך אָבער פון אָרט ניט גערירט. יאָרן לאַנג איז ער אַזוי געשטאַנען און אַלץ טיפער געוואַקסן אין דר׳ערד אַרײַן. די שוועלן פון די אײַנגאַנגטירן נידעריק, די פענצטער — אַ ביסעלע העכער פון דער ערד, מיט איין פוס־הייב שפּאַנט מען לײַכט אַריבער אין שטוב אַרײַן. — —"

און ס׳איז געווען אַ האַרעפּאַשנע ייִדישע שטוב, ווו אין דער וואָכן האָט מען זיך געראַנגלט פאַר פּרנסה, פאַר אויסקומעניש, און שבת האָבן די פאַר־

האַרעוועטע טאַטע־מאַמע געׂרוט פון דער בעקערײַ־אַרבעט און די קינדער, געווען אַן אַן עין־רעה אַ פולע שטוב מיט קינדער, זיי האָבן שוין געחלומט און אויפגעזונגען נײַע ניגונים, „פון אַ בעסערן און שענערן מאָרגן". דאָס זענען געווען די בשׂורות בעיקר פון דעם לאַנד „פון אויפגייענדיקן שטערן", וואָס האָט אין יענע יאָרן געלאָקט אַזוי מיט דעם כּישופֿדיקן „שטערן", פון גלײַכהייט און פרײַהייט און יושר — — עס האָט געצונדן די פֿאַנטאַזיעס פון די יוגנטלעכע אין די יידישע שטעט און שטעטלעך.

וואַרזאַגער און זײַנע שטוביקע (טאַטע־מאַמע און ברידער און שוועס־טער) האָבן אין די מלחמה־יאָרן פאַרזוכט דעם טעם פון גלײַכהייט און פרײַ־הייט אין דעם אויסגעבענקטן לאַנד פון אָקטאָבער — — אין דעם ראָמאַן „ברויט", און נאָך מער אין דעם ראָמאַן „זאַמד" ווערן היקפּדיק געשילדערט די יאָרן פון נע ונד און דאָס לעבן פון די פּליטים, אָפּגעראַטעוועטע פון מלחמה־גרויל אין טורקעסטאַן, אין אַשכאַבאַד, ווו ניט נאָר ס׳איז (נאַטירלעך), אין די מלחמה־יאָרן געווען הונגער און נויט און עלנט, נאָר ווו די וואָר האָט אַזוי צו נישט געמאַכט די פֿאַראַנקערטע חלומות. — —

באַשרײַבונגען, שילדערונגען פון פּליטים־לעבן אין די ווײַטע געגנטן פון רוסלאַנד איז כּידוע ניט ווייניק פֿאַראַן אין דער ליטעראַטור פון אונדזער אָקערשטיקער חורבן־דראַמע. זכרונות פון די פֿאַרשיקונג־לאַגערן, די נסיעות און איבערלעבונגען אין די טעפּלושקעס, וויסטע באַזאַרן, הונגער, רדיפֿות קעגן מענטשן וואָס זייער גאַנצער חטא איז געווען דער ווילן צו בלײַבן לעבן.

שלמה וואַרזאַגער האָט אויך דאָ צוגעגעבן זײַן בײַטראָג. עס אָטעמט פון אָט די קאַפּיטלעך מיט אמת און מיט דעם וואָריקן קלימאַט פון דער טרוקן־זאַמדיקער טורקעסטאַנער ערד.

די טרויעריקע פֿאַרלויפֿענישן, די געשטאַלטן, די קאָנפליקטן, דערציילן אונדז פון אַ ווירקלעכקייט, ווו בלויז אַ שרײַבער מיט שאַרף אָנגעשפּיצטע זע־און הער־חושים האָט געקאָנט אין זיך קולמינירן און ברענגען עס אין דער פֿאַרב און אין דער שטימונג וואָס בלײַבט שטענדיק פריש, און אַזאַ נשמה־טויִקייט הויכט איבער זיי, ס׳איז די טויִקייט פון גלויבן, פון ליבשאַפֿט. — —

הלל שאַרגעלס „אַ בוים אין פענצטער"

אַגוסטן — און דער אַגוסטן איז אַ קיימא לן פון אַ וועלכע פערציק יאָר צוריק, — ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט הלל שאַרגעלן, און געווען איז עס זיכער אָדער בײַ אונדזער פאַרשטאָרבענעם טײַערן חבר, דעם פּאָעט שׂמחה אײַזן (יעקב שטאָל) אין דער היים, אָדער בײַ ד״ר ראַפּאַלקעס־נירן אין ביוראָ אויף אַ פאַרזאַמלונג פון ייִדישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב. הלל שאַרגעל האָט זיך דעמאָלט אויסגעטיילט אי מיט זײַן שיינער פאַרחלומטער תּמימות, אי מיט זײַן עקשנותדיקן שווײַגן, עלעהיי זײַן שווײַגן וואָלט געטראָגן אין זיך סוד און שליחות. נאָר קוים איז ער אַרויס פון זײַן שתיקה און האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט ער ניט גערעדט, נאָר געשריִען, און דווקא ריטמיש, מיט טעמפּעראַמענט, מיט אַזאַ התלהבות, אַז די זײַלן פון דעמאָלטיקן שרײַבערקלוב, וואָס האָט געציילט אַן ערך אָנדערטהאַלבן מנינים מיטגלידער, זענען שיִער ניט אײַנגעפאַלן. ער האָט העפטיק און טראָציק געקעמפט קעגן דעם עסטאַבלישמענט פון פאַראיין און קעגן זײַן ביוראָ־קראַטיע. דער עסטאַבלישמענט, דאָס איז געווען די פירערשאַפט פון דער קליינער גרופע לינקע פועלי־ציון. און די ביוראָקראַטיע איז געווען אין אַ קליינער שאַפקעלע צווישן יורידישע ביכער פון נירס אַדוואָקאַטן־קאַנ־צעלאַריע.

אָבער הלל שאַרגעל איז מיר גאָר געפעלן מיט זײַן ערלעכקייט און אויפ־ריכטיקייט. איך האָב אים ליב געהאַט הן מיט זײַן שווײַגן, הן מיט זײַן צעפּאַטלטן רעדן. און ס׳איז דווקא גוט געווען צו שמועסן מיט אים, צו הערן אים.

פלעגט ער זיך יאָ אַ מאָל אַראָפּרעדן פון האַרצן, איז עס אַלע מאָל געווען וועגן דער שווערער דאָליע פון ייִדישן פּאָעט אין ארץ־ישׂראל און וועגן דיכטונג בכלל. און ער קען פּאָעזיע, און ער לעבט פּאָעזיע און כאָטש ניט איין טאָג האָט ער אין יענע טעג גאַנץ פײַן אונטערגעהונגערט, האָט דאָס אים ניט געשטערט, חלילה. פאַרקערט, ערשט דעמאָלט האָט ער לײַדנ־שאַפטלעך זיך געלאָבט, זיך גענערט מיט שורות ליד — —

די יאָרן האָבן געטאָן זייערס. הלל שאַרגעל איז היינט אַ באַזאַכטער, מיושבדיקער מענטש. אַ מטופל מיט אַ פרוי און אַ געראָטענער טאָכטער און אַפילו מיט אַן אייגענער דירה. — — נאָר דער טרויער פון די יאָרן האָט געלאָזט זיינע שפורן, און דער ווייטיק אויף דער אומגעבראַכטער פאַרלאָרענער געבוירן־היים, יוגנטהיים, דער אומקום פון די נאָענטע האָט ביי אים — ווי ביי אונדז אַלע — זיך איינגעעשניטן אין האַרץ און געמיט.

איצט, נאָך עטלעכע צענדליק יאָר שרייבן לידער, האָט ער אַרויסגעגעבן זיין ערשטע לידער־זאַמלונג. פאַר וואָס ערשט איצט? געוויס זענען געווען סיבות. ווייסן מיר דען ניט מיט וואָס עס איז פאַרבונדן דאָס אַרויסגעבן אַ בוך? אָבער מיר דאַכט זיך, אַז צו די אַלע סיבות וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן אָדער ניט דערמעגלעכט הלל שאַרגעלן אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג פון זיינע לידער איז נאָך פאַראַן איין עיקר־סיבה און זי איז משמעות שקול כנגד אַלע סיבות. דאָס איז זיינע אייגענע אינערלעכע ספקות, זיין אחריות־געפיל, זיין מורא אַרויסצוברענגען עפנטלעך זיינע שטימונגען און טראַכטונגען.

מען דערציילט, אַז דער וווּנדערלעכער, אייגנציקאַרטיקער פּאָעט, דער קדוש פון וואַרשעווער געטאָ ישראל שטערן האָט ניט אַרויסגעגעבן ביי זיין לעבן קיין בוך נאָר דערפאַר, ווייל זיין אינערלעכע באַציִונג צום וואָרט האָט עס ניט צוגעלאָזט. ווי קאָן ער וואַגן ברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט, פלעגט ער זאָגן, דאָס אין וואָס ער איז כּלל ניט זיכער? עפּעס פון אָט די געהויבענע ספקות איז געוויס פאַראַן ביי יעדן עכטן, ערלעכן פּאָעט. און מעגלעך אַז אַ שמץ פון אָט די צווייפלען האָט באַוועלטיקט אויך הלל שאַרגעלן.

איצט צייכענען מיר אָפּ זיין ערשטלינג־בוך „אַ בוים אין פענצטער״, וואָס פאַרמאָגט די שטריכן און עלעמענטן פון זיין כאַראַקטער, סיי די מעלות, סיי די שוואַכקייטן. שאַרגעלס לידער און פּאָעמעס זענען אי געדאַנקלעך, אי זאָגעריש. אין צענדליקער פון זיי, ווו עס הייבט אָן וויברירן מיט גוטער ניגונדיקייט, האַקט דער דיכטער איבער די מעלאָדישקייט און קערט דאָס ליד און דעם ריטעם צו קאָנסעקווענטער אַמוזיקאַלישקייט. דאָס איז ביי אים ניט קיין מאַניר כּדי צו דערגרייכן צו פּאָעטישן מאָדערניזם. דאָס איז דער אמת פון זיין פילן און פון זיין אויסדרוק, ווייל הלל שאַרגעלן גייט קודם־כּל

אין אַרויסברענגען זײַן געדאַנק און די שפּירונג אַרום דעם געדאַנק. דאָס איבעריקע — בילד, ריטעם, מוזיקאַלישקייט — זענען כּאילו בײַזאַכן. דעם תּמצית פון זײַן געדאַנק און מיין געפינען מיר שוין אין די ערשטע פיר שורות פונעם ליד („כ׳וואָלט״) וואָס עפנט די לידער־זאַמלונג:

אַנצינדן ליכטער אין איינזאַמען טונקל
און זינגען אַ ליד.
ווײַל געניט אין דער נויט
ווייס איך די פּײַן פון פאַרשעמטן.

די „פּײַן פון פאַרשעמטן״, ווײַל „געניט אין דער נויט״, פאַרנעמט אַ ביז גאָר קענטיק אָרט אין זײַנע לידער. כאָטש מיט צאַרטקייט און איידלקייט האָט ער אויסגעכאַוועט אַזאַ טיפן געפיל און פאַרבונדנקייט צו דער אַרומיקער שיינקייט, פון פעלד און בוים און בלומען:

דאָס נפש פון וואַלד איז פאַרטראַכט,
אַ בוים ברומט בלחש אַ ניגון,
אַז אַ שטערן ווינקט אָן אין נאַכט.

דערגייט צו אים אָפט מאָל וויניקער דער „לחש פון ניגון״, ווי ס׳דערגייט און ס׳באַווירקט אים דער ווירוואַר פון צײַט און דער קאָנפליקט פון מענטש און סביבה. דאָס איז דווקא אַ מעלה פאַר אַ דיכטער, וואָס באַהאַלט זיך ניט צווישן פאַרביקע קוסטעס און געבלימלטע ווערטער, נאָר נעמט אויף אין זײַן ליד די ווידעראַנאַנדן און פאַרלויפענישן פון אונדזערע טעג. אויב דער דיכטער איז אַ דיכטער, ווערט דאָס ליד חלילה ניט קיין כראָניק־דאָקומענטאַציע אין פערזן. להיפּוך, דאָס אַקטועלע פון אונדזער מיט באַקומט לעבעדיקן אויסקלונג, ווײַל עכטע, דורכגעלעבטע שאַפערישקייט איז שטאַרקער און דויערנדיקער ווי פאַרצייכנטע פּרקים געשיכטע.

ניט אַלע מאָל געלינגט אים אויפצוהאַלטן דאָס ליד אין דער ראַם פון דיכטערישער פּערפעקציע, אפשר דערפאַר אויך ווײַל ער מײַדט אויס, ווי מיר

דאַכט זיך, צו זײַן אוממיטלבאַר און װײַזט אַרויס אַ נטיה צו פילאָסאָפירן און צו פונאַנדערוויגן מחשבות דאָרט וווּ געפיל און שטימונג, פשטות פון וואָרט און בילד וואָלטן דאָס ליד געמאַכט פאַר אונדז נעענטער, וואַרעמער און פאַרשטענדלעכער. אָבער אַפילו אַזוי, האָבן מיר פאַר זיך אַן אינטערע־סאַנט בוך מאָדערנע לידער און פאָעמעס, וווּ עס אַנטפּלעקט זיך דאָס אייגנ־דיקע קול פון אַ דיכטער, וואָס טראַקטירט אַנדערש דעם פּאָעטישן נוסח, איז צעקריגט מיט אָנגענומענע פאָרמען און צעשטורעמט שיר ניט די שרײַב־טראַדיציע. נאָר נישקשה, פאַראַן צענדליקער שיינע און רירנדיקע לידער אינעם בוך, וואָס ווירקן זיך אויס מיט ווייכן טאָן און טרעפלעכן אימאַזש, ווו די שפּראַך בינדט זיך אויס מיט געדאַנק און געראָטענער טאָנירונג.

קלאָר אין אויסדרוק און בילדעריש געפורמעט זענען זײַנע לידער צו און פון ארץ־ישׂראל. דאָ דאָמינירט מער דאָס ממשות פון פּייזאַזש, דער קלימאַט איז דאָ וואַרהאַפטיקער, די לופט דורכזיכטיקער און לויטערער, ווי עס באַצווינגט אים אַליין צו זען:

הייב אויף דײַנע אויגן און זע!
פון ווײַטן זענען אַלע מיר געקומען,
דײַנע ברידער און שוועסטער,
פון צפון
און פון דרום.
דער גלות־טורעם אויף די וואַכן שטייט —
אַ פײַערדיקער ריז —
ער וואַרפט מיט פלאַמען וואַרפט ער
און מיט שווערדן אויף מרחקים.

פאַראַן דאָ אַ שפע פון פאָלקסטאָן און פון נאַוואַטאָרישן דיכטערישן אויסדרוק און עס געדײַען בײדע צוזאַמען און שאַפן אויף דעם קלימאַט פון ליד. אַזוי אין דעם ליד „צו ישׂראל" און אַזוי אין אַ צאָל אַנדערע לידער, אָט ווי אין „די ברכה פון ערד", וואָס ווייעט מיט פשטות און אמת און לאָזט אונדז פילן דעם ציטער פון סכנה און לויערונג אויף אונדזער מי, אויף אונדזער קיום:

אבר הם ליס

די ברכה, די לויב און דער ליבנדיקער בליק,
דער הימל, די שיינקייט, דאָס מענטשלעכע גליק.
דער פרילינג, דאָס גרינס, דער רעגן, די לופט,
דער מײַ און די פרײַהייט, דער רויש און דער דופט.
אַ וועוויריק, אַ גרעזל, אַ העזעלעס שפרונג,
אַ בין, אַ פייגעלע, אַ שמעטערלינגס זשום,
אַ קעלבלס אַ מעקע אין מיטן דעם פעלד, —
דאָס הענגט איצט פאַרציטערט אין חלל פון וועלט,
דאָס הענגט איצט אין פחד, און אומפאַלן גרייט,
ווײַל עמעץ אַ שווערער, אַ פינצטערער גייט.

אינעם בוך קומען אויך, פאַרשטייט זיך, אַרײַן די פּײַן־און יסורים־טענער אויף אונדזער אומגעבראַכטער ייִדישער וועלט פון דאָרט, וואָס רופן זיך אָפּ אין דעם גערעאַנגל פאַר אונדזער לעבן און זײַן דאָ.

מ׳האָט שוין ניט איין מאָל געזאָגט: אַ ליד פון אַ דיכטער איז אַ פראַג־מענט פון זײַן לעבנסוועג. אַ בוך פון אַ דיכטער איז צו מאָל אויך זײַן אויטאָביאָגראַפיע.

די זאַמלונג לידער „אַ בוים אין פענצטער״ מאַניפעסטירט פאַר אונדז דעם גאַנג פון זײַן מחבר אין אַלע זײַנע צווייפלען, געראַנגלען, פאַנטאַזיעס, אַנטוישונגען און פיבערדיקן האָפן, און ער זעט עס אין אַזוי פיל בלוי בײַם אָפענעם פענצטער — —

אין די לעצטע צוויי שורות פון זײַן שלוסליד „פון ווו דו וועסט קומען״, זאָגט ער:

ווען איבער וועגן, אין בלוי פון חלומות,
אין ליכט פון געבוי.

זאָל ער טאַקע זוכה זײַן צו גיין און גיין אין ליכט פון געבוי, אינעם בלוי פון שיינעם חלום.

הירש אָשעראָוויטש

„צווישן בליץ און דונער"

מיט אַ געפיל פון סאַטיספאַקציע און מיט אַ באַזונדערער ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער באַטאָנונג צייכענען מיר אָפּ דאָס ווערק פונעם דיכטער הירש אָשעראָוויטש. די סאַטיספאַקציע, — ווײַל אָט אָקערשט האָבן מיר אים אויפגענומען ווי אַ נײַ־געקומענעם, ווי אַן עולה־חדש. מיר האָבן זיך געפרייט מיט נאָך אַ געקומענעם שאַפער פון דאָרט, און ער אַליין, ער אַליין האָט שטיל און ביחידות אויסגעטראָגן אַלע שוועריקייטן און קלעמענישן, וואָס אַ נײַער עולה — און דערצו אַ ייִדישער שרײַבער־עולה — האָט אויסצושטיין.

און אַזוי — צווישן אַ יאָ מיט אַ ניין — „צווישן בליץ און דונער" האָט ער באַוויזן אונדז צוצוטראָגן אָט די אײַנזאַמלונג פון זײַנע לידער, וואָס איז אי גרויס אין כמות, אי ווערטיק אין איכות.

שוין העכער צוויי צענדליק יאָר שטייען מיר אין באַוווּנדער פאַר דער פענאָמענאַלער, אייגנציקאַרטיקער דערשײַנונג פון דעם נסימדיקן המשך פון דער ייִדישער שאַפונג, פון דער פּאָעזיע און פּראָזע.

אונדזער ייִדישע וועלט איז אַזוי מאָוימדיק געטראָפן געוואָרן, אַזוי ביטער, און דאָך וואָס פאַר אַ דערגרייכונגען אין דער וואָרטקונסט, אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די צאָל ייִדישע שאַפערס איז גאָר ניט אין קיין שום פּראָפּאָרץ צו ייִדישע לייענערס. אָבער דער ייִדישער שרײַבער פילט די שליחות, וואָס ליגט אויף אים, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אים. און ער שאַפט מיט דעם ניגון פון נעכטן און הײַנט, פאַר זײַן דור און פאַר דורות שפּעטער.

אָפט מאָל הערן מיר טענות, און צו מאָל גערעכטע טענות, צי איז די ביכער־פּראָדוקציע ניט קיין צו גרויסע לגבי דעם באַדאַרף, לגבי דער נייטיקייט, לגבי דער צאָל לייענער הײַנט? מעגלעך, אַז מיט אַ ניכטערן קוק און לאָגישן אָפּשאַץ וואָלטן מיר באַדאַרפט זאָגן: יאָ, עפּעס שטימט דאָ ניט... עפּעס ווערן צו פיל ביכער אַרויסגעגעבן. דערצו אַזעלכע וואָס גיבן לחלוטין גאָרניט צו. עס דערשײַנען ביכער, וואָס בײַ אַן אַנדערער — מער אָרגאַניזירטער מערכה צווישן שרײַבערס און לייענערס, צווישן שרײַבערס און

אַרויסגעבערס, וואָלט דער מצב געווען אַן אַנדערער. אָבער ניט וועגן דעם וועל איך, פאַרשטייט זיך, מאַריך זײַן. בלײַבן וועלן די ווערטיקע. בלײַבן וועלן די ביכער, וואָס טראָגן דעם הויך פון אמתן וואָרט, דעם מהות פון עכטקייט און אמתדיק קינסטלערישן אויסדרוק — בלײַבן וועט ליטעראַטור.

און פון די בפירוש זעלטענע פּאָעטישע ווערק, וואָס זענען דערשינען פאַר דער לעצטער צײַט בײַ אונדז אין לאַנד, געהערט דאָס בוך פון הירש אָשעראָוויטש „צווישן בליץ און דונער".

איך ווייס ניט פאַר וואָס דאָס בוך, אָט די היקפּדיקע לידער־זאַמלונג טראָגט אַזאַ נאָמען. געוויס האָט דער דיכטער זײַן מיין, ס׳איז דיקטירט פון זײַן געפיל און פּאָעטישער שטימונג. מעגלעך אויך, אַז דאָ האָט באַווירקט גראָד זײַן געזעלשאַפטלעכע און אינטימע דורכגעלעבטקייט — צווישן בליץ און דונער.

ער האָט דאָך דורכגעמאַכט און דורכגעלעבט אויפציטערנדיקע און אויפ־רודערנדיקע געשעענישן, און די לידער, וואָס קומען אַרײַן אינעם בוך, ברענגען פאַר אונדז אַ ברייטערן אָפּשניט פון אָשעראָוויטשעס דיכטערישער מי און פון זײַן פּאָעטיש געמיט — אַ סך מער ווי בלויז די גאָרע אָנגעלאָדנ־קייט „צווישן בליץ און דונער". אין אַ זיבן־שורהדיק ליד, וואָס הייסט „וועלט", זאָגט אָשעראָוויטש אַזוי:

וואַקסן ביימער צוויי בשכנות.
איינער טראָגט די פּרוכט פון לעבן,
און דער צווייטער — פּרוכט פון וויסן.

אָט די ביידע עלעמענטן: די דורכגעגאַנגענע אַל די נסיונות פון לעבן און זײַן טיפער קלאָרער וויסן, באַהויכט און באַווירקט פון זײַן דיכטעריש וועזן, פורעמען און שאַפן זײַן ליד, — וואָס פאַרמאָגט פּיקחות, לעבנס־חכמה און דעם פּיבער פון צײַט און אינטעלעקטועלן געמיט און אַ באַזונדערן אייגנדיקן טאָן. איך אַקצענטיר בפירוש: אַן אייגנדיקן, איינציקאַרטיקן טאָן — ווײַל מקורותדיק איז די פאָרעם זײַנע און אַנדערשדיק זענען דער קאָליר און ניגון פון זײַן ליד.

ער איז ניט גראָד דער מעלאָדישער דיכטער, וועמענס ליד עס לייענט זיך לײַכט און ריטמיש און שפּרייט זיך מיט ווייכקייט און צויבערוואָרט. להיפּוך, אָפט מאָל האָסטו דעם אײַנדרוק ווי ער וואָלט עס בכוונהדיק אויס־געמיטן, ווי ער וואָלט באַוווסטזיניק אָפּגעווענדט דעם גאַנג און ריטעם פון ליד — אויף אַן אַנדער טאָן און נאָטע — ווען ער דערשפּירט נאָר אַז עס דערגייט צו אַ שווין באַקאַנטן קלאַנג, צו אַן אויסגעפּרוּווטער אָנגענומענער מעלאָדישקייט. אָבער אַ ניגון האָט זײַן ליד. ס׳איז אַשעראָוויטשעס אייגנ־דיקער עמקותדיקער ניגון, וואָס זײַנע וואָרצלען שטעקן טאַקע אין דער נעכ־טיקער, פאַרגאַנגענער חרובער היים אין ליטע. דער ניגון האָט זיך געפורעמט סײַ אין דעם אומעט, סײַ אין דעם גלויבן, און שפּעטער אין די טראַגישע פּײַנפולע איבערלעבונגען און ביטערע לעבן־אַנטוישונגען. זיי האָבן געהאַט זייער באַשטימונג, און ס׳איז געוואָרן דער תּוך פון זײַן שאַפן. דאָס איז דער אינהאַלט און תּמצית פון זײַן ליד. אָבער אַשעראָוויטשעס דיכטערישער נוסח און די פאָרעם פון זײַן ליד איז נײַ און אַנדערשדיק.

ס׳איז ניט נאָר דער הײַנטצײַטיקער מאָדערנער פּאָעטישער אויסדרוק. איך וואָלט אַשעראָוויטשעס דיכטערישע נוסחאות זיך דערלויבט צו פאַר־גלײַכן מיט די פאָרמען פון מאָדערנער מוזיק, וואָס איז מוזיקאַליש רײַך, וואָס פאַרמאָגט בונטפאַרביקע טענער און איז קאָנטערווערסאַל אין זײַן קאָמ־פּאָזיציאָנעלער פאַרבינדונג און שטײַגערונג.

אין סך־הכל וויל איך פּרוּוון אָנווײַזן אַז אַשעראָוויטש האָט דערגרייכט אַזעלכע טענער, יחידותדיקן נוסח, וואָס באַווירקט און אַפּעלירט מיט דער נײַיקייט און מיט פרישקייט פון וואָרט, מיט פרישקייט פון אימאַזש און אויסדרוק.

וואָס נאָך? זײַן מאָדערניזם געהערט ניט צו דעם צווײַג פון אומפאַר־שטענדלעכער (אַבסטראַקטער) פּאָעזיע. פאַרקערט, ס׳איז אַ מאָדערניזם וואָס איז פרײַ פון מאַניר און אָטעמט מיט וואָר און גוטער פשטות און אוממיטל־באַרער שפּירונג. און מען גלייבט אים און מען פילט זײַן אמת:

נעם איך זיך אַליין אָן פאַר די הענט
און איך גיי אַ קאַראַהאָד מיט זיך.

אברהם ליס

מײַנע יונגע יאָרן — אויסגעברענט,
אָן אָרומגעסמאַליעטער — מײַן איך.

פון דעם דורכגעגאַנגענעם צעבראָנדיקטן וועג, מיט דעם ווייטיק אויף די אידעאַלן וואָס זענען צעשטויבט געוואָרן, מיטן צער אויף אַ גלויבן, וואָס איז געוואָרן צו פרוך און פאָרעך, מיטן טרויער אויף דער אַמאָליקער היים, וואָס איז ניטאָ מער — ברענגט ער פאַר אונדז זײַן שפּירעוודיק, פיבערדיק ליד, וואָס ער האָט געשריבן לרוב אין ווילנע, אין דעם צײַטאָפּשניט וואָס הייסט בײַ אים „צווישן בליץ און דונער״.

זײַן דיכטעריש געמיט איז ווי אויסגעטובלט אין אונדזער שווער גע־פּרוווטער תּקופה און ער פילט אָפּ אַל די פאַרלויפּענישן פונעם הײַנט און פון ווײַטלעכן נעכטן. און ער איז ווי אַרויס אַ גאַנצער, אַ געלײַטערטער, אָן אויסגעפּרוווטער אינעם טיגל פון אונדזער ייִדיש־טראַגישער און העראָ־ישער צײַט. עלעהיי, ווי ער באַזינגט די פיר וואָס זענען אַרײַן אין פּרדס און איינער פון זיי — דער פאַראייגנטער רבי עקיבא:

גרויסער תּנא רב עקיבא —
פּאַסטעך, לערנער, צדיק, מנהיג,
מיט דײַן בליצנדיקן מוח
און די פאָרשנדיקע בליקן,
ביסט אין סאָד אַרײַנגעדרונגען
און צוריק אַרויס בשלום,
ווי וואָלסט ניט געווען גאָר דאָרטן.
אָ, ווי זעלטן, רב עקיבא,
עס גיט אײַן זיך זײַן, ווי דו!

די דאָזיקע אגדהשע געשטאַלטן, ווי „די פיר וואָס זענען אַרײַן אין פּרדס״, פאַרהיימישט ער מיט זייערע טוונגען — און זיי ווערן אונדז נאָענט מיט זייערע כּוונות, מיט זייערע לײַדנשאַפטן, מיט זייער סוד און מיט זייערע חטאים...

דער לידער־אָפּטייל ווו די ציטירטע שורות קומען אַרײַן טראָגט דעם נאָמען: „צווישן די מילשטיינער פון קידער־ווידער”. ס׳איז דער קידער־ווידער מיט זיך, קידער־ווידער מיט דער צײַט, מיט דעם אַרום, מיט דער משונה־דיקער וועלט. און אַזאַ דינע איראָניע און צאַרטע סאַטירע באַגלייטן די האַרבע, אָבער אויסגעשליפענע פערזן. ס׳איז משמעות אַ גערעטענע לייזונג, וואָס העלפט צו אַנטשפּאַנען דעם אינערלעכן אויפּברויז און באַקומט דאָך אַ צילבאַוווסטן אויסקלאַנג, אַ שטייגער:

וועז דער גרויסער גלאָק ט׳געקלונגען,
איז שוין ניט געווען פּאָר ווענען, —
איין העלפט איז געווען אַ טויטע,
און די צווייטע העלפט — אַ טויבע...

קיינער פון די אַלע וואַרטערס
ניט געווען איז מער אַ הערער, —
איין העלפט איז געווען אַ טויטע,
און די צווייטע העלפט — אַ טויבע...

דאָך דער גלאָק, ער האָט געשטורעמט,
הויך געשאַלט די העלע בשורה
— — —
ווי צו אַזאַ בשורה־טובה,
וואָס נאָר טויטע טרעפט און טויבע!

דאַכט זיך, אַז עס איז איבעריק צוצוגעבן אַ פּירוש צו דעם ליד, וואָס עס איז אויסן און וועמען עס מיינט. און גראַד מיט אַזאַ ביטער איראָניזירנדיקן אופן טרעפט ער אין סאַמע מיט פון די כלומרשטע רעהאַביליטאַציעס. ס׳איז דער „ווי און ווינד” אין דעם לאַנד פון אַמאַליקע האָפענונגען.

איך האָב שוין אויסדריקלעך אַקצענטירט די אַנדערשקייט און אייגנ־דיקייט פון אַשעראָוויטשעס דיכטערישן אופן, פון זײַן שפּראַכפּאַרעם און

פּאָעטישן סטיל. אַפילו אַזאַ מאָטיוו ווי „איינזאַמקייט״, וואָס אָט דער עלעמענט איז אַזוי שטאַרק פאַרטראָטן אין דיכטונג און איז לרוב באַגלייט און באַהויכט מיט ווייכקייט און געפילפולן פלאַסטער, באַקומט ביי אים אויך אַן אַנדער ווענדונג און קלימאַט, עפּעס אַזאַ מענעריש קרעפטיקן טאָן:

קום זשע צו גיין צו מיר, גאַסט ניט־געזעענער,
קום און דערצייל וועגן צייט ניט־געשעענער.
מיין ניט, ס׳גייט אָן מיך, ס׳זאָל דווקא טשיקאַווע זיין.

ניטאָ ביי אַשעראָוויטשן דאָס אויסבריינען נשמה־שטימונגען, דאָס מאַכן אַ פּעטיש פון געדריקטקייט. אויך די איינזאַמקייט האָט ביי אים אַ ווילן: „כ׳זאָל אין מיין דמיון כאָטש זיין אַ באַגאַסטיקטער״.

און אָט ווי בילדעריש אָריגינעל ער זעט, אין זיין אומעט, דעם מענטשן אין דער הייַנטצייַטיקער מערכה:

אַ האַלבע וועלט אין שאָטן שטעקט,
די צווייטע העלפט — הינטער אַ כמאַרע,
און מענטש שלעפּט אום זיך
ווי אַ צוגעקילטער פידל,
וואָס אָנגעוואָרן האָט זיין קלאַנג
און איז ביים אויסזען נאָר געבליבן.

סאַראַ פּאָעטיש מקורותדיקער פאַרגלייך: „מענטש שלעפּט אום זיך ווי אַ צוגעקילטע פידל״.

אַשעראָוויטש איז אַ מייסטער אין אויפשאַפן אַזעלכע פאַרגלייכן־סימבאָלן. ער איז בכלל אַ מייסטער אין איינער אַ שורה, אין עטלעכע שורות דיכטעריש אויפברענגען בילדער און אימאַזשן ווו די מאָטיוון ווערן סיי פאַרטיפט, סיי אַזוי גרייַלעך נאָענט.

אגב, ער באַנוצט זיך ניט, אַשעראָוויטש, מיט קיין צוגעקליבענער, פּאָעטיש־לירישער שפּראַך. פאַרקערט, אַלע יידישע ווערטער זענען גום ביי אים,

זענען פּאַסיק פאַר זײַן ליד, אַפילו אַזעלכע וואָס זענען אין פלוג יוצא־דופנדיק; ווערטער פון וואָכיקער רעדשפּראַך.

און מאָדנע, דווקא אַזוי לעבן זיי אויף און באַקומען סובטעלן, ליִרישן אויסדרוק אין קאָנטעקסט פון דעם מאָטיוו און טעמע, אין דער אַטמאָספער וואָס קומט אויף.

דאָ פילן מיר ווידער אַ מאָל אַזוי לויטער דעם באַטײַט און די קראַפט און די שיינקייט פון וואָרט, ווען דאָס וואָרט ווערט קאָמפּאָנירט און געבונדן און פאַרפלאָכטן מיט עכטער איבערלעבונג און עכטער שטימונג. למשל, אָט די שורות פונעם ליד „דער זקן״:

> וואָלקנדל צאַרטס, ווי דער ציכטיקסטער טוי,
> וואָלקנדל ליכטיקס, ניט אײַל זיך אַזוי,
> אויך איך האָב, ווי דו, רק אַן ערגעץ געגאַרט,
> איז וואָס זשע, אָט זיץ איך צעקנייטשט און פאַרשטאַרט.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַגב, ווי די נאַטור, פעלד און טוי און בוים און קאַיאָר און זונפאַרגאַנג, אָט די ברייטע נאַטור־פּאַנאָראַמע פירט ער אַרײַן בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפל עס איז אים נייטיק אַרויסצוהייבן — און בולטער צו מאַכן — דאָס כאַראַקטעריסטיש מענטשלעכע; אַרויסצופורעמען בולטער קאָנפליקטן, שטימונגען און ווידעראַנאַנדן. ניטאָ ביי אים כמעט קיין נאַטור־שילדערונג לשם שילדערונג. דער געדאַנקלעכער עלעמענט האָט אַלע מאָל די אייבערהאַנט. די מחשבה דאָמינירט און באַוועלטיקט ניט נאָר דעם הויכפּונקט פון ליד, נאָר צו מאָל זײַן גאַנג און אַנטוויקלונג. עס באַקומט זיך, אַז געדאַנק און מחשבה איז דער הויפּטציל און הויפּטצוועק פון זײַן ליד. דאָס איז דער וועג פון אינטעלעקטועלער פּאָעזיע.

און אָט די דיכטונג קענטיקט זיך אַזוי אויס אין זײַן שאַפן, אין דעם מהות פון זײַן ליד און אַפילו אין דער פאָרעם און אין דעם געבוי פון זײַן ליד.

און זײַן ליד אָטעמט מיט היַינטיקייט, מיט מענטשלעכער ווערדע און מיט נאָראַטיוון רייץ. טשיקאַווע, ווי אָפט זענען שוין די ערשטע, צי די צווייטע פיר שורות, און דאָס אויך — פון אַ גרעסער ליד — דער תמצית,

צי אַפילו דער סך־הכּל פונעם ליד. אין אָט די פיר שורות האָט ער שוין אַלץ געזאָגט, און שיין געזאָגט, פּאָעטיש און געשליפן. און מיט אַן אָנציִענדיקער געדאַנקלעכקייט, וואָס לאָזט דיר אַלע מאָל ניט נאָר פאַרגעדענקען די שורות, נאָר נאָכטראַכטן.

אַ שטייגער:

דאָס אמתדיקע גליק, איז בלייַבן קאַלט צו גליק:
דערזען די גרויסקייט פון דער וואָר דער ניט־דערשאָצטער
און מסכּים זייַן דערמיט, וואָס דו ביסט בלויז אַ בריק —
אַ בריק, וואָס אונטער שווערסטער לאָדונג ניט געפּלאַצט האָט.

אָדער אַזעלכע פיר שורות, מיט אַן אַפּאָריסטישן אונטערטאָן:

און געוויס, און געוויס קומט דאָס בייז, פּונקט ווי קראָפּעווע אויף,
און דאָס גוטס דאַרף מען זייען און כאָווען.
סאָ פאַר וואָס, סאָ פאַר וואָס איז אונדז, זינדיקע, פרעמד
די התמדה פון פלייַסיקן גערטנער?

און נאָך פיר אָנהייב־שורות פון אַ פינף־סטראָפיקן ליד וואָס הייסט „איך וויל ניט״:

פון ערגעץ גייט אויף אַ פאַרלאָשענע שייַן.
ווי קען עס אַ שייַן, וואָס פאַרלאָשן איז, אויפגייַן?
כ׳בין ווי אין אַ הייַנט, אין מייַן נעכטן אַרייַן,
און כ׳ווייס ניט, עס איז אַ פאַרזען צי אַן אויפטו?

איך וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך אַ צאָל מוסטערן פון די ערשטע סטראָפן פון לידער, ווו די אָנהייב־פיר־שורות אָנטפּלעקן שוין ניט נאָר דעם דיכטערס מיין און זייַן עיקר־געדאַנק, נאָר זיי שליסן זיך באַלד אָפּ ווי אַ סך־הכּל. און די ווייַטערדיקע סטראָפעס, הגם זיי זענען אָן ספק פון פּאָעטישער קוואַליטעט, — זעען זיי דאָך אויס ווי באַשאַפענע באַגלייטער.

וואָס וויל איך דערמיט אויסברענגען? וואָס וויל איך באַווייַזן? איך וויל זאָגן דערמיט, אַז דאָס איז משמעות דער גורל צי דער זין פון אויסדריקלעכער,

גערדאַנקלעכער, פון אינטעלעקטועלער פּאָעזיע. און אָשעראָוויטשעס שאַפן איז אַזאַ. ער איז אָן ספק אַ פּאָעט פון אינטעלעקטועלן געמיט, כאָטש ער זאָגט אַזוי ציטערדיק דין:

וויִ דער פויגל זינגט,
אַליין ניט וויסנדיק פאַר וואָס,
ווי עס ווינקט דערקוויקנדיק
מיט טראָפּנדלעך באַגינען־טוי דאָס גראָז,
ווי די נאַכט
(כאָטש זי אַליין בלייבט אומגעזען)
פּוצט זיך אין שטערן־פּערל אויס,
ווי די זון
חזרט זיך איבער
אויך אין שויב פון נעבעכדיקסטן הויז,

פּונקט אַזוי
קומט פּלוצעם אינעם האַרץ אַריין
אַן אויסגעמיש פון גלעט און שניט —
עפּעס אומדערקלערלעכס,
וואָס מען רופט עס: ליד...

קען נאָך זיין אַ גערעטענערע דעפיניציע וועגן ליד, פון די מקורות און די רעגונגען פונעם דיכטערישן ווען? און דאָך, דאַכט זיך, באַוועגן און רעגן אָשעראָוויטשן אויך אַנדערע טענער. צו מאָל געזעלשאַפטלעכע, נאַציאָ־נאַלע, סאָציאַלע, פאָלק און וועלט און מענטש. און פון די מאָטיוון זענען דער רוב לידער אין אָט דעם אימפּאָזאַנטן, פאַרנעמיקן און ווערטיקן בוך. אָט די לידער און פּאָעמעס וואָס באַווירקן אונדז מיט זייער אָריגינאַליטעט, מיט זייערע טענער און פאָרמען, וואָס קומען אויף פון אַן אייגן־פּאָעטישער ספּערע.

עס וואָלט געווען אַן עוולה ניט צו דערמאָנען — כאָטש דערמאָנען —

דעם ציקל פּאָעמעס „אַזוי איז געגאַנגען דער מענטש״. די איינדרוקספּולע, גראַנטענע פּאָעמעס „אַברהמס קרבן״, נאָך דער עקדה״, „שאול״. באַזונדערס „אַברהמס קרבן״, די ברייט אָטעמדיקע, פּאַסטאָראַלע פּאָעמע, וואָס איבער איר הויערט אויך ה. לייוויקס יסורימדיקער ווייטיקדיקער אויסרוף: פּאַר וואָס, פּאַר וואָס האָט דעם מלאכס האַנט זיך ניט באַוויזן דאַן, ווען אַ גאַנץ פּאָלק איז געבראַכט געוואָרן אויף דער עקדה?

אָבער לאָמיר מיטגיין מיט די סוף־שורות פון דער פּאָעמע:

ס׳גייט אויף די זון.
ס׳גייט אויף מײַן מוט.
ס׳גייט אויף די זון אויף צו פאַרגיין,
מײַן מוט גייט אויף צו שײַנען אייביק.

זאָל ער אָפּפילן, הירש אָשעראָוויטש, זאָל ער דערזען און אויפנעמען דאָ די בונט־פאַרביקע שטראַלן פון רעגן־בויגן פון אַ נײַעם „צווישן בליץ און דונער״.

„געזאַנג אין לאַבירינט״

ס׳איז אַ גראַנטענער, טרעפלעכער נאָמען פאַר אָט דעם היקפּדיקן לידערבוך — „געזאַנג אין לאַבירינט״. וואָלט ער געווען אַ פּראָזעבוך, וואָלט דאָס בוך געקענט גריילעך הייסן — „בלעטער פון אַ לעבן״, אָדער „געזאַנגען פון אַ לעבן״, און בפירוש פון אַ לעבן, און ניט נאָר פון זײַן, דעם דיכטערס לעבן. ווײַל כאָטש דאָס בוך טראָגט אין זיך צו מאָל אַ יחידיש־פּאָעטישן אויסדרוק, אַן אויסדרוק פון דעם דיכטערס — פון אָשעראָוויטשעס טראַכטן און פילן, פון זײַנע מהותדיקע גראַנגלען, פון זײַן אייגנדיקן אומעט, פון זײַנע ספקות און שטימונגען, זענען אָבער אָט די אַלע וועזנטלעכע דיכטע־רישע עלעמענטן, ווי זײַנע אַרויסגעבראַכטע פּאָעטישע רעאַגירונגען, טיפּיש און בפירוש כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ גאַנצן דור קינסטלערס, דיכטערס און אינטעלעקטואַלן, וועלכע האָבן אין ליכט פון די וואָריקע פאַרלויפּעניש פון

אונדזער צײַט אויך מיסגעמאַכט אָדער אָפּגעפּילט אַט די גאַנצע טרויעריקע מאַזאַיִק פון ווײי און געדרענג, פון צווייפלען און פון געשפּאַנטע באַגערן צו באַפרײַונג, — געטראָגן אין זיך אין די יאָרן פון פּײַנלעכער דערדריקונג דעם שאַרפן ווילן צו באַנײַען, פרײַען לעבן.

ס'איז אַ זכות, און אַ קינסטלערישע מדרגה, ווען דעם דיכטערס אייגנ־טימלעכע, אינטימע וועלט ווערט דיר אַזוי נאָענט און די פּילסט — די מאַ־ניפעסטאַציע ניט בלויז פון דעם שאַפער — ווי אין זײַנע איבערלעבונגען איז קולמינירט דער אָפּהילך און דאָס געמיט פון דור און צײַט. כאָטש פּאָעזיע — אַט די שענסטע, אויסדרוקפולע קונסט פון אַלע אונדזערע קונסטן — און זי איז דאָך אין תוך די סאַמע אינטימסטע, זי איך דאָך די געגעזע פון סאַמע פּערזענלעכן אויסדרוק — איז דער ווערט און די וָוער־טיקייט פונעם ליד נאָך שטאַרקער און ווירקנדיקער, ווען דו זעסט זיך אַליין, ווען דו פילסט זיך אַליין — לייענענדיק דאָס ליד — ווי אַ טייל פון דעם קאָנגלאָמעראַט, פון דעם דיכטערס אַרויסגעהויבענעם מאָטיוו. זײַן ליד ווערט דיר נאָענט, זײַן געדאַנק ווערט דיר נאָענט, זײַן דורכגעגאַנגענער וועג ווערט פאַר דיר ווי אַ באַקאַנטער היימישער שליאַך. אָט דאַכט זיך דיר, אויך דו האָסט עס אויך אַזוי געפילט, אַזוי באַגערט, אַזוי געווייטיקט און אַזוי געהאָפט. — —

ניט מער? ער, דער דיכטער, האָט אַנטפּלעקט פאַר דיר דאָס, וואָס ערגעץ ווו האָט עס ווי געשלומערט אין פאַרנעפּלטקייט, זיגזאַגיק געשטאַלפּערט אין דיר און צו קיין תיקון ניט געקומען. — — איז געקומען דער פּאָעט מיט זײַן געפורעמטן וואָרט, מיט זײַן בילדערישן לשון, מיט דער פאַרביקייט פון זײַן פערז, מיט דער ריטמישקייט פון זײַנע שטייגערישע שורות און אַנטפּלעקט דאָס, וואָס האָט געהויערט אין דיר, וואָס האָט אַ מאָל אַ צוק געטאָן מיט אומרו און אַ מאָל פאַרלאָרן געגאַנגען אין גלײַכגילטיקער פאַר־געסנקייט. דאָס איז די עובדא פון קונסט, די עובדא פון גוטער פּאָעזיע: אַנטפּלעקן פאַר דיר — מיט דעם צויבער און כּישוף פון וואָרט — דאָס צו וואָס דו קענסט זיך אַליין ניט דערשלאָגן. כאָטש ערגעץ ווען, דאַכט זיך, ביסטו שוין אויף דעם וועג געווען און דו קענסט די טענער און דו דערקענסט די קאָלירן. — —

אַזאַ איז דאָס בוך פון הירש אָשעראָוויטש „געזאַנג אין לאַבירינט״. דעם לאַבירינט קענען מיר אַלע. אָשעראָוויטש האָט אים אָבער אָנגעפילט מיט אַן אָנלאָקנדיקן געזאַנג. אַ געזאַנג פון ייִדישן מענטש, פון ייִדישן דיכטער אין אונדזער אומעטיקן און העראָישן דור.

ס׳איז דאָס נײַנטע לידערבוך פון הירש אָשעראָוויטש. דרײַ פון זיי — אפשר די עיקרדיקע אין פאַרנעם און אין כמות — זענען דערשינען נאָך זײַן עולה זײַן אין ישׂראל. דאָ זענען אַרויס זײַנע לידער־זאַמלונגען „צווישן בליץ און דונער״, „אין דער וועלט פון עקדות״ און איצט, דער ברייט־פאַרנעמיקער בוך „געזאַנג אין לאַבירינט״. ס׳איז אַ גרויס בוך. אַוודאי איז ניט אַלע מאָל כמות אַ גאַראַנטיע פאַר קוואַליטעט, פאַר איכות. אָבער אין אָט דעם בוך — ווי אין די פריִערדיקע ביכער — קענטיקט זיך אויס די איכות־דיקייט פון אָשעראָוויטשעס שאַפן. איך נעם אָבער אָן, אַז ווען אָשעראָוויטש וואָלט ניט אין זינען געהאַט — און דאָס האָט ער מיר אַנומלט דערקלערט — אײַנצוזאַמלען אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן אין די פאַרשיידנסטע יאָרן און אונטער פאַרשיידענע באַדינגונגען (און זיי האָבן ניט ווייניק דיקטירט דעם טאָן און געמיט פונעם ליד), וואָלט ער זיכער מער אויסגעזיפּט און אויסגע־קליבן און וואָלט, אָן ספק, וואַכזאַמער געווען אין אויפהיטן די מדרגה פון פּאָעטישער גאַנצקייט.

אָבער ס׳איז צו פאַרשטיין די כוונה פונעם דיכטער. וועלנדיק דווקא אַרײַננעמען אַלץ, ווײַל גראָד אַזוי באַקומט זיך אַ פול בילד פון זײַן גאַנג דורך די שטעגן פון לאַבירינט, ווײַל גרײַלעך אַזוי דערקענען מיר און פילן אָפּ די באַזונדערקייט און אונטער וועלכער השפּעה און בײַ וועלכע באַדינ־גונגען די הונדערטער לידער און פּאָעמעס זענען געשריבן געוואָרן.

געוויס דערפאַר האָט ער אונטער יעדן ליד פאַרצייכנט דאָס אָרט און די דאַטע: ווו און ווען דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן. פאַר איינעם אגב, וואָס וועט וועלן אַנאַליזירן פּרטימדיק דאָס דיכטערישע שאַפן פון אָשעראָ־וויטשן וועלן אָט די דאַטעס־פאַרצייכענונגען קאָנען דינען ווי מײַלשטיינער אויפן שאַפערישן וועג פונעם דיכטער. און סע ווילט זיך נאָך אַ מאָל באַ־טאָנען, אַז דער דאָזיקער דיכטערישער גאַנג — וואָס איז פולשטענדיק אייגנדיק, ייִחידיש אין באַנעם און אין אויסדרוק — מאַניפעסטירט דאָך

פאַר אונדז די מאָזאַיִק פון אַלפּאַלקישן גאַנג און גורל פון אונדזער איצטיקן מידן דור. — —

אַשעראָוויטש בינדט אויס בריהדיק מחשבה און שטימונג, געדאַנק און געפיל, געפורעמט אין דער גוטער טויִקייט (אויף וויפל אַ דיכטער, אַן אַפּשטאַמיקער פון דער ליטווישער תּכליתדיקער וואָר איז מסוגל), אָבער ס׳איז גוט אַזוי צו פילן שוין אין די ערשטע לידער וואָס קומען אַרײַן אינעם בוך, אָט ווי אין ליד „אין טיפן פאַרנאַכט״, געשריבן דאָ אין לאַנד:

אין טיפן פאַרנאַכט ווערן בלוי די מחשבות,
צעצונדן די בענקשאַפט, פאַרלאָשן די פרייד.
פאַרפינצטערטע אויגן אין קרײַדענע צורות
געפינען אין גליווער געגאַרטן באַשייד.

זוכן באַשייד צו אַל דאָס געשעענע, פאַרלאָפענע, געטראָפענע, איבער־געלעבטע, איז דאָך דער אייפערדיקסטער ווילן פון אַיעדן, און אַוודאי איז עס דער באַגער פון קינסטלער און דיכטער. דער געגאַרטער באַשייד און דאָס זוכן דעם באַשייד פאַר זײַנע דורכגעגאַנגענע דערפאַרונגען, פאַר די נסיונות, פאַר די ביטערע אַנטוישונגען וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, זענען ווי באַגלייט־מאָטיוון אין זײַן ליד.

אַשעראָוויטש איז אַ טראַכטנדיקער דיכטער און אַן אינטעלעקטועלער מענטש, און אין זײַן שאַפונג הייבט ער ניט נאָר אַרויס פראַגעס און טײַט אָן אויף פּראָבלעמען, נאָר ער פּרוווט אויך לייזן לידעריש, דיכטעריש די צעשפּיצטע קאָנפליקטן פון אונדזער צײַט, כאָטש ער פילט די אומבאַ־האָלפנקייט:

איך ווייס, אַז מײַנע העלסטע טעג נאָך עפּעס פעלט,
די שעהען אויסגעלײַטערטסטע נאָך ווײַט זענען פון שלמות,
ס׳איז אונדזער וועלט — אַ ווונדערלעכע פעלערדיקע וועלט:
איך זיץ און שרײַב, און מעגלעך אַז כ׳פאַרמער נאָר שמות.

ווער ווייסט, ווי טיף איז ער, דער ברונעם פון דער צײַט.
און צי גאָר נייטיק איז אין אים אַ דנאָ געפינען?
איך בין אַזאַ, וואָס טיפקייטן מיט נידעריקייט גרינג פאַרבײַט,
פאַרמיש איך דאָך געוויס אויך בענקעניש מיט קלאָרן זינען.

מען טאָר ניט מעסטן זיך מיט דער געניויער וועלטנמאָס,
און ערגער נאָך עס איז די וועלט מיט זיך צו מעסטן.
ווער ס׳גייט און ס׳אַרט אים ניט, וואָס ער צעטרעט פריש גראָז,
צו וואָס זשע דאַרף ער אויסמײַדן אַ טראָט אַ פעסטן.

איך בין ניט פון די אָנהענגערס פון דער שיטה — וואָס לאָזט זיך אַרײַן אין צעגלידערן און אַנאַליזירן יעדן באַזונדערן וואָרט און שורה פון אַ ליד. דאָך מוז איך זיך אָפּשטעלן מיט עטלעכע באַטאָנונגען אויף דעם דאָזיקן ליד. מחמת, ווי מיר דאַכט, מאַניפעסטירט גרײַלעך אָט דאָס ליד דעם מהות פון אַ גרויסער צאָל מאָטיוון וואָס זענען אָן ספק כאַראַקטעריסטיש פאַר אָשעראָוויטשעס אינערלעכער וועלט, פאַר זײַן פאָעטישער געגעזע. לאָמיר נעמען אַ שטייגער און אויספּרוּוון עטלעכע שורות און זיך צוהערן נאָך אַ מאָל צו זייער באַטײַט און אויסקלאַנג.

„די שעהען אויסגעלײַטערטע נאָך ווײַט זענען פון שלמות". ס׳הייסט אַז אַפילו אין דער אויסגעלײַטערטקייט, אין דעם עלעהיי פאָזיטיוון איז נאָך אַלץ ניט פאַראַן קיין גאַנצקייט. פאַרקערט, עס טײַט אָן פאַר אונדז דעם אומרו און געהויער... און אָט זאָגט ער דאָך טאַקע אַ שורה ווײַטער: „ס׳איז אונדזער וועלט — אַ וווּנדערלעכע פעלערדיקע וועלט". און נאָך דעם קומט ער צו דער טרויעריקער מסקנא: „איך זיץ און שרײַב, און מעגלעך אַז כ׳פאַרמער נאָר שמות". אָט דער צווייפל אין דער וועלט פירט אים צום אייגענעם צווייפל, צום צווייפל אין זײַן דיכטערישער טווּנג. און ווײַטער: „מען טאָר ניט מעסטן זיך מיט דער געניויער וועלטנמאָס, און ערגער נאָך עס איז די וועלט מיט זיך צו מעסטן".

אַוודאי האָבן שוין דיכטערס מיט דורות צוריק געפילט אַזוי און עס אויסגעדריקט מיט צעצונדענעם פיבער. אַזוי דער טראַגישער איינציקאַרטיקער

דיכטער אַרטור רעמבאָ, און אַזוי מאַיאַקאָווסקי און רילקע און קאַפקאַ. ניט מער, צו אָט דעם פילאָסאָפיש־דיכטערישן באַנעם קומט נאָך צו די ייִדישע ווירקלעכקייט, קומט נאָך צו דער גורל פון ייִדישן מענטש, פון דעם ייִדישן דיכטער וואָס האָט אויף זײַן אייגענעם לײַב און לעבן אָפּגעפילט די יסורים־דיקע אַנטווישונגען אין דעם אין וואָס מ׳האָט אַ מאָל געגלייבט, אין וואָס אָשעראָוויטש האָט געגלייבט און איז אַזוי פּײַנלעך געטראָפן געוואָרן. פריִער, די אימהדיקע שפּורן פון אונדזער אָקערשטיקער אומקום־דראַמע, וואָס באַגלייט אַיעדן פון אונדז, וואָס באַגלייט דעם דיכטער. און כאָטש ער פּרוווט לינדערן דעם צער און דעם וויי, וואָס גלימערט אין האַרץ (געשריבן אין ווילנע, יאַנואַר 1945) :

פאַרשטיי, אַז ס׳איז אַ זינד געטרײַ צו זײַן דעם צער,
נאָך רישעותדיקסטן בראָך עס קומט אַ „נחמר" דיר.
גענוג האָסטו געהאַט שוין אַנווער, לייד און פּײַן,
שוין צו פיל האָט דער וויי זיך מיט דײַן האַרץ געברודערט.

און אין די לעצטע סטראָפעס פונעם ליד :

טאָ וויש אַראָפּ די טרער, וואָס פרעסט אַדורך דײַן מוט,
און זאָל דער טיפער זיפץ אַ פרײַנד דײַנער ניט זײַן מער.
אָ יברכך, גאָט, יברכך,
זאָלסט מער ניט דאַרפן זײַן קיין קלאָגער און קיין טענהר.

וויל ער אַזוי, אָשעראָוויטש, אײַנשטילן, אײַנוויגן דעם ווייטיק וואָס פרעסט, אײַנשטילן דעם אומרו וואָס הויערט, דעם צער וואָס דריקט אומהויפּהערלעך.

קען ער עס דען? איז עס דען מעגלעך? באַלד נאָך אָט דעם ליד — ווו ער באַמיט זיך צונויפלעבן מיט דעם גרויליק פאַרלאָפענעם — שרײַבט ער אויפרודערנדיקע לידער... און ער פילט ווי:

דאָ הענגט ביז איצט נאָך דאָס געשריי
פון בלוטיקן ניט־ווערן.

אָט דאָס אויסגעשריי, דער מאָטיוו פון אימהדיקסטן „ניט־ווערן" קומט אַרײַן מיט אַן אַפּאָקאַליפּטישער שטימונג אין צענדליקער לידער און פּאָעמעס. עס מאַטערט און עס נאָגט אַזוי יסורימדיק, ווי אין דעם ליד „יזכור" גע־הייליקט דעם אָנדענק פון זײַן מאַמען, וואָס איז אומגעקומען אין קאָוונער געטאָ:

עפנט אויף זיך סודותדיק די טיר
און עס נעמען זיך אַרײַנשלײַכן
און קומען, קומען, קומען:
לײַבלעך אייגענע,
אַ מאָל געזעענע
און קיין מאָל ניט באַגעגנטע ווילד פרעמדע... —
זעקס מיליאָן!

אָשעראָוויטש איז נאָך דורכגעגאַנגען דעם גיהנום־וועג פון לאַגער און פאַרשיקונג אין ראַטן־פאַרבאַנד. אָבער מער נאָך ווי דער פיזישער פּײַן פון נע ונד, פון טרויעריקן לאַגער־לעבן איז די טיפע, די בלוטיקע באַליידיקונג פון זײַן מענטשלעכן ווענן. ס׳איז דער ווייטיק אָפּצופילן אַזוי שטאַרק און וווּנדיק ווי דײַן יאָרן לאַנגער, געכאָוועטער גלויבן ווערט געשענדט. ס׳איז ריס און בראָך אין געמיט. ס׳פירט צו גײַסטיקן ווירוואַר און גײַסטיקער אויסגעהוילטקייט. ניט ווייניק יידישע דיכטערס זענען דורכגעגאַנגען אָט דעם טראַגישן איבערבראָך, דעם נשמהדיק פּײַנפולן איבערבראָך. אָט האָט מען געגלייבט, געטראָגן אמונה אין האָרץ און געהאָפט אויף יענעם לאַנד, וואָס האָט געזאָלט און געדאַרפט ווערן דער לײַכטטורעם פאַר יושר און סאָציאַלער גערעכטיקייט, פאַר גלײַכהייט און באַפרײַונג פון פעלקער. מען האָט געצויגן אַהין מיט גלויבן און האָפענונג. — — איז געקומען די ווירק־לעכקייט, איז געקומען אַזאַ פינצטערע און אימהדיקע וואָר — — און צעפּאַטשט און פאַרשענדט דײַן גלויבן, דײַן אידעע, דײַנע האָפענונגען. ס׳איז אַ טרויעריקער, אַ גרוליקער קאַפּיטל אין דער הײַנטצײַטיקער געשיכטע, און באַזונדער אין דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. און פאַרלאָפן האָט זיך עס אַזוי נאָענט, אַזוי שכנותדיק אין צײַט

פון אונדזער אייראָפּעיִשן חורבן, ווען דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן אין מיזרח־אייראָפּע איז פאַרשניטן געוואָרן. אַשעראָוויטש האָט עס טיף איבערגעלעבט און טראָגט נאָך געוויס ביז היינט אָט דעם ווייפּלאָטער אין זיין געמיט. ס׳איז דער אומרו, וואָס לאָזט ניט נאָך. און ער איז דאָך מודה, אַז ער פּרוווט אַליין די איבערגעלעבטע רישעותן צו פאַרשטילן... „ניט גוט אַזוי״ — זאָגט ער — „וואָס איטלעכס ליד מיינס הייב איך אָן מיט אויפּריכטיקן אוי און ענדיק מיט אַ צוגעטראַכטער טרייסט...״ אָבער די „צוגעטראַכטע טרייסט״ האָט דאָך געהאָט איר ערלעכע באַשטימונג, האָט אים דערפירט צו נייע וועגן, האָט אים באַאיינפלוסט, אויפצוברענגען מאָטיוון און אימאַזשן, אויסגעגלימערט אינעם טיגל פון אַן עמקותדיקער פּאָעטישער שפּירונג.

הירש אַשעראָוויטש איז אַן אינטעלעקטועלער מאָדערניסטישער דיכטער. אָט דער געטריי דערוואָרבענער פאַרמעג האָט אים געהאָלפן צו דערגיין צו אַ פרישער, צו אַ ווייטערדיקער דיכטערישער פאָרמירונג, צו אַנטפּלעקן און אָפּצופילן אַ נייע וואָר, באַוווירקט אים אויסצובינדן פייזאַזשן פון נעכטן, פון אַמאָליקער ייִדישער היים, דורך די נסיונותפולע יאָרן — צו אונדזער גורלדיקן הערצישן היינט. און עס קייטלט זיך אויס אַ פאַרביקע מאָזאַיִק פון געדאַנקלעכער פּאָעזיע.

פאַראַן אין אָט דעם פאַרנעמיקן בוך (ס׳איז אַ בוך פון 320 זייטן, וואָס אַנטהאַלט 152 לידער און פּאָעמעס) אַ גרויסע צאָל געראָטענע לידער, ווו דער געדאַנק באַוועלטיקט די שטימונג, ווו די מחשבה הייבט זיך אַריבער איבער דער פּאָעטישער שפּירונג... משמעות, אַז דער דיכטער אַליין פילט עס אויך אָפּ און ער זאָגט ווי מיט באַדויער:

פאַרשטער ניט מיין נאַרישן חלום
מיט קלוגשאַפט, וואָס פּאַסט פאַר דער וואָר,
און שייל ניט די אומקלאָרע שאָלן,
צו מאַכן איין יאָדערל קלאָר.

ס׳איז גריילעך גוט אַזוי, וואָס דאָס יאָדערל, דער עיקר־ געדאַנק, שיילט זיך אויס קלאָר און דייטלעך. אָט די לידער זענען ביז גאָר אינטערעסאַנט,

זיי זענען ניַי און אויפטועריש. אגב, גאָר אָפט זענען די ערשטע פיר אָדער אַכט שורות אין זײַן ליד דער קווינטעסענץ פונעם גאַנצן ליד. זיי זענען אַלע מאָל שטאַרקער, בילדערישער און פּאַרטיפטער, ווי זייער אַנטוויקלונג אין די וויַיטערדיקע פערזן פונעם ליד.

דערפאַר, דאַכט זיך מיר, זענען אַטראַקטיווער און אויסגעמלעכער אָשעראָוויטשעס — על־כּל־פּנים — אין אָט דעם בוך — קירצערע לידער, ווו דער אינהאַלט איז אויסגעבונדענער מיט דער שטימונג, און זיי שאַפן אויף אַן אייגנאַרטיקן פּאָעטישן קלימאַט. אָט אַ שטייגער וועלן מיר ברענגען עטלעכע קורצע לידער פון דעם מין, לדוגמא:

האָט אין עפּעלע אַרײַנבאַקומען זיך אַ וואָרעם,
איז דאָס עפּעלע גאָר רויטער נאָך געוואָרן
און זײַן אומהוידען זיך אויפן ווינט — נאָך פלינקער.
ווײ — דער מאָמע־צווײַג! געוואָרן איז איר גרינגער...

אָט איז „אויסניכטערונג":

דער רויך פאַרגייט.
אַ ווײַלע בלויז — און ער ניטאָ איז.

דער שאָטן איז דאָך אויך ניט מער,
ווי נאָר אַ שוואַרצער טעות.

הײַנט וואָס איז ווערט
דער שאָטן פון אַ רויך?...

„דער פילאָסאָף":

זאָל איך זיך באַרימען מיט מײַן שׂכל?
איז ער אָבער אַזוי אָפט צו שוואַך.
אַלץ, וואָס אים געלונגען איז דערגרייכן,
איז דאָך נאָך ניט ביזן סוף דערטראַכט!

ווערט פון מײַן זיך גרײַסן אַ זיך שעמען,
ספקות־רויט צינדט אָן מײַן בלייך געזיכט —
ווו זאָל איך אַזוי פיל יאָרן נעמען
צו דערגרונטעווען זיך: ווער אַזאַ בין איך?

אַט די קורצע לידער פאַרמאָגן ניט נאָר אַ גוטן, טרעפלעכן אַפאָריסטישן טאָן. זיי טראָגן אין זיך געדאַנקלעכקייט און מוסר־השׂכל.

אַשעראָוויטש האָט אַ רײַכן, אַ פאַרביקן, אַ לויטערן לשון. זײַנע לידער זענען געשריבן אין אַ בילדערישער שפּראַך. אָבער ס'איז מאָדנע און מערק־ווערדיק: ער איז ניט גראָד דער דיכטער, וואָס ברענגט־אויף בילדער, און אַוודאי ניט קיין בונטע בילדער. אַפילו אין דער גרויסער און קרעפטיקער פּאָעמע „אויפן קאָפּ פון דער גוטער האָפענונג", וואָס איז באמת מײַסטעריש געבויט, מיט זעלטענער שילדערונג און איבערלעבונג בײַם אָנטרעפן זיך מיט אַט די נאַטור־וווּנדערס אויף דעם דרום־אַפריקאַנער קאָנטינענט. איז די שילדערונג, די לאַנדשאַפט אָן ספק אײַנדרוקספול, פאַרנעמיק, שטאַרק און צו מאָל ראַפינירט אין אָנגעשפּיצטן פערז. אָבער די שילדערונג איז ניט באַהויכט מיט מאָלערישן טאָן, נאָר מיט דער קלוגשאַפט, מיט דעם חן, מיטן פּאַטאָס פון וואָרט און לייענט זיך מיט אַזאַ שפּראַך־דערהויבנקייט, עלעהיי אַ קאַפּיטל פון אונדזער אַלט־העראָישן ספר־הספרים. פאַראַן אין דעם עפּעס פון דער גוטער תּנכישער זאַגערישקייט. פון דער זעלביקער שאַפערישער מיליע זענען די אַנדערע גרעסערע פּאָעמעס, ווי דער „דור המידבר", „קריס־טאָפאָר קאָלומבוס" און אַפילו די פּאָעמע „יידן".

אינעם בוך קומט אַרײַן אַ ברייט פאַרמאָסטענע דיכטערישע שאַפונג „וועלט פון אומרעכט". אַשעראָוויטש פירט אונדז אַוועק אין דער וועלט פון ווײַטלעכן היסטאָרישן נעכטן:

אויסגעצויגן זיך אויף זיבן היגלען האָט אַ שפּין.
האַלבע וועלט געפאַנגען ליגט אין אירע קלעפּיקע געוועבן.

אַשעראָוויטש קען גוט די דאָזיקע טעמע און ער אַנטוויקלט און ברענגט

אַרויס מיט אַ סך ערודיציע די היסטאָרישע קאָנפּליקטן, די לענדער און פעלקער וואָס זענען פאַרשקלאַפט און פאַרשמאַכט געוואָרן אין „די קלעפּיקע געוועבן" פון דער טיראַנישער רוימישער הערשאַפט. ער שיילט אויס די יענצײַטיקע געשטאַלטן און העלדן, די גלאַדיאַטאָרן און אימפּעריע־לײַט. די זוכערס פון אמת און די פּאָליטישע אינטריגאַנטן. ספּאַרטאַקוס און דער אַרמיי־פירער מאַרקוס ליציניוס קראַסוס, דער שקלאַפן־הענדלער לענטולוס. עס גייט דורך אַ גאַלעריע פון טיפּן און געשעענישן, וואָס האָבן געקערעוועט די געשיכטע און אויפגעטרייסלט די יסודות פון דער וועלט. — —

אָט דער זעלטענער ציקל „וועלט פון אומרעכט", וואָס אַנטהאַלט 31 קאַפּיטלען — איז בפירוש אַ דיכטערישע דערגרייכונג הן אין פּרט פון שילדערונג, הן אין איר אייגנאַרטיקער פאָרעם. און דער פּאָעמע־רינג שליסט זיך מיט אויסדריקלעכער אָנדײַטונג אויף אונדזער הײַנט:

און פון רוים קומט נײַער חושך,
ריזלט, כוואַליעט און פאַרפלייצט,
פון דער ווײַט הערט אַ גערויש זיך —
פרײַהייט כליפּעט אויפן קרייץ...
האָר קען ווידער שקלאַפן בייטן,
רויבן גליק און שענקען פּײַן.
ווידער יאָמערן די קייטן,
ווידער שאָטנס מער פון שײַן...

ווידער שאָטנס מער פון שײַן... אין זײַן דיכטער־שליחות באַמיט זיך הירש אָשעראָוויטש צו פאַרטרײַבן די שאָטנס און צו דערזען מער די שײַן. צי איז עס מעגלעך אין אונדזער ווירקלעכקייט? ווי עס זאָל ניט זײַן, זײַן בוך „געזאַנג אין לאַבירינט" איז אַ ליכטיקער בײַטראָג צו דער יידישער, צו דער יידיש־ישראלדיקער פּאָעזיע.

ווען זיאַמע טעלעסין און זיין בוך
„געוויין פון זכרון"

דרײַ דאַטעס פאַרבינדן זיך איצט לכּבוד זיאַמע טעלעסין. די ערשטע — וואָס ער איז דאָ מיט אונדז, וואָס ער איז אין ישׂראל. מען האָט אים יום־טובדיק אויפגענומען, אים און זײַן פרוי, די דיכטערין רחל בוימוואָל. איז עס גוט נאָך אַ מאָל צו דערמאָנען. די צווייטע איז טאַקע אַ דאַטע ממש: טעלעסין ווערט דאָס יאָר אַ בן־ששים. די דריטע: דאָס היקפדיקע בוך, די לידער־זאַמלונג וואָס איז איצט אַרויס אונטער דעם מאָדנעם נאָמען „געוויין פון זכרון". און פאַר וואָס דווקא געוויין פון זכרון? אין בוך זענען דאָ גראָד הײַטערע לידער, הײַטערע מאָטיוון, חדווהדיקע, קערנדיקע לידער — פון זכרון, פון דערמאָנונג...

נאָר משמעות, אַז דאָ האָט באַווירקט אַן אַנדער שפּירונג (וואָס באַגלייט אויך דאָס חיותדיקע און וואַרעם־טויזיקע פון אַ מאָל), דאָס איז די דורכגע־לעבטע תּקופה פון פּײַן און שרעק, פון אויפציטער און אינערלעכן געראַנגל, וואָס אַן ערלעכער ייִדישע פּאָעט אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט באַדאַרפט אויס־טראָגן. און דאָס האָט, זעט אויס, געהאַט זײַן באַשטימונג אינעם דיכטערישן גאַנג און האָט אָנגערעגט צום „געוויין פון זכרון".

איך ווייס ניט צי אין די דרײַ אָפּטיילן פונעם בוך: „ווען ס'פאַלט אַ בוים", „פייגעלעך אין בוזעם" און „פליקט די מאַמע פעדערן", ווו עס קומען אַרײַן 140 לידער, האָט זיאַמע טעלעסין אַרײַנגעגעבן זײַן גאַנצע דיכטערישע מי, זײַן גאַנצן פּאָעטישן גאָב. איך ווייס אָבער, מחמת עס אָטעמט מיט דער פולער עכטקייט — אַז אָט דאָס לידערבוך כאַראַקטעריזירט און מאַניפעסטירט דאָס לעבן פונעם דיכטער אין דעם ווירבל פון כּל־ערליי באַדינגונגען, שטי־מונגען, ספקות, בענקשאַפטן, באַגערן, און דער באַגלייטנדיקער אומרו, וואָס איז דאָ כּפל־כּפליים. ס'איז הן דער נאַטירלעכער, מהותדיקער אומרו פונעם דיכטער, הן דער אָפּפיל פון אַ וועלט, פון אַ סביבה וואָס רעגט אין דיר אומרו, וואָס רעגט אין דיר צווייפל און זאָרג און ייִסורים — —

איך האָב באַטאָנט, אַז דאָס בוך כאַראַקטעריזירט דאָס לעבן פונעם דיכטער, און איך זאָג עס בכּוונהדיק, מחמת מיר דאַכט, אַז קיין שום ליד אינעם בוך איז ניט אויפגעקומען פון אויסערלעכע ווירקונגען, פון דרויסנ־דיקע רעגונגען, נאָר פאַרקערט, זײַן אינערלעכע דיכטערישע יוירונג באַריִרט ערשט דאָס אויסערלעכע.

לאָמיר עס זאָגן אַ ביסל קלאָרער. פאַראַן דיכטער וואָס ווערן באַווירקט פון דרויסנדיקע, אָפט מאָל זײַטיקע געשעענישן, פון פייזאַזשן, פון אויסער־לעכע אָנשטימונגען און ערשט דאַן באַהילן זיי זייער ליד און באַהויכן אים מיט פערזענלעכן אָטעם, מיטן געדאַנק וואָס געדײַעט אַרום דעם מאָטיוו. בײַ טעלעסינען, דאַכט זיך מיר, — און איך מיין אַז איך בין זיך ניט טועה, — געשעט אַלע מאָל דאָס היפּוכדיקע. פונעם באַטירלעכן הויערדיקן נעפּל, וואָס איז דער בראשית, די אורקראַפט פון יעדער קינסטלערישער שאַפונג, טײַעט אין אים אינערלעך טיפער און שטאַרקער דער געדאַנק, די דיכטערישע מחשבה, די פּאָעטישע אָנשטימונג. און דאָס אויסערלעכע קומט ערשט שפּע־טער — אויף וויפל עס איז אים נייטיק צו געבוי, אויף וויל עס איז אים נייטיק צו דער אַנטוויקלונג, צו דער שטײַגערישקייט פונעם ליד.

און אויב די דאָזיקע השערה מײַנע איז אַ ריכטיקע — און איך האַלט אַז זי איז אַ ריכטיקע, איז עס אַן עלעמענט וואָס גיט זײַן שאַפונג גאַנצקייט, יסודותדיקייט, באַהויכט זײַן ליד מיט עכטקייט, מיט אוממיטלבאַרקייט און — מיט אמת.

קינסטלערישער אמת — דאָס איז דאָך אפשר די העכסטע פּאָעטישע מדרגה, בפרט אין אַ צײַט פון פיבערדיקע ווירוואַרן, פון משונהדיקע זיגזאַגן אין דער שאַפונג.

זיאַמע טעלעסינס ליד איז אמת און זײַן וואָרט איז אָרנטלעך. זײַן וואָרט וואַקסט אַרויס און קומט אויף פון עכטער, פון וואָריקער איבערלעבונג. ער האָט, ווי אַנדערע יידישע שרײַבערס אין ראַטן־פאַרבאַנד, געהאַט טרויע־ריקע, יסורימדיקע איבערלעבונגען: אויסגעטראָגן דעם פּײַן. פונקט ווי מיר זענען ניט מסוגל צו באַנעמען אין דעם פולן היקף די אומקום־דראַמע פון מיזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום, אַזוי זענען מיר ניט מסוגל תּופס צו זײַן, וואָס אייגנטלעך עס האָט זיך פאַרלאָפן, וואָס האָט דערבראַכט צו דער פאַרלענדונג

פון דער ייִדישער שאַפונג, פון די ייִדישע שרײַבערס, פון דער ייִדישער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד.

כאָטש מיר ווייסן שוין ניט ווייניק, ווייסן מיר נאָך אַלץ ניט, ווי אַזוי דאָס איז געשען. און די דראַמע גייט אונדז נאָך און אָט דער טרויער גייט אונדז נאָך. עס דאַרף נאָך געשריבן ווערן די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד, פון איר האָפענונגספולן אויפקום ביזן טראַגישן פאַרגיין.

די ייִדישע סאָוועטישע וואָרטשאַפונג איז אַ גרויס און וויכטיק קאַפּיטל אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור סײַ אין איר תּוכן, סײַ אין איר פאָרעם. זי איז וויכטיק אויך דערפאַר — און דאָס איז שוין ניט איין מאָל געזאָגט געוואָרן — ווײַל זי איז געווען און געבליבן ביז הײַנט די איינציקע פאָרעם, דער איינציקער אופן פון ייִדישן אויסדרוק. פאַרשידענע צײַטן און עטאַפּן האָט דורכגעמאַכט די ייִדישע ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. און איינס ווייסן מיר דאָך אַלע — אַז זי איז ניט געווען פרײַ, און ווי אַלע אַנדערע ליטעראַטורן פון די פעלקער אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז זי געווען אין ראַם פון פאַרטיי און רעזשים, אָבער איר גורל איז געווען טראַגישער, און דער ייִדישער שרײַבער האָט ניט איין מאָל אָפּגעפילט און אויסגעדריקט די מאַסקע וועלכע ער טראָגט און די צוים אין וועלכער ער געפינט זיך, די אַטמאָספער אין וועלכער ער לעבט און שאַפט: און די אַטמאָספער איז באַגלייט געווען פון גאָר אָפטן טעראָר. און ייִדישע שרײַבערס האָבן צוזאַמען מיט דעם גיין אין שפּאַן, מיט דעם געצוווּנגענעם גיין אין שפּאַן, אַרויסגעוויזן אויך מענטש־לעכע גבורה און קינסטלערישן מוט. מיר האָבן עס באַזונדערס געפילט אין די יאָרן פון דער מלחמה, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז די שפּאַרעס ווערן פרײַער, און דער אייגנטימלעכער ייִדישער און נאַציאָנאַל־פאָלקישער טאָן קאָן אויפגיין פון זײַן פאַרטויבטקייט, קאָן מיט עפּעס אויפזינגען. אָבער ייִדישע שרײַבערס האָבן שפּעטער אַזוי טײַער באַצאָלט פאַר דעם. באַצאָלט מיט טורמע, פאַרשיקונג און מיט לעבן. און דאָך האָט זיך דורכגעריסן אַ מוטיקער וואָרט, אַ געוואַגטער טאָן און מאָטיוו, אַ פרײַהייטלעכע מחשבה — — מיט דרײַסיק יאָר צוריק, שוין צוויי יאָר נאָך דער „פאָטערלענדישער מלחמה“ — האָט די דיכטערין בוימוואָל, די פרוי פון זיאַמע טעלעסין, געשריבן:

אין פונקט ווי בלויזע לויב איז שטענדיק צביעות,
ווי אויגן דאַרפֿן האָבן וויִעס.
ווי אמת טיפֿע פֿרייד מאַכט ערנסט אַ געזיכט —
אַזוי איז אומבאַדינגט דער שאָטן צוליב ליכט.

פֿאַר אונדז זעט עס דאָך אויס אַזוי פּשוט, אַזוי באַטירלעך. און דאָך... אין יענער צײַט, אין קאָנגלאָמעראַט פֿון אָט דעם פּרעסנדיקן רעזשים, אין באַדינגונגען פֿון קאָנטראָל און חשד און מסירה איז עס געווען געוואָגט, איז עס געווען אַ העלדישקייט אַרויסצוקומען און זאָגן: „ווי בלויזע לויב איז שטענדיק צביעות". איז אָט, בײַ די שפּורן פֿון טענה צו די ייִדישע שאַפֿערס, וואָס האָבן אָפּט מאָל מיט אַזאַ עבֿדימדיקער איבערגעגעבנקייט געדינט די האַרן פֿון רעזשים, טאָרן מיר ניט פֿאַרזען, ניין, מיר דאַרפֿן בפּירוש אויפֿהייבן אָט די מוטיקייטן און געוואָגטקייטן פֿון ייִדישע דיכטערס און פּראָזאַיִקערס, וואָס זענען געבליבן טיף ייִדיש און טיף מענטשלעך אין זייער שרײַבערישער שליחות.

זיאָמע טעלעסינס „געוויין פֿון זכּרון" איז אויף די, וואָס זענען געגאַנגען אויף אָט דעם דאַרנוועג, געהיפּערט, געשטאָלפּערט, געליטן, זיך געראַנגלט מיט זיך און מיט דעם גרויליקן אַרום — און אַ ליכט גייט אויף פֿון זיי, פֿון זייער ווילן, פֿון זייער געזאָגטן און ניט־דערזאָגטן.

אָט קומט אויף פֿאַר אונדז דאָבּרושין דורך טעלעסינס ליד, און דער העלד פֿונעם ליד איז דאָבּרושינס שטעקן:

— ווער קען ניט זײַן הילצערנעם שטעקן!
אַ זכר נאָך אים אַ פֿאַרבליבענער,
ווער קען ניט דאָס הענטל פֿון שטעקן,
וואָס איז ווי אַ ריש אַ געשריבענער — —

און ווײַטער:

אָט רעדט ער — עס בליצן די ברילן —
אַ סימן, ער איז אַ דערצאָרנטער,

אין דער מחיצה פון שאַפער

ס'איז אויס מיט דעם מענטשן דעם שטילן,
ער קלאַפּט מיטן שטעקן און וואַרנט אונדז.

יאָ, ייִדישע דיכטערס, ייִדישע שרײַבערס האָבן געוווּסט פון זייער מערכה. צי האָבן זיי געקאָנט אַליין קערעווען דעם גורל? — שווער צו ענטפערן אויף דעם.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו דעם דיכטער, צו טעלעסינען, און צו זײַן שאַפונג. וואָס געפינט זיך אין בוך? וואָס איז זײַן טעמאַטיק און מאָטיוו?

מיר דאַכט, אַז אין דעם בוך זענען פאַראַן אַל די איבערלעבונגען וואָס דער דיכטער האָט דורכגעמאַכט: פאַרלויפּעניש, פאַסירונגען, געדענקשאַפטן פון דער יוגנט, פון דער היים, פון טאַטע־מאַמע־היים, פון דעם שטעטל אין ווײַסרוסלאַנד. דאָס זענען צו מאָל באַקאַנטע מאָטיוון אין אונדזער ליטעראַטור, אָבער אין טעלעסינס ליד באַקומען זיי אַ באַזונדערן אויסקלאַנג דורך דער קאָנקרעטער און יאָדערדיקער שפּראַך, דורך דער קלאָרקייט פון אַרויסהייבן אַ געשטאַלט, דורך דער וואַרעמער אַטמאָספער און וואָריקער בילדערישקייט, וואָס רופט זיך איבער מיט דער דערמאָנונג פון יוגנט־סביבה און באַענטע אין זײַן הימען צו אַרבעט, צו ממשותדיקער מי און פּראַצע, וועלכע ער פאַרהערלעכט אַזוי האַרציק און פאָלקסטימלעך:

דעם הילצערנעם בלעכערשן האַמער,
ניט אויפהערן וועל איך צו רימען.
דעם הילצערנעם בלעכערשן האַמער —
מײַן לויב און מײַן הימען.

— — —

אַ וואַרע דעם האַמער, אַ וואַרע!
די בלעכער אַ דרײַפאַכע בענטשונג,
וואָס האַמערן אונטער די כמאַרעס
אַ דאַך איבער די קעפּ פון די מענטשן.

אַט די שורות, ווי די גאַנצע פּאָעמע, אָטעמט מיט געזונטער, קערנדיקער

פראַצע און דערמאָנט די צײַט ווען ייִדישע דיכטערס זענען געווען אַרבעטערס און געלעבט מיט די באַגערן, מיט וואָך־און יום־טוב פון אַרבעטסמענטש — ניט מער, ייִדישע דיכטערס פון אַ מאָל האָבן אויסגעדריקט צאָרן און בונטאַרישקייט און גערופן צו פרײַהייט און יושר און צו אַ נײַער וועלט פון גלײַכהייט.

אין אַ צאָל לידער באַזינגט טעלעסין — וואָרצלדיק, קרעפטיק און בילדעריש — די טעמיקייט און דעם זין פון אַרבעט, אַרבעט ווי אַ דערהויבנדיקע שאַפערישקייט... אָן פאָדערונגען און אָן קעמפערישקייט. אָט דער עלעמענט איז שוין אין דעם לאַנד פון די אַמאָליקע האָפענונגען, פון גלײַכהייט און פרײַהייט, משמעות אַטראָפירט געוואָרן — —

קלאָר און וואַרעם זענען אויך זײַנע לידער־דערמאָנונגען פון דער יוגנט, פון טאַטע־מאַמע־שטוב. און אָט איז דער ייִשובניק וואָס פלעגט קומען צו זיי אַהיים נאָכן אָפּפּאַרטיקן זיך מיטן מאַרקטאָג:

ס'האָט פון אים געשמעקט מיט כאָמעט
און מיט בלאָטע — לינדזן גרינע,
ער איז אומגעגאַנגען תמיד
אין אַזאַ מין קאַזאַקינע,
וואָס געווייט האָט נאָך פאַרצײַטן
אלימלך דער טאַנדעטניק.
ס'פלעג דער בגד אים פאַרבײַטן
סײַ אַ פוטער, סײַ אַ ליעטניק.
טרינקען פלעגט ער פון דער ספאָדקע,
אָפּלאָזן דעם הויזן־רימען.
זײַנע וואָנצן, ווי צוויי פלאָטקעס,
פלעגן אין דער ספאָדקע שווימען.
פון איין זשליאָק און ביזן צווייטן
טאָן אַ קרעכץ פון פאַרגעניגן,
אין דעם באָרד־שטח דעם ברייטן
אָן אַן איבעררײַס געשוויגן.

מיר האָבן כמעט אַלע געהאַט אַזעלכע פעטערס. און טעלעסין דערמאָנט עס אונדז מיט אַזאַ גוטער פשטות, ווי אָט די געשטאַלטן אַליין זענען עס געווען. און ער שאַפט אויף פאַר אונדז ניט נאָר אָט דעם אייגנטימלעכן, פאַרשווונדענעם טיפּאַזש, נאָר אויך דעם קלימאַט, אַזוי הנעוודיק אין דער פשוטקייט — ווו מיר פילן אַפילו אָפּ דעם ריח פון די יוכטענע שטיוול — ער באַווירצט עס מיט אַ ביסעלע סאַטירע, און דאָך קומט אויף די נאַטירלעכע פאַרבענקטשאַפט צו אַ יידנוועלט וואָס איז נישטאָ מער — —

טעלעסין איז אויסגעטונקט אין דער דאָזיקער געדיכטער יידישער סביבה. ער באַזינגט זי ניט מיט סאַמעטיקער שפּראַך — ווייַל זייַן סביבה איז ניט געווען פון זייַד און סאַמעט — נאָר פון געזונטער האָרעפּאַשנער מי. איז ער אָפּט מאָל זאַגעריש, אָבער זייַן זאַגערישקייט האָט אַזאַ אייגנדיקן ניגון, אַ מעלאָדישקייט, אַ מעלאָדישקייט אָן צוויטן, אָן קינסטלעכע קנייטשן און אָן מאַנירן. אַ קלאָרער און לויטערער טאָן און אָפט מאָל רירנדיקע תמימות, ווי אַ שטייגער, ווען ער זאָגט:

> אויף אַ גרעזל לאַנגע שעה
> כ׳קוק און הער ניט אויף צו גאַפן,
> גיי געפין אַזאַ מין גאון
> וואָס זאָל קענען עס באַשאַפן.

און גראָד פון דער דאָזיקער תמימות — גייט אויף געדאַנקלעכקייט אין זייַן ליד. אין כמעט יעדן ליד איז פאַראַן מחשבה וועגן מענטש און צייַט און ייד און וועלט.

קערן מיר זיך ווידער אויף אַ מאָמענט צו דער טעמע „רוסלאַנד”. טעלע־סין פרעגט אין זייַן ליד אַזוי איינפאַך און קלאָר און באַדייַטונגספול:

> כ׳האָב אַלץ געטאָן ווי האָסט געוואָלט...
> פאַר וואָס זשע האָסטו מיך ניט האָלט?

און געטאָן האָט ער גאָרניט ווייניק טעלעסין.

דאָס זעען מיר, ווען מיר לייענען די גרעסערע צאָל לידער פון מלחמה אין דעם אָפּטייל „ווען ס׳פאַלט אַ בוים״. ער איז געווען אַן אָפיציר אין דער רויטער אַרמיי און געקעמפט אויף אַ סך פראָנטן, און דורכגעמאַכט די בי־טערסטע נסיונות. און צווישן זײַנע נסיונות איז אויך געווים דער, ווען ער שלײַכט זיך אַרײַן אין איינער אַ מלחמה־נאַכט אין אַ דאָרפישער כאַטע:

פון ענגן פירהויז ציט מיט אויסגעטריקנט גראָז,
די קוואָרט מיט וואַסער האָט פאַרשמעקט מיט שוואָמען.
— דו ביסט אַ ייִד? — איך בין אַ ייִד, איז וואָס?
— ווער זאָגט — איך דרייט זיך אויס פון דער מלחמה?

און די באָבע צלמט שפּעטער איבער זײַן מיליטערישע קאַסקע.

טעלעסינס לידער פון מלחמה זענען אַ זעלטענער בײַטראָג צו דער שיל־דערונג פון ייִדישן קאַמף און צאָרן און גבורה, וואָס די קעמפערס, זעלנערס, אָפיצירן האָבן אויסגעטראָגן. און לאָמיר געדענקען: 75 פּראָצענט פון די ייִדישע שרײַבערס אין ראַטן־פאַרבאַנד זענען געווען אין דער אַרמיי, זענען געווען אויף די קאַמפספראָנטן.

און שפּעטער:

פאַראַן בײַ אים אַ ליד „איך און דער גריך״. ביידע שפּאַצירן — מן־הסתּם אויף אַן אָפּרואָרט בײַ דעם שוואַרצן ים. ליגן אין וואַרעמען זאַמד, געניסן פון דער וועלט. און דאָס ליד — איינס פון די פײַנסטע, אייידלסטע לידער, — ענדיקט זיך אַזוי:

מיך
און דעם גריך
די כוואַליע די זעלביקע וויגט —
זי גיט אונדז אַ הייב אויף אַרויף
און לאָזט אונדז אַראָפּ אויף צוריק.

— — — — — — — — — — — — —

אין דער מחיצה פון שאַפער

איך
און דער גריך —
עס טרעפט, אַז מיר בענקען בײַם ים, —
נאָך גריכנלאַנד בענקט זיך דעם גריך.
און איך?
איך בענק אויכעט ניט סתּם...

איז גוט וואָס דער דאָזיקער סתּם איז געוואָרן ממשות.

און מיר האָבן דאָ אין ישׂראל צוגעקראָגן אַ ווערטיקן, קרעפטיקן ייִדישן דיכטער, און זײַן טאָן איז קלאָר און אוממיטלבאַר און זײַן וואָרט איז אַזוי וואָרצלדיק טיף, ווי דער באַוווסטזײַן פון זײַן דיכטערישער עובדא.

שלמה רויטמאַן

איך וועל זיך דערלויבן צו זאָגן פון אָנהייב, אַז שלמה רויטמאַן איז אַ פּאָעט פון אַ ניט־געוויינטלעכן פאַרנעם, וועמענס שאַפונג קומט אויף ניט נאָר פון באַזונדערן קלימאַט און דיכטערישן געמיט, — אויך די אינערלעכע מאָזאַיִק און קאָנסטרוקציע פון זײַן ליד איז אַנדערשדיק און טראָגט אין זיך נײַקייט פון טאָן און אויסדרוק, טראָגט אין זיך אייגנדיקע יחידישע פאָרמען, נײַעם בילד און פרישקייט פון וואָרט.

מיר דאַכט, אַז ער איז דער מקורותדיקסטער און פאַרטיפּסטער דיכטער צווישן די אַלע, וואָס זענען געקומען זיך באַזעצן אין לאַנד — און געקומען איז אָן ספק אַ באַטײַטנדיקע צאָל גראָטענע יידישע דיכטערס און בעלעטריסטן. זײַן אויסגעטיילטקייט און באַזונדערקייט, זײַן אייגנטימלעכן קול פילט מען אָפּ ניט נאָר אין זײַנע שאַפונגען פון די לעצטע יאָרן, נײַערט שוין בײַ זײַן דיכטערישן אָנהייב. און אָנגעהויבן האָט ער באַלד ווי אַ געניטער, אויסגעפּרוּווטער דיכטער, עפּעס ווי ער וואָלט גאָר קיין שרײַבערישע חבלי־לידה, קיין געבורטסווייען ניט געהאַט. ער איז באַלד געקומען אַ רײַפער און אָנגעלאָדענער, און אָנגעהויבן שרײַבן לידער האָט ער יונג, זײַענדיק אַלט אַכצן יאָר. און טאַקע אַזוי, מיט אַן אייגנדיק באַזונדערן אויסדרוק, ווי מיט זײַן פּאָעטישער שפּירונג, האָט זיך אויסגעקעגנטיקט זײַן אַנדערשקייט צווישן דער דעמאָלטיקער דיכטערישער שאַפונג אין ראַטן־פאַרבאַנד.

צו אָט דער אָרגאַנישער מידה פון פלעגן אייגנאַרטיקן אויסדרוק און באַנעם האָט מען געדאַרפט פאַרמאָגן דעמאָלט אַ קענטיקע דאָזע פון פּערזענלעכן מוט; ניט גיין אין שפּאַן און ניט טרעטן אויף שוין צעטאָפּטשעטע וועגן, וואָס ניט־ווייניק — צו מאָל טאַלאַנטפולע דיכטערס — האָבן עס געטאָן פאַר אים און געטאָן אין זײַן צײַט, טאַקע בעל־כּרחו — אָבער זייער דיכטערישער גאַנג האָט אויף די וועגן געהעמט זייער אויפגיי און קינסטלערישער אַנטוויקלונג.

שלמה רויטמאַן איז לכתחילה געקומען ניט נאָר מיט אַ מײַסטעריש געפורעמטן וואָרט, נאָר מיט אַ מאָדערנער דיכטערישער פאָרעם. קלאָר, אַז

ניט נאָר שאַפערישן כּוח האָט מען געדאַרפט צו דעם, נאָר אויך שרײַבערישן זעלבסטבאַוווּסטזײַן, נאַציאָנאַל־ייִדישן שטאָלץ און קינסטלערישע ווערדע. מחמת די סביבה איז לכאורה געווען קעגן אים. אַ סביבה ווו יחידישער טראָפּ איז דאָך שווער ניט באַטראַכט געוואָרן ווי פאַרלעצונג, ווי פאַרראַט.

ניט ווייניק ייִדישע שרײַבערס האָבן אין יענער תּקופה געטראָגן מאַסקעס. ניט אַזוי שלמה רויטמאַן. פּרוּוו איך נאָך צו ספּעקולירן און אַרויסברענגען אַ השערה, אַז זײַן אָפן פּנים, זײַן עכטע אויטענטיקייט וואָלט פאַרמאָגט נאָך מער ייִדישן חן און שורשדיקע ייִדישע טיפקייט, ווען ער וואָלט דאָך געשאַפן אין אַנדערע באַדינגונגען, כאָטש ער — שלמה רויטמאַן — איז אָן ספק קרעפטיק־ייִדיש, אפשר פון די איינציקע, וואָס האָבן אַזוי אויסגעבונדן ייִדישע פאָלקסטימלעכקייט מיט געשליפענעם וואָרט און אימאַזש, און אַוודאי איז ער הימל ווײַט פון אַזעלכע דעקלאַראַטיווע שורות, וואָס אַן אויסגעררונענער ייִדישער סאָוועטישער דיכטער האָט אַ מאָל געשריבן:

איך האָב קיין מאָל ניט געבלאָנדזשעט
אין מײַן קורצן שמייכלענדיקן לעבן.
לאַכט אין מיר מײַן האַרץ, ווען איך דערמאָן זיך
אַז איך טראָג אַ נאָמען נאָך אַ רבין.

אמת, דער דיכטער איציק פעפער האָט אין די יאָרן פון מלחמה, ווען דער צוואַנג פון גיין אין פלאַקאַטישן שפּאַן האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט, אויך שוין געשריבן גרײַלעך מיט אוממיטלבאַרער און וואַרעמער ייִדישער באַטאָנונג, סײַ וועגן זײַן אַלט־פאָלקישן אָפּשטאַם, סײַ אַפילו וועגן היפהר פאָרט און כּרמל־באַרג — —

שלמה רויטמאַן האָט, גראָד פאַרקערט, אַלע מאָל — און מיט אינטימער פאַרבינדונג און מיט אויסדריקלעך הייסן אָטעם — געזונגען און באַזונגען דעם שטייגער פון זײַן ייִדישער היים, פון זײַן זיידן, פון זײַן טאַטן, וואָס הגם זיי זענען ניט באַהויכט מיטן אָפּשטאַם פון רביישן ייִחוס, הויערט אָבער פון זיי מיט געזונטער, יאָדערדיקער דורותדיקייט: ייִדן באַלמעלאָכעס און קענער. ווי ער זאָגט:

א ב ר ה ם ל י ס

און אַזוי על התּורה ועל העבודה,
ביז דאָס האַנט און דאָס האַרץ און דאָס אויג זענען אָפן
און אַז דאָס געצײַג זאָל די נעכט ניט פאַרשלאָפן,
טוט ער זיך מעשׂהדיק ווייל אַ צעהוידע

און ער נעמט זיך דערציילן פון שיכלעך אַזעלכע
וואָס ווער ס'וועט זיי מאַכן און זוכה זײַן טראָגן,
אָט יענעם וועט קיין מאָל דער טויט ניט דעריאָגן.

און אינעם ליד וואָס הייסט „מײַן טאַטנס צוואה" זענען פאַראַן אַזעלכע וואַרעמע בילדערישע שורות:

און מיר גלייבט זיך, איך זע נאָך זײַן וואָרט, וואָס האָט פאַרבן,
און ווי מעשׂהלעך בלויע, זײַנע אויגן מיר ריידן,
זיי קענען נאָך אַלץ מיט דער ליכט זיך ניט שיידן,
ווײַל מעשׂהלעך גוטע — זיי קענען דען שטאַרבן?

סאַראַ גוראָטענער זאָג: „ווײַל מעשׂהלעך גוטע — זיי קענען דען שטאַרבן?" שטאַרבן זיי אָפּ חלילה, פאַרשווינדן זיי, די מעשׂהלעך — איז ווי עס וואָלט פאַרשוונדן און פאַרווישט געוואָרן דער פאָלקס־זכּרון...

זײַן ערשט בוך לידער „ווײַנגערטנער" איז דערשינען מיט 42 יאָר צוריק, און זײַנע לידער האָבן באַלד אויסגענומען סײַ בײַם לייענער, סײַ בײַ דער ליטעראַטור־קריטיק. עטלעכע יאָר שפּעטער, אין יאָר 1947, איז אַרויס אין מאָסקווע זײַן זאַמלונג לידער און פּאָעמעס „גוט־מאָרגן זינגער". איז דאָס געווען אַ ווײַטערדיקער שטאַפּל אין זײַן שפּעדיקער און קרעפּטיקער שאַפונג, ווייניקער פּאַטאָס פאַר די „סאָוועטישע העלקייטן" און מער פּאַרטיפונג אין זיך, אין דער נאַטור, אין דער סביבה, מיט אַ נטיה צו קאָמפּליצירטער פאַרעם און צו אַ מיזוג פון רעאַליזם און סימבאָליק. דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטע־ראַטור־קריטיקער הערש רעמעניק האָט בײַם דערשײַנען פון דער זאַמלונג געשריבן אַזוי:

„די נייגונג צן ראָמאַנטישער קונסט איז געוויס אויך פאַרבונדן מיט דער פאָלקלאָריסטישער טענדענץ פון רויטמאַנס ליד. עס איז צו באַמערקן אַ מין איינהייט פון ליטעראַרישער און פאָלקלאָרישער טראַנספאָרמאַציע, וואָס גיט אַן אייגענע אָרגאַנישע און נאַוואַטאָרישע שמעלצונג, אַן אייגנאַרטיקע אויסבילדונג פון פאַרשיידענע קינסטלערישע אימפולסן און שעפערישע קוואַלן״.

מיר פילן אַז רויטמאַן איז אַ דיכטער אַן ערודיט. ער איז אַ קענער ניט בלויז פון דער ייִדישער און פון דער רוסישער ליטעראַטור, רויטמאַן איז באַזונדערס אַ קענער פון די מערב־אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן און אַ פאָרשער פון היינעס ליריק, וועגן וועלכער ער האָט אויך געשריבן אַ דיסערטאַציע־אַרבעט.

אָבער ניט בלויז אין דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַרישער סביבה האָט זײַן שאַפונג אַזוי אויסגענומען. אויך מחוץ די גרענעצן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ און פריִער פון אַרום „עמעס״ האָט מען אָפּגעפילט — ווען זײַן ליד איז דערגאַנגען צום געניטן ייִדישן לייענער — אַז דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַן אייגנציקאַרטיקן, אָריגינעלן ליריקער. אַ דיכטער פון אַן אייגענער וועלט און פון אַן אייגענעם קינסטלערישן באַנעם. טשיקאַווע, ווי אַזוי יעקב גלאַט־שטיין ע״ה, דער געשליפענער און פּיקחותדיקער דיכטער און עסייִסט האָט רעאַגירט אין יאָר 1965, ווען ער האָט איבערגעלייענט עטלעכע לידער מיט וועלכע שלמה רויטמאַן איז געווען פאַרטראָטן אין דעם זאַמלבוך „האָרי־זאָנטן״. שרײַבט ער דעמאָלט:

„כ׳וואָלט געוואָלט וויסן אַ סך מער וועגן דעם דאָזיקן גרויסן ייִדישן פּאָעט, וואָס וווינט ערגעץ פאַרוואָרפן ווײַט פון אַ ייִדיש אָרט (רויטמאַן האָט זיך דעמאָלט געפונען אין יאָשקאַר־אָלאָ, מאַריִשע אויטאָנאָמע רעפּובליק) און ער שרײַבט פּרעכטיקע ייִדישע לידער, מיט אַזוי פיל ליבשאַפט פאַרן ייִדישן לשון, מיט אַזוי פיל קענטשאַפט און ווירטואָזיטעט, מיט אַזאַ אויסער־געוויינלעך אָרגינעלער בילדלעכקייט, אַז מען לייענט זײַנע שורות מיט אַ ציטער פון פרייד, וואָס אַ דיכטער פון אַזאַ מדרגה איז אונדז צוגעקומען אין דער ייִדישער פּאָעזיע״.

איצט איז אַרויס זײַנס אַ נײַ לידער־זאַמלונג, דאָס ערשטע בוך נאָך זײַן

באַזעצן זיך אין ישׂראל. „דער לץ און דער ריטער״ הייסט דאָס איצטיקע בוך. אין פלוג אַן אויסטערלישער, טשודאַטשנער נאָמען פאַר אַ לידער־זאַמלונג, וואָס האָט אַזוי פיל עכט פאָלקישן טאָן און שטייגערישן מאָטיוו.

שלמה רויטמאַנס ליד אַנטהאַלט גאָר אָפט אַ זעלטענע קאָלירפולע פאַר־פלעכטונג פון פאָלקסטימלעכער מעלאָדישקייט, פון גוטער אינערלעכער פשטות מיט דעם צויבער פון ראַפינירטן, קריסטאַליזירטן פּאָעטישן וואָרט און מיין. צו מאָל באַגלייט זײַן ליד אַ פילאָסאָפישע געדאַנקלעכקייט, וואָס איז אי ניגונדיק מיט דעם קלאָרן אויסדרוק, אי מאָדערן אין זײַן פּאָעטישער פאָרמירונג. — אַן אייגנציקאַרטיקע סובלימאַציע פון יענער איינפאַכקייט, וואָס שאַפט אויף מיט פשטות אַ הויכע דיכטערישע מדרגה: שוין אין די ערשטע צוויי שורות פונעם ליד „דער פויגל״, מיט וועלכן „דער לץ און דער ריטער״ עפנט זיך, זאָגט אונדז אָן וועגן דעם באַזונדערן אופן, זאָגט פון זײַנע אָנגעשפּיצטע חושים, ווי ער זעט, ווי ער הערט, ווי ער פילט אָפּ:

זינגען וועט דער פויגל שוין הײַנט ווידער לידער,
אַז קלינגען וועלן ביימער.
ס׳איז אַ פלייט, ווי גלײַך אַ שפּיז, אַרײַן אין זײַנע ביינער.

און ווייטער:

אויף די צווײַגן נעמט ער שטײַגן, ווען זײַן קול ווערט יינגער.
הייסע ערד און לינדער הימל, און אין מיט — דער זינגער.

און אָט איז אַ סטראָפע פון זײַן באַקאַנטן ליד „וואָס אין פידעלע שטעקט״. סאַראַ אויסדריקלעך בילד קומט אויף פון די פיר שורות:

ס׳גיסט זיך אויס אין גאַנצן אַ פידעלע,
אויף קיין מאָל ניט ווערן פוסט,
ניט אומזיסט דאָך איז בײַ אַ פידעלע
אויפגעעפנט די ברוסט.

איך קען מיך ניט אײַנהאַלטן פון ציטירן נאָך אַ צאָל שורות פון לידער,

וואָס כאַראַקטעריזירן רויטמאַנס מעלאָדישקייט, זײַן רײַכן, קאָלירפולן לשון, זײַן בריהדיקע ריטמיק, זײַנע לײַכטע, טרעפלעכע, בילדערישע און שײַכותדיקע גראַמען, און איבער אַלעם זײַן אין פלוג תּמימותדיקע, אָבער רייציק אַנלאָקנדיקע געדאַנקלעכקייט:

הייליק ווי די ליבע איז דאָס ברויט,
שטאַרקער איז דאָס ברויט דאָך פאַרן טויט.

נאָך אַ פערז:

מײַן הוידלקע הענגט, ווי אַ פויערשע וויג,
צו הייך צוגעבונדן מיט אַלע פיר שטריק —
און ניט צו קיין באַלקן — צו זון און צו רוים,
זי הענגט צוגעבונדן צום קינדערשן טרוים.

אגב, רויטמאַן, ווי וויניק פון די סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבערס, קערט זיך גאָר אָפט צו זײַן קינדהייט, צו זײַן טאַטע־מאַמע־היים, צום דעם אָרום, צו דעם פּייזאַזש פון וואַלד און צו די פּירות פון גאָרטן, צו דער „אַלטער ווינטמיל":

ס'הענגט די מיל אויף פליגלען אין דער הימלהייך פאַרטאָן
פונקט ווי אין זכרונות שוין אין גאַנצן אָנגעטאָן.

אָט האָט ער גענומען אַזאַ גייענדיק וואָרט, שיִער ניט קיין אָפּגענוצט וואָרט, ווי „זכרונות", עס אָנגעטאָן אויף די פליגלען פון מיל, און וואָס פאַר אַ סיטואַציע און שטימונג עס שאַפט אויף פאַר אונדז.

פון אַ באַזונדערן באַטײַט זענען רויטמאַנס נאַטורלידער, זײַנע שילדערונגען פון נאַטור און די געזאַנגען צו דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון פּייזאַזש. לידער צום סטעפּ און פעלד און צו די פעלדזן, וואָס ריידן אויף זייער שפּראַך, און וועגן דיביימער, וואָס זינגען שירה, און די פאַרנאַכטן, די בין־השמשותן, וואָס רעגן צו אומעט אָבער אויך צו שאַפערישער פאַרטראַכטקייט. — —

אָט זענען אין עטלעכע שורות קולמינירט סײַ דאָס שילדערישע, סײַ די עפּיק, סײַ אַ מחשבה אַזאַ:

אברהם ליס

פרעג פאַר וואָס שיסט מײַן האַרץ אין דער ברוסט
אויס פאַר פרייד אַזאַ בלוטיקן געוויין?
אַך, עס זעט, אויפן באַרג האָט אַ קוסט
מיט וואָרצלען צעשפּאָלטן אַ שטיין.

אָבער אַן אַנדער געוויין גלימערט אין זײַן ברוסט און קלעמט אים ביז הײַנט — דאָס געוויין אויף דעם אומקום פון זײַנע נאָענטע אין די יאָרן פון נאַצישן גיהנום. אַ צאָל לידער און פּאָעמעס זענען געווידמעט דער אומקום־תקופה. אַן אומפאַרגעסלעכן רושם לאָזט איבער זײַן לידער־ציקל פון דעם אין יסורים געטובלטן „דער פרײַלעכער פּעטער ניסל". די צוועלף לידער וועגן זײַן יונגן ברודערל, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן אין פּעטראַשער טויטן־לאַגער. דער גאַנצער לידער־אָפּטייל, וואָס הייסט „בראָך", ווירקט זיך אויס מיט דעם טרויער און פּײַן פון דעם בראַנדטיגל, וואָס אונדזער פאָלק איז דורכגעגאַנגען.

דאָס בוך „דער לץ און דער ריטער" איז געוועזן אַן אָפּקלײַב פון דעם, וואָס רויטמאַן האָט געשריבן פון די ערשטע יאָרן ביז ערב זײַן עולה זײַן אין לאַנד.

געוויס, מיר וואַרטן איצט אויף זײַן דיכטערישן גאָב, וואָס איז אויפ־געגאַנגען בײַ אים די לעצטע יאָרן אויפן באָדן פון ישראל. לידער וואָס זענען אָן ספק באַווירקט פון זײַן אײַנלעבן זיך אין דער נײַער היים, באַגלייט פון זײַן אייגנדיקן וואָרט און פּאָעטישן ניגון. ער האָט אַ באַזונדערן ניגון שלמה רויטמאַן.

משה שקליאַרס לידער

בשעתו, מיט אַ וועלכע צוויי צענדליק יאָר צוריק, ווען אין דעם חורבן, נאָכמלהמהדיקן פוילן, בעיקר טאַקע אין וואַרשע, האָט אַ הײפל יידישע שרײַבערס און קולטורמענטשן געפרוווט אויפבלאָזן פונקען פון יידישער שאַפערישקייט, געפרוווט ממשיך זײַן די יידישע קולטור, האָב איך געלייענט אין די דאָרטיקע אויסגאַבעס, וואָס זענען ניט רעגולער דערגאַנגען צו אונדז אין ישׂראל — „די יידישע שריפטן" און די „פאָלקס־שטימע", — לידער פון משה שקליאַר. דער נאָמען איז געווען פאַר מיר ניַי, ניט באַקאַנט, אָבער זײַן שאַפונג האָט גאָר געפעלן. עפּעס אַן אויפריכטיקער טאָן איז אויפגעגאַנגען פון די לידער און פּאָעמעס. אויפריכטיקייט, ניט געקינסטלטע שטימונג און קלאָרקייט פון וואָרט, און דאָס מיט גרײַלעכער פשטות פון אויסדרוק.

ס'איז געבליבן דער אײַנדרוק: דאָס זענען לידער פון אַן אָפענעם, ערלעכן מענטשן, פון אַ דיכטער וואָס זײַן וועג איז גראַדליניק און אוממיטלבאַר, און במילא איז עכט זײַן אויסדרוק און וואַריק דער קלימאַט וואָס ער שאַפט.

איך האָב מיך געפרוווט נאָכפרעגן אויף אים — ס'האָבן דאָך שוין דאַן אָנגעהויבן אָנקומען אין לאַנד יידישע שרײַבערס פון דער פּוילישער, מיט שינאה אָטעמענדיקער ערד. מיט וואַרעמקייט און באַציִונג האָבן זיי גערעדט וועגן משה שקליאַר.

פון זינט ס'איז דערשינען זײַן ערשט בוך אין וואַרשע, מיט אַ וועלכע 25 יאָר צוריק, אונטערן נאָמען „רויִנען און רושטאָוואַניעס", ווו דער דיכטער, ווי אַלע יידישע שרײַבערס אין פוילן דאַן, האָט נאָך אויף די רויִנען געחלומט און געדאַכט, אַז מען קאָן פאַרלייגן רושטאָוואַניעס און אַרויפציִען גאָרנס — אַ נײַ יידיש לעבן — זענען נאָך אַרויס אין וואַרשעווער „יידיש־בוך" נאָך פיר לידערביכער שקליאַרס: „טעגלעכע מי", „בלעטערפאַל", „פשוטע ווערטער" און „פאַרשפעטיקטער פרילינג". ליידער זענען צו מיר אָט די ווײַטערדיקע ביכער ניט דערגאַנגען, אָבער דער אײַנדרוק איז דאָך געווען אַזאַ, ווי איך האָב עס אָפּגעפילט אין די לידער און באַלאַדעס, וועלכע איך האָב געלייענט אין די פעריאָדישע אויסגאַבעס און זשורנאַלן (פון די יאָרן ווען משה שקליאַר האָט געלעבט אין פוילן).

איז געקומען איצט זײַן זעקסט בוך, וואָס איז אַרויס אין י.ל. פּרץ־פאַרלאַג, „אין דמיון פאַרזיגלט" און האָט — איך דערלויב זיך צו זאָגן — צו מײַן באַפרידיקונג, באַשטעטיקט דעם דערמאָנטן אָפּשאַץ, דהײַנו: פאָלקישע פּשטות, עמאָציאָנעלע שטימונג וואָס איז גלײַכליניק און אָפן. אײַנפאַכער, וואָרער אויסדרוק, וואָס אַלץ צוזאַמען קומט זיך צונויף צו דער גרויסער מעלה, צו דער פּאָעטישער מדרגה, וואָס הייסט עכטקייט. עכטקייט הויכט איבער דעם בוך, איבער די לידער וואָס זענען בײַ שקליאַרן „אין דמיון פאַרזיגלט".

איך ווייס ניט פאַר וואָס, נאָר לייענענדיק אָט דאָס בוך האָב איך די גאַנצע צײַט געהאַט דאָס געפיל ווי די זאַמלונג וואָלט געווען אַן אָפּקלײַב, אַן אַנטאָלאָגיע — אַ גוט צוגעקליבענע אַנטאָלאָגיע פונעם דיכטערס שאַפונג. אפשר איז עס דערפאַר וואָס די אָפּטיילן, די לידער־ציקלען אינעם בוך זענען אַזוי געאָרדנט, ווי זיי וואָלטן כאַראַקטעריזירט און מאַניפעסטירט דעם דיכטערס ביאָגראַפישן גאַנג. און אפשר איז עס שייך דער טעמאַטישער אײַנטיילונג פון די לידער — ווי זיי קומען אַרײַן אינעם בוך? —

איך וועל געוויס גאָרניט מחדש זײַן ווען איך וועל זאָגן: די ביאָגראַפיע, צו מאָל איינציקע לעבנס־קאַפּיטלעך פונעם דיכטער, פונעם קינסטלער בכלל, זענען גאָר אָפט אַ שליסל צו דער דערקענטעניש פון זײַן שאַפונג.

אין אָט דעם בוך „אין דמיון פאַרזיגלט" רופט זיך איינס איבער מיט דאָס אַנדערע. און מיר פילן אָפּ אויף אַזאַ קענטיקן אופן די איבערלעבונגען, די קאָנפליקטן, די פיבערדיקע שטימונגען פונעם דיכטער, און אפשר ניט נאָר פון אים נאָר פון דער גאַנצער שיכט שרײַבערס אין די יאָרן אין וועלכע מ'האָט געהאָפט און געחלומט און אַזוי אייפעריק געגלייבט, און שפּעטער אַזוי ביטער, אַזוי אַכזריותדיק אַנטוישט געוואָרן, ווי עס זאָגט שקליאַר:

וועלן מיר זיי גוט געדענקען —
סײַ דעם הימל, סײַ די ערד,
צײַטנווײַז אַפילו בענקען,
אָבער קיין מאָל מער נישט שענקען
די, וואָס האָבן אַלץ צעשטערט —

און עס איז צעשטערט געוואָרן פריִער דער גרויסער חלום פון אָקטאָבער, וואָס האָט אַזוי צוגעזאָגט, געלאָקט און גערופן גרויסע טיילן פון דער גוטער ייִדישע יוגנט, מחמת דער אָקטאָבער האָט כּידוע גלײַכצײַטיק געדאַרפט אויפֿריכטן אויך די פֿאַרשמאַכטע ייִדישע דאַליע; און שפּעטער איז צעשטערט געוואָרן דער ערלעכער ווילן און מהותדיקער גלויבן אַז אין פּוילן, אין לאַנד פון דער געוועזענער ייִדישער דורותדיקייט, וועט ווידער אויפקומען און ס׳וועט זיך פונאַנדערוויקלען — כאָטש אין ראַם פאַר אַנדערנקשאַפט — ס׳וועט אויפקומען ייִדיש לעבן, ייִדישע שאַפונג, פוילן וועט זײַן אַנדערש. איז געקומען די ביטערע יסורימדיקעווירקלעכקייט, ווי שקליאַר ברענגט זי אַזוי אָפן און בולט — ווי אַ צעעפנטע וווּנד. ס׳איז ווידער די טראַגישע אַנטוישונג:

> איר האָט פאַר מיר אויף ס׳נײַ צעצונדן
> שײַטערהויפנס
> און געפרווּוט פאַרקויפן
> מײַנע וווּנדן,
> און געשריגן האָט איר ווילד —
> פאַררעטער,
> טאָג און נאַכט געבילט
> אין עטער
> וועגן מײַנע זינד
> די קיין מאָל ניט באַגאַנגענע.

מיר דאַכט, אַז איינס פון די סאַמע פלאָגן און ווייטיקסטע דערשײַנונגען אין אַלע גלות־לענדער און פאַר אַלע צײַטן און דורות, צי אין אַמאָליקן איטאַליע, אין פראַנקרייך און דײַטשלאַנד און אַפילו אין ענגלאַנד — איז געווען דאָס כּסדרדיקע פאַרענטפערן זיך און דאָס כּסדרדיקע טראַכטן און וואַכן איבער דעם וואָס דער ניט־ייִדישער אַרום וועט זאָגן. „ווי אַזוי וועלן עס די גויִים רעאַגירן?” משמעות אַז אָט די אייגנשאַפט איז געווען אַזוי אַרײַנגעוואָקסן און פאַרוואָרצלט, אַז אונדזער גרויסער דיכטער יהואש, וואָס איז געקומען קיין ארץ־ישׂראל מיט איבער זעכציק יאָר צוריק, שוין דעמאָלט

פון בעסטן יידישן גלות, פון גלות־אַמעריקע, האָט פאַרצייכנט אין יאָר 1913: „אין ארץ־ישׂראל — שרײַבט ער — האָבן זיך די אויגן לחלוטין אויפגעהערט אומצודרייען: וואָס וועלן לײַטן זאָגן?... ס'איז אַ יידישקייט וואָס לעבט אויף זיך און מיט זיך און פילט, אַז אַ דין־וחשבון דאַרף זי קיינעם ניט אָפּגעבן אַחוץ זיך אַליין"... און כאָטש פאַר די איבער זעקס יאָרצענדליקער האָבן זיך ל'ענדער און יישובים איבערגעקערט און רעזשימען האָבן זיך געענדערט און אונדזער פאָלק איז דורכגעגאַנגען דאָס טראַגישסטע און דראַמאַטישסטע, בלײַבט דאָך יהואשס שפּירונג און אינטערפּרעטאַציע אַזוי היינטיק און אַקטועל. וואָרעם משה שקליאַר לאָזט אין אויבן ציטירטן ליד וויסן „דער גאַנצער וועלט", אַז... „איך קום צו דיר / אַ ריינער" און ער בעט: „פאַרהיט מיך פונעם מבול שטיינער / און פון דער שווערד, / וואָס פאָכעט אַלץ נאָך איבער מיר / אין מײַן געוועזן היימלאַנד". און כאָטש ער דערקלערט אין אַ צווייטן ליד: „פאַר וואָס איך בין אַוועק? / ניט שרעק / נאָר שטאָלץ האָט מיך באַוויגן", ווערט ער פאַר אונדז אפשר דערהויבענער פון אַזאַ מאַניפעסטאַציע, אָבער גראָד זײַנע לידער און באַלאַדעס, ווי זיי קומען אין די אָפּטיילן „גירוש פוילן", „אַזוי האָט גערעדט אין מײַן חלום", „פאַרשווונדענע גאַסן" אַנטפּלעקן פאַר אונדז אינעם פולן היקף דאָס פּײַנפולע געמיט און די פאָכנדיקע רוט, די שרעק און די איבערלעבונגען וואָס גייען אים נאָך, וואָס באַגלייטן אים ביז היינט. און נאָך אַ מאָל און ווידער קערט ער זיך אום צו דעם, וואָס איז אָן ספק פאַרזיגלט אין אים, ער באַמיט זיך אויך דאָס אַלץ צו פאַרווישן, ער קערעווועט אַפילו זײַן ליד ביז צום אָפּווער, אָבער — —

ס'איז סמוטנע, ס'איז עצבותדיקער מאָטיוו. אַ טיפער אומעט ווירקט זיך אויס פון די אַלע לידער, און דאָך איז טשיקאַווע נאָכצופאָלגן און אָפּפילן דעם אינערלעכן קאָנפליקט פונעם דיכטער. ס'איז בפירוש מער ווי בלויז אַ דיכטעריש־ליטעראַרישע פּראָבלעם. פון דאַנעט דערקענען מיר אַ ברייטערע גאַמע פון סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע עלעמענטן.

אין פלוג זעט עס אויס אַז מיר פילן אָפּ דעם יחידיש געטראָפענעם געמיט פונעם דיכטער, וואָס ראַנגלט זיך מיט דער נאָסטאַלגיע און פאַרבענקטקייט און פּרוּווט דאָס אָפּמעקן, פאַרווישן, לענקענענדיק זיך אײַנצולעבן אין דער נײַער ווירקלעכקייט. אָבער דער מהות פון דעם איז טיפער און ברייטער,

ווײַל עס רירט אָן און קומט אויף און רופט זיך איבער מיט די דראַמאַטישע פּאַרלויפעניש פון אונדזער דורותדיקן גאַנג, וואָס דערגייט ביז צו אונדזער לעצטער צײַט, די צײַט פון אומקום פון ייִדישן לעבן אין פוילן און פון דער טראַגישער אויפלייזונג פון די אָנשטרענגען און פּאַרמעסטן אויפצולעבן, כאָטש ווי אַ יזכור־ליכט, ייִדיש לעבן און ייִדיש שאַפן דאָרט.

אַ סך פון זײַנע לידער ווידמעט משה שקליאַר דעם אומגעבראַכטן ייִדישן שטייגער אין פוילן, דעם ספּעציפיש ייִדיש־פּוילישן קלימאַט, וואָס איז מער נישטאָ. אַזוי איז זײַן ליד „פּוילישע ייִדן" און „משה" אין דעם אָפּטייל „גירוש־פּוילן". ווידער קומען מיר צו דער ייִדיש־פּוילישער מיליע:

טײַכן און וועלדער גערעדט האָבן ייִדיש.
פייגל געשפּילט אָרעמאַנסקע־נגידיש,
מיט ייִדישן ניגון געוויגט זיך די לאָנען,
ווי זיי וואָלטן ייִדישע תּפילות דערמאָנען.

משה שקליאַר איז אַ געבוירענער אין וואַרשע. און וואַרשע איז געווען אַ ייִדישע אימפּעריע. איז זי אַרײַנגעוואָקסן אין זײַן לײַב און לעבן. מיט אַלע פיבערן פון זײַן וועזן רעדט ער און פלאַטערט בײַם דערמאָנען זײַן שטאָט. און פונקט מיט אַזאַ ייִחוסדיקייט מאָלט ער דיכטעריש די היימישע ייִדישע המונישקייט. ביז גאָר רירנדיק זענען זײַנע לידער אין דער וואָרעמער דער־מאָנונג פון די פאַרשוווּנדענע ייִדישע גאַסן, ווי מוראַנאָוו און נאַלעווקעס, דזשיקע און ניזקע, גענשע און סמאָטשע. אין זײַנע לידער טויכן אויף און לעבן אויף די ייִדישע גאַסן און געסלעך, ניט נאָר מיט זייער באַזונדערער אויסערלעכקייט, נאָר זיי ווערן אונדז ווידער באַקאַנט מיט זייער כאַראַקטער־ריסטישער אַטמאָספער און געמיט. אויך גאַסן און הייף פאַרמאָגן זייער באַזונדערן געמיט. שקליאַר שילדערט אָט די גאַסן פון אינעווייניק. גייט אויף פון זיי זייער ספּעציפישער נוסח און ריטעם, ווו עס הויערט דער עול און דער יאָך פון זייערע באַווינער, פון זייערע פּרנסות און טוּונגען. יעדע גאַס מיט איר אייגנטימלעכן קאָליר און ריח, און איבער אַלץ — די קערנדיקע ייִדישקייט. אויך די ייִדישע גבורה פאַרגעסט ער ניט:

א ב ר ה ם ל י ס

אויף איין זײַט פון גאַס אַ מלינה,
פון צווייטער זײַט גאַס איז אַ שענק,
דאָ, אין דער טרעגער־מדינה,
דער ייִדישער גבורה איז ענג.

צו אונדזער גרויסן צער איז די ייִדישע גבורה סײַ די פון דער „טרעגער־מדינה", סײַ די וואונדערלעכע גײַסטיקע גבורה ניט בײַגעשטאַנען, פונקט ווי ס'האָט ניט געהאָלפן די פאַרעקשנטע גבורה פון וועלן ווידער שפּרײַזן צווישן פאַרשוואונדענע הײַזער און פאַרשוואונדענע גאַסן.

*

אינעם בוך „אין דמיון פאַרזיגלט" קומט אַרײַן אַ באַדײַטנדיקע צאָל לירישע לידער. באַזונדערס קענטיקן זיי זיך אויס אין דעם אָפּטייל „דאָס קריגעלע ליד". אויך דאָ דאָמינירט גאָר אָפט דאָס אַקטועלע און די קאָשמאַרישע שטימונג פונעם דיכטערס דורכגעלעבטע נסיונות. אויך דאָ קומען צום אויסדרוק די געשעענישן און די איבערלעבונגען פון אונדזער צײַט. אָבער אַ לויטערקייט גייט דאָך אויף פון זײַנע לירישע מאָטיוון און רײַסט זיך אָפט דורך פאַרכמאַרעטע הימלען.

און אַ שטילקייט איז פאַראַן אין אָט די לידער און אַזאַ פּיקחותדיקע פאַרטראַכטקייט, צו וואָס מענטשן וואָס זענען געפּרוווט געוואָרן דורך די קאָכיקע טיגלען פון צײַט זענען שאַרפער און פילבאַרער. דורך די שווערע איבערלעבונגען רײַסט זיך דורך אַזאַ וואַרעמע טויִקייט און אַפילו אַ חנעוודיקע, האַרציקע תמימות. און ס'איז גוט אַזוי צו פילן, ווי עס זאָגט משה שקליאַר:

אין תהום פון ווערטער
איז דאָס שווײַגן אַ געזאַנג,
וואָס מיניעט זיך מיט אַלע קלאַנגען
פון דער וועלט,
נאָר דו קאָנסט צו זיי ניט גרייכן —

אין דער מחיצה פֿון שאָפּער

װי לאַנג
דער אמת האָט ניט
אױפֿגעהעלט.

אויך אין אונדזערע איצטיקע טעג וואַרטן מיר אויפֿן אמת, וואָס זאָל אויפֿהעלן.

דער מאָלער משה בערנשטיין

(אַ האַלבער יובל פון שאַפן אין ישׂראל)

מיט אַן ערך פינף און צוואַנציק יאָר צוריק האָט משה בערנשטיין זיך באַוויזן אויף אונדזער ישׂראלדיקן מאָלערישן פּאַרנאַס און ער האָט באַלד פאַרנומען אַן אייגנדיקע פּאָזיציע, מחמת זײַנע שאַפונגען האָבן אַ געלאָקט, אַ געצווונגען זיך צו פאַרטראַכטן וואָס שייך זײַן קינסטלערישן פּאַרנעם, וואָס איז געווען בעיקר געבונדן צו אַ מאָטיוו, צו אַ סביבה און פּייזאַזש וואָס מיר אַלע האָבן געטראָגן אין אונדזער געמיט.

גלײַכגילטיק האָבן זײַנע בילדער קיינעם ניט געלאָזט. ניט מער, דער ווילן — בײַ אַ טייל ישׂראלדיקע קונסט־געניסער — זיך צו האַלטן מיט „לײַטן גלײַך" מיט „לענדער גלײַך", אָט דער סנאָביסטיש־קינסטלעכער צו־גאַנג, וואָס גרענעצט גיכער מיט פּראָווינציאַליזם איידער מיט וועלטישקייט, האָט צו מאָל שווערלעך פאַרדײַעט משה בערנשטיינס בפירוש אָפענע, אויס־דריקלעך יידישע טעמאַטיק, זײַן אייגנאַרטיקן, מקורותדיקן יידישן באַנעם און זײַן מאָטיוו וואָס האָט אויפגעזונגען מיט עצבות און דערמאָנונג פון אַ יידישער וועלט, וואָס איז אָקערשט פאַרשוווּנדן, וואָס איז אַזוי טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן. ס'וואָלט געווען ניט ריכטיק צו זאָגן אַז בלויז דאָס און נאָר דאָס, ס'הייסט אַז נאָר דער יידישער מאָטיוו איז געקומען צום אויס־דרוק אין זײַן שאַפן פון יענער צײַט. פאַרקערט, אין זײַנע אינטענסיווע און אוממיטלבאַרע עמאָציאָנעלע מאָלערײַען פון זײַנע אָנהייב־יאָרן אין ארץ־ישׂראל קענטיקט זיך דווקא אויס אַ ברייטע גאַמע פון טעמעס און מאָטיוון; ער האָט געמאָלן לאַנדפּייזאַזשן, די לאַנדשאַפטן פון גליל און עמק, ער האָט געמאָלן מידברדיקע זאַמדן און נײַ־געפּלאַסטערטע וועגן, ער האָט געבראַכט פאַר אונדז אַ ריי געשטאַלטן, טיפּן און סביבות פון אונדזערע עדות און שבטים, און ער האָט אַרויסגעבראַכט מיט פּלאַסטישער שיינקייט אַל די זעונגען און איבערלעבונגען, וואָס זענען מושפּע דעם קינסטלער און באַוועגן אים אויסצודריקן דאָס פּאַראַנױע — די דערשײַנונגען און אַנטפּלעקונגען פון שטח אויף וועלכן מיר לעבן.

משה בערנשטיין האָט אין זײַנע מאָלערײַען פון יענער צײַט אויסגע־דריקט — מיט פאַרשפּיצטער פּילבאַרקייט — דעם קלימאַט און די שפּירונג פון צײַט און לאַנד און מענטש. און דאָס מיט אַזאַ פּרעציזקייט און עכטקייט און מיט אַזאַ כאַראַקטעריסטישן ציטער — אַז מיר האָבן אויך אָפּגעפילט זײַן אייגענעם אינערלעך־קינסטלערישן געראַנגל, ווי זײַן ניט וועלן און ניט קאָנען זײַן מיט „מאָלער גלײַך״. נאָר ער ווערט ווי געשטויסן צו געפינען זײַן אייגענעם יחידישן וועג, צו געפינען אויסדרוק פאַר דעם שאַפערישן אומרו, וואָס האָט געהויערט אין אים, גערופן, געמאָנט און געצונדן זײַן געמיט — — דהײַנו: וואָס איז די אויפגאַבע פון ייִדישן קינסטלער אין אונדזער הײַנטיקער צײַט? וואָס איז זײַן ראָלע? און וואָס דאַרף זײַן זײַן בײַטראָג צו דער קונסט, בלײַבנדיק געטרײַ זיך אַליין און זײַן ייִדישן און מענטשלעכן געוויסן?

לאָמיר ניט פאַרגעסן, ס׳איז דאָך געווען באַלד נאָך דעם ווען מ׳האָט דערזען דעם טרויעריקן סך־הכּל, אַז בלויז האַלעוועשקעס זענען פאַרבליבן פון אַ גרויסן און צעצווײַגטן דורותדיקן לעבן אין מיזרח־אייראָפּע. נאָגנדיקע דערמאָנונגען האָבן אַזוי שנײַדיק בולט געמאַכט דאָס גוטס וואָס מיר האָבן פאַרלוירן, די אַלטע, דורותדיקע ייִדישע היימען, וואָס זענען אומגעקומען.

פון אָט די דורותדיקע ייִדישע היימען, פון די ייִדישע שטעט און שטעט־לעך זענען געקומען כּמעט אַלע ייִדישע קינסטלערס, דיכטערס, שרײַבערס, בויערס און טרוימערס, די פאַרמירערס פון אונדזער ליטעראַטור און קונסט. פון אַזאַ ייִדיש־שטעטלשער היים איז געקומען אויך משה בערנשטיין, און אין אָנבליק פון דעם גרויליק פאַרלאָפּענעם, אין אָנבליק פון דער אומקום־דראַמע איז אויפגעגאַנגען אין אים שאַרפער און טיפער דאָס געפיל פון קינסטלערישער מיסיע, דאָס געפיל פון שליחות, פאַרפיקסירן דאָס נעכטיקע ייִדישע לעבן, וואָס איז נישטאָ מער.

משה בערנשטיין האָט אַזוי אָפּגעפונען זיך און זײַן מאָלערישע אויפגאַבע. ווי ווייניק ווער — און אפשר דער איינציקער — צווישן די ישׂראלדיקע קינסטלערס האָט ער זיך כּל־כּולו געווידמעט דעם פאַר אים מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן חוב, — באַקענען דורך דער פּריזמע פון זײַן שאַפן דעם טיפּאַזש און פּייזאַזש פון אַן אומגעבראַכטער ייִדישער וועלט. און ער האָט ווי פאַר־

וואָרפֿן אַלע אַנדערע מאָטיוון, אויסגעמיטן אַלץ וואָס עס האָט אים געקאָנט באַאײַנפֿלוסן און קערן צו עפּעס אַנדערש, ווי ברענגען צום אויסדרוק די ייִדישע גאַס, דעם שולהויף, דעם אַלטן שמש און דעם מלמד, די הײַזער פֿון שטעטל, דעם וועקזייגער און די ניימאַשין, די פֿרומע ייִדן און זייערע חנעוו־דיקע טעכטער, כּלה־מיידלעך, דעם מתמיד אין קלויז און דעם וואַסער־טרעגער, — דורך זײַן אייגענעם שנײַדיקן קוק, וואָס זאָגט און רופֿט „זעט וואָס פֿון דעם אַלעם איז געוואָרן״. — — אָבער אַפֿילו דורך זײַן שנײַדיקער, שאַרפֿער מאָנונג און דערמאָנונג גייט אויף שטימונג, די פֿאַרבענקטשאַפֿט, דער ליִרישער טאָן, די האַרציק־נשמהדיקע פּלאַסטישע עפּיק פֿון דעם קינסטלער.

ער האָט געמאָלן זײַנע — אונדזערע אַלעמענס — אייביקע געשטאַלטן און פּייזאַזשן, פֿריִער אין אויסדרוקספֿולע צונטערע פֿאַרבן, שפּעטער — און אַזוי ביז הײַנט — אין שוואַרץ־ווײַס. שוואַרץ־ווײַס — דאָס זענען די אייגנ־טימלעכע פֿאַרבן פֿאַר זײַן מאָטיוו. ס׳איז דאָך דער ריכטיקער לבוש פֿון זײַן תּוכיקער מאָלערײַ, ס׳איז דער פּאַסיקער נוסח צו דעם אינהאַלט פֿון זײַנע אַרבעטן, וואָס טראָגן אַ קינסטלעריש־אידעיִשע אויסגעהאַלטנקייט.

איך האָב די טעג געלייענט אַ פּאָר אינטערעסאַנטע אַרויסזאָגונגען וועגן קונסט פֿון איינעם פֿון די אייגנאַרטיקסטע געשטאַלטן אין דער אַמאָליקער רעוואָלוציאָנערער און שפּעטער קאָמוניסטישער באַוועגונג, אַנאַטאָלי לו־נאַטשאַרסקי, וואָס איז געווען אַליין אַ באַגאַבטער עסייִסט און דראַמאַטורג. זאָגט ער: „דער קינסטלער ווערט אַ פּריידיקער דווקא צוליב דעם, וואָס דער קינסטלער, וועלכער לעבט אין אים, טרײַבט אים אָפּצושפּיגלען דאָס לעבן אין זײַן תּוך, אין זײַן אייגנטלעכן אינהאַלט, אָפּצושפּיגלען קאָנצענטרירט אַ סך לעבן אין איין פּונקט... בײַם קינסטלער איז דאָס פֿילן שטאַרקער פֿאַרן דענקען; ריכטיקער, ער דענקט ניט מיט רינגען אין אַ קייט פֿון לאָגיק, נאָר ער דענקט מיט געשטאַלטן, מיט בילדערײַ״. (לונאַטשאַרסקי איז געווען אַ גײַסטרײַכער שרײַבער און אַן ערלעכער רעוואָלוציאָנער. ער איז געשטאָרבן אין 1933.)

און ס׳איז אמת זײַן באַהויפּטונג, אַז בײַם קינסטלער איז דאָס פֿילן שטאַרקער ווי דער געדאַנקלעכער פּראָצעס, ווי די מחשבה־געקייטלטקייט.

אָבער מען מוז צוגעבן אַז בײַם רוב עכטע קינסטלערס, אויף יעדן צווײַג פון קינסטלערישן שאַפן, גייט בײַנאַנד און עס פאַררינגלט זיך מהותדיק און אָרגאַניש מחשבה און געפיל, שטימונג און געדאַנק, פאָרעם און אידעע, און עס דערגייט צו דעם וואָס עס הייסט: קינסטלערישע גאַנצקייט.

קינסטלערישע גאַנצקייט איז פאַראַן אין משה בערנשטיינס בילדער, כאָטש אומרו און נאָטירלעכער טרויער ווייעט פון זײַנע שאַפונגען, אפשר ווײַל זייער אינהאַלט און מאָטיוו פירט אונדז נאָסטאַלגיש אַריבער צו אַ טראַגיש אומגעבראַכטער וואָר? אָבער גראָד אַזאַ איז דאָך דער אמת פון אונדזער תקופֿה.

משה בערנשטיין דערגרייכט עס מיט זײַנע היקפּדיקע צייכענונגען, דורך זײַנע דינע, לויטערע ליניעס, וואָס אָט זענען זיי קאָנצענטרירט און אָט צעלויפֿן זיי זיך סימעטריש און זיגזאַגיש און דערגייען צו אַ מאָלערישער האַרמאָניע, צו אַזאַ שטילער, געדעמפּטער מעלאָדישקייט, ווי די געשטאַלטן און שטיל־לעבנס וואָלטן דיר אין דער שטיל אויסדערציילט אַ כּישופֿדיקע מעשׂהלע פון אַ מאָל.

איך ווייס ניט פאַר וואָס? צי דערפאַר ווײַל משה בערנשטיין איז אַזאַ ענטוזיאַסטישער ליבהאָבער פון מוזיק? צי דערפאַר ווײַל ער איז אַזאַ געטרײַער לייענער פון גוטער פאָעזיע, עפּעס האָב איך אים פון צײַט צו צײַט חושד געווען אַז ערגעץ, פאַר זיך, שרײַבט ער אויך. איז עס דאָך ניט קיין חכמה צו זאָגן עס איצט, ווען מיר ווייסן שוין אַז ניט נאָר שרײַבט ער לידער, נאָר ער שרײַבט טאַקע האַרציקע, שטימונגספולע לידער, ווי זיי קומען אַרײַן אין זײַן פראַכטיקן, איצט אַרויסגעגעבענעם אַלבאָם. בלײַבט ניט אַנדערש איר זאָלט בכּרכו מוזן גלייבן אַז מײַן השערה איז טאַקע געווען אַזאַ.

איז דער באַנד, דער אַלבאָם מיט לידער און באַגלייטנדיקע צייכענונגען „מײַנע אינטימע מינוטן" ניט נאָר אַ געראָטענער אויפטו, אַ קינסטלערישער אויפטו, נאָר אַ שטאַפּל אינעם אייגנדיקן גאַנג פון משה בערנשטיין, וואָס באַצייכנט די שיינע דאַטע פון זײַן פינף און צוואַנציק־יאָריקער קינסטלערישער אַקטיוויטעט אין ישׂראל. נאָך אַזאַ דורכגעגאַנגענעם רײַף־פּרוכטיקן וועג, אָפּצייכענענדיק די דאַטע פון 25־יאָריקער קערנדיקער שאַפערישקייט, און צו בלײַבן אַזוי מיט די צווייפלען, ווי ער זאָגט אין זײַן אַרײַנפיר צו דעם

אַלבאַם: „איך בין אין ספקות וועגן מײַנע לידער פּונקט ווי וועגן מײַן מאַלערײַ". דאָס אַליין איז אַ מדרגה, אַזעלכע שפּירונגען זענען כאַראַקטעריסטיש נאָר פֿאַר עכטע, אמתדיקע קינסטלערס. — — ווײַל אַלץ וואָס עס שאַפֿט משה בערנשטיין, קומט אויף בײַ אים „ממעמקים", ווי ער דריקט עס אויס אין זײַן ליד:

ממעמקים, פֿון די טיפֿסטע־טיפֿן
גיי אויף מײַן אויסגעבענקטע טרייסט
ווי אַ דין־דינסטער קלאַנג.
ממעמקים, פֿון די טיפֿסטע־טיפֿן
גיי אויף מײַן גלויבן פֿון מענטש צו מענטש
מיט שטילן געזיכערטן גלויבן.

די לידער „פֿון מײַנע אינטימע מינוטן" זענען זײַן ממעמקים אומעטגעזאַנג וועגן דער אומגעבראַכטער היים, פֿון און צו אַלץ וואָס די יידישע היים האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט. ערגעץ ווו רופֿן זיך איבער אָט די טעבער מיט דער פֿאָלקסטימלעכער מיליע פֿון מרדכי געבירטיגס ליד, רופֿן זיך איבער מיט דעם אויסגערופֿענעם, אויסגעטובלטן אין וויי און צער מאָטיוו פֿון סעגאַלאָוויטשעס לידער און פֿאָעמעס פֿונעם טרויעריקן „נישטאָ". משה בערנשטיינס לידער אויף אָט דער טעמע זענען אָפֿט מאָל נאָך וויזועלער, געוויס צוליב זײַן מאָלערישער שפּירונג. זאָגט ער אין זײַן ליד „שקיעה":

די שקיעה אין איר פֿאַרגיין
איז דאָס געמאָלענע בילד פֿון ניט געזעענעם מײַסטער,
וואָס מיר וועלן קיין מאָל ניט פֿאַרשטיין
פֿון וואַנען צויבערט זיך דער כּוח אומבאַוווסטער.

און באַלד נאָך דעם קומען די רירנדיקע לידער פֿון דערמאָנונג „טאַטע בענקשאַפֿט": „אָט גייסטו מיר אַנטקעגן ווי אַ זאַנג אַ צעוויגטע / מיט דײַן צעפֿלאַמטער חסידישקייט, / כאָטש דו ביסט אַ טויבן־שטילע תּפֿילה / — — — ווי שווער קומט מיר אָן הײַנט רעדן צו דיר, טאַטע ליבער, / אין דער פֿאַר־

שטומטער פּאַרוויסטקייט וואַנדערט צו מיר / דײַן קול. / איבער אַלע ווײַט־קייטן פון צײַט שפּאַן איך צו דיר אַריבער / אַרײַנצווויינען מײַן צעווייטיקטע בענקשאַפט אין דעם יאָמערטאָל״.

אָט די אָפּענע פשוטע שורות באַווירקן אונדז, ווײַל זיי טראָגן אין זיך דעם אָטעם פון אוממיטלבאַרקייט און זיי אַנטהאַלטן אין זיך דעם עכאָ פון אונדזער אייגענער שפּירונג:

קום צו מיר מײַן פאַרגאַנגענע יוגנט,
כ׳וויל נאָך אַ מאָל פּילן דײַן ציטער.

אָדער:

יאָרן מײַנע שיינע,
יאָרן מײַנע ריינע,
ווי בלעטער צעוואָרפן אין האַרבסטיקן ווינט
וואַלגערט איר זיך
אין מײַן זכרון אַצינד.

און ווײַטער:

ליגן די יאָרן פאַרשעמטע
מיט הערצער פאַרקלעמטע
און שווײַגן אויס
מײַן שטילע בענקשאַפט.

בענקשאַפט איז איינע פון די הויפּט־עלעמענטן אין זײַן ליד, ס׳איז די קאָנקרעטע בענקשאַפט צו דעם אַמאָל, צו די נאָענטע, צו דער פאַרפלויגענער יוגנט, צו דער מאַמען. אין ליד „מאַמע בענקשאַפט״ צייכנט ער אַזוי סענסיטיוו דעם נעכטן אין דער עמפּינדונג פון הײַנט:

ס׳איז דײַן ניימאַשין געוועזן
דער זייגער וואָס האָט פאַרוויגט דײַן מידקייט
אין שפּעטער נאַכט.
אַ מאָל אין דער פרעמד

א ב ר ה ם   ל י ס

האָסטו בריוו צו מיר געשיקט,
האָבן דײַנע צעפּליגלטע אותיות
ווי טויבן געוואָרקעט אין מײַן האַרץ...

און ס'איז פֿאַראַן אויך אַ בענקשאַפֿט אַן אַבסטראַקטע, וואָס ציט פֿון אומבאַוווּסטקייט און הויערט אין דיר און דערפֿירט צו דער אייביקער פֿראַגע פֿון זײַן און אָוועקגאַנג, ווי בערנשטיין פּרוּווט עס אַזוי היימישלעך־פֿאָלקס־טימלעך אַרויסהייבן, כאָטש די פֿראַגע האָט שוין באַשעפֿטיקט פֿילאָסאָפֿן און דענקערס און נביאים זינט די וועלט שטייט:

וואָס וועט זײַן מיט אַלע פֿייגל אויף מײַן דאַך
ווען מײַנע אויגן וועלן זיך פֿאַרלעשן
ווי די ליכט אין אַלטן קלויז?

אָט אַזעלכע טרעפֿלעכע, גוט געפֿורעמטע שורות בינדן זיך אויס, קײַטלען אויס — גאָר אָפֿט — זײַנע לידער, עלעהיי רינגען אין די הענט פֿון געניטע שניצערס, גראַווירערס, וואָס האָבן באַצירט חפֿצי־קודש מיט זייער מלאכת־מחשבֿת.

אַזוי תּוכיק און מעלאָדיש און געראָטן אין פֿאָרעם איז דער צונויפֿגעשטעל פֿון יעדן בלאַט אין אַלבאָם, ווו דער טעקסט איז אויסגעבונדן מיט דער צייכענונג. אַז מען נעמט פֿאַר זיך יעדן בלאַט, יעדן עמוד, אויף וועלכן עס קומט דאָס ליד אויסגעכּתיבֿעט, אויסגעצירקלט פֿון סופֿר סתּם, באַגלייט מיט די סימבאָליסטישע צייכענונגען, זעט מען ניט דאָס ליד באַזונדער, און ניט די צייכענונג באַזונדער, נאָר ווי ביידע וואָלטן זיך צונויפֿגעוואַקסן אין איין אומגעוויינטלעכער און דאָך נאַטירלעכער אָרגאַנישער גאַנצקייט. דאָס ליד איז דער סיפּור־המעשׂה פֿון לעבן, פֿון פֿאַרבענקשאַפֿט, פֿון זכרונות און באַגערן, פֿון סוד און געראַנגל און די צייכענונגען דערגאַנצן עס, באַקרוינען עס מיט זייערע געשטאַלטן און סימבאָלן.

משה בערנשטיין איז זיכער ניט דער איינציקער מאָלער, וואָס שרײַבט אויך לידער. ער איז אָבער געוויס אַ יחיד במינו מיט דעם, ווי דאָס ליד רופֿט

זיך איבער און קומט אויף ביי אים פון זעלבן מקור, פון דער זעלביקער קוועליקער ליבשאַפט צום עבר, די ליבשאַפט צו אונדזער אַלט־ייִדישן שטייגער. דערפאַר אַזאַ פאַרהערלעכונג ביי אים צום גרויסן מייסטער, צו מאַרק שאַגאַלן, צו וועמען ער קוקט אַרויף מיט אַזוי פיל פיעטעט און ליבע, ווייל:

„דער מכשף — זאָגט ער וועגן שאַגאַלן — שטייט פאַרן אייגענעם ווונדער און צויבערט אַרויס פאַרגאַנגענע נעכטנס״.

*

כאָטש צווייפלען זענען פאַראַן, און עס נאָגן די ספקות, דאָך באַוועלטיקט דער געפיל פון בטחון אַז דעם עבר וועט דערפילן אויך, דערשפירן אויך דער צוקונפטיקער דור. שרייבט ער אַזוי צו זיין טאָכטער:

„כ׳בין, טאָכטער מיינע, אַ בלעטל
פון אַ גרויסן ייִחוסדיקן סידור צעריסענעם,
דו וועסט אַ מאָל נאָך זאַמלען
בלעטל צו בלעטל
צו געפינען אין זיי דעם טעם
און דעם זין.״

אַ גוטן צושטייער האָט משה בערנשטיין געגעבן — ווי אַ זון פון דעם גרויסן ייִחוסדיקן סידור — צו דער דערקענטעניש פון אָט דעם ייִדישן מענטשלעכן זין.

זאַמע בייטלער

מיט דעם מאָלער זאַמע בייטלער האָב איך מיך באַקענט מיט עטלעכע יאָר צוריק. און געווען איז עס אַזוי: אין איינעם אַ שבת־פרימאָרגן איז אין דער קונסט־גאַלעריע פון בית שלום־עליכם אַרײַנגעקומען אַ מיטל־יעריקער מענטש, ספק אַ ייִד ספק ניט־ייִד, זײַן מאַטהויטיקער פּנים מיט די וואָנסעלעך האָבן דערמאָנט עפּעס אין אַן איטאַליענישן, צי לאַטיין־אַמעריקאַנער אָפּגע־קומענעם אַקטיאָר. כאָטש אין אַלע אינסטיטוציעס פון דעם מין, ווי אין לאַנד בכלל, איז מען געוווינט צו זען כּל־מיני באַזוכערס, טוריסטן, מענטשן פון פאַרשיידענעם שניט, האָט זײַן פאַרהאַלטן זיך אַרויסגערופן באַזונדערן אויפ־מערק. ער האָט באַטראַכט און ווידער באַטראַכט יעדן בילד, אָפּגעטראָטן און צוגעטראָטן נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל, און נאָך אַ גוטער שעה איז ער אַרײַן צו מיר און זיך פאָרגעשטעלט:

— זאַמע בייטלער, אַ מאָלער.

אָבער דאָ איז ער אין אַמט פון אַ דיפּלאָמאַט — האָט ער שטיל צוגעגעבן — ער איז קולטור־אַטאַשע פון דער אורוגווײַער אַמבאַסאַדע אין ישׂראל. גערעדט האָבן מיר לכתּחילה העברעיִש, אָבער איך האָב געזען אַז דאָס קומט אים אָן שווער. קיין שפּאַניש קען איך ניט, — האָב איך זיך פאַרענטפערט. נו, — ענטפערט ער — אָבער ייִדיש רעדט איר דאָך געוויס!

דאָ האָט ער ממש אויפגעלעבט און אין זײַן קאָוונער ייִדיש (ער איז געבוירן אין איינשאַנץ) האָט ער מיר דערציילט איינע פון די פאַרכאַפּנ־דיקסטע לעבנס־ביאָגראַפיעס, ווי אַזוי פון דעם ייִנגל, וואָס האָט זיך גע־לערנט האַנטזעצערײַ אין יאָקלס דרוקערײַ אין קאָוונע איז ער געוואָרן אַ דיפּלאָמאַט אין דעם אורוגווײַער אויסלאַנדסדינסט, דערגאַנגען צו דעם אַמט פון קולטור־אַטאַשע און פאַרטראָטן מדינת־אורוגווײַ אין אַ ריי לענדער. און וואָס נאָך? ער איז זוכה געווען צו גרויס אָנערקענונג ווי אַ מאָלער. ס׳איז געווען עפּעס אַ באַזונדערער רייץ אין זײַן לעבעדיק־בילדעריש דערציילן. אי די מעשׂה איז געווען טשיקאַווע, אי אין זײַן דערציילן איז געווען עפּעס חנעוודיקס. אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעמישט, די אַלטע היים

אין דער ליטע, דער פּייזאַזש פון אורוגווײַ, מאָלערישע שיטות, מעשיות וועגן ייִדישע קינסטלערס, דערפאַרונגען פון זײַן דיפּלאָמאַטישן דינסט. און זײַן איצטיקער זײַן אין ישׂראל ווי אַ קולטור־פאָרשטייער פון דעם לאַנד וואָס האָט בשעתו אַזוי עפעקטיוו פּאָליטיש געשטיצט דעם אויפקום פון מדינת־ישׂראל. מיר האָבן אַזוי אָװעקגעשמועסט ביזן שפּעטן נאָכמיטאָג. פּאַקטיש האָט ער גערעדט, איך האָב בלויז געהערט.

דאָס איז געווען אונדזער ערשטע באַקאַנטשאַפט, וואָס האָט געפירט צו אַ סך ווײַטערדיקע באַגעגענישן, שמועסן און — — צו צוויי בילדער־אויסשטעלונגען פון זײַנע שאַפונגען, וואָס די גאַלעריע פון בית שלום־עליכם האָט אײַנגעאָרדנט. איין אויסשטעלונג איז פאָרגעקומען אין חודש אַפּריל 1973 און די צווייטע אויסשטעלונג מיט עטלעכע חדשים צוריק, ערב בײַט־לערס אָפּפאָרן קיין דרום־אַפריקע ((ביידע אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון דער אורוגוויַיער אַמבאַסאַדע און איר אַמבאַסאַדאָר זשאַמאַנדאָ לאַ גואַראַ).

קוק איך איצט אַרײַן אין די פאַרצייכענונגען, אין די אָפּשאַצונגען וואָס איך האָב פירגעבראַכט בײַם דערעפענען די אויסשטעלונגען, און מיר דאַכט, אַז זיי כאַראַקטעריזירן און ברענגען אַרויס אין אַ געוויסער מאָס זאָמע בײַטלערס שאַפן און זײַן קינסטלערישן גאַנג.

די ערשטע אויסשטעלונג איז דערעפנט געוואָרן חול־המועד פּסח תשל"ג, דעם 19טן אַפּריל 1973, און אָט וואָס איך האָב פאַרצייכנט:

— הײַנט, דעם נײַנצנטן אַפּריל, די דאַטע וואָס צייכנט אָפּ דרײַסיק יאָר נאָכן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, איינס פון די העראָישע קאַפּיטלעך אין אונדזער אומקום־דראַמע און איינס פון די דערהויבנדיקסטע און טראַ־גישסטע קאַפּיטלעך אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, זענען מיר זיך צונויפגעקומען צו דער דערעפענונג פון אַן אויסשטעלונג פון אַן אָריגינעלן און געראָטענעם ייִדישן מאָלער. אָט דער אַקט דינט אויך ווי אַ צייכן און באַווײַז פון דער וווּנדערלעכער גײַסטיק־שאַפערישער המשכדיקייט, דינט אויך ווי אַ סימבאָלישער צייכן, ווי אַ רינג אין דער קייט פון געהויבענער קינסטלערישער שאַפונג אין ישׂראל.

זאָמע בײַטלערס מאָלערישער מעדיום איז פאָרמירט געוואָרן אויף פאַר־שידנאַרטיקע שטחים. ער איז אַ קינסטלער, וואָס האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך

די קולטור, דעם שטייגער, די לעבנס־פֿאָרמען און די קונסט־נוסחאות פֿון פֿאַרשידענע לענדער און פֿאַרשידענע פֿעלקער, איז גאָר קיין ספק ניט אַז אָט די דערפֿאַרונגען האָבן געהאַט אויף אים אַ קענטיקן אײַנפֿלוס, און אָט דעם אײַנפֿלוס פֿילט מען אָפּ אין זײַן שאַפֿן, פֿילט מען אָפּ אין זײַנע בילדער.

בייטלער באַגערט און צילט צו אַ געהויבענעם עלעמענט — צו שיינקייט. ער באַגערט צו ליכטיקע, לויטערע פֿאָרמען, צו עסטעטיק. מעגלעך, אַז אָט דער צוגאַנג איז אין דער הײַנטצײַטיקער מאָלערײַ ניט פּאָפּולער, אָבער מיר ווייסן דאָך אַלע אַז די אָ טענדענץ איז געווען פֿון די גרונטצילן אין דער קונסט בכלל און אין דער פּלאַסטישער קונסט בפרט. דאָס איז געווען אַ באַגלייט־שליחות פֿון דער קונסט. אַזוי האָבן עס פֿאַרמירט די ערשטע, די ראשונים — מאָלערס און סקולפּטאָרן אין גריכנלאַנד, אין איטאַליע און די אויסגערופֿענע קינסטלערס אויפֿן ווײַטן מיזרח. דורך פֿאַרשידענע תּקופֿות אין די אַנטוויקלונגען פֿון דער פּלאַסטישער קונסט האָט זיך אַרויסגעקעגנטיקט די קלאָרע טענדענץ, דער לויטערער ווילן: דערנענטערן דאָס פֿאָלק צו שיינקייט, צו עסטעטישע פֿאָרמען, צו קונסטווערטן.

געוויס טראַכט יעדער פֿון אונדז:

נו, איז וואָס?

איז דערפֿון בעסער געוואָרן, שענער געוואָרן די וועלט?

קאָן מען אויף דעם נאָר ענטפֿערן מיט אַ פֿראַגע. ווער ווייס, אפשר וואָלטן מיר אָן דעם בײַטראָג פֿון דער קונסט זיך נאָך געפֿונען אין אַ מער צעפּאַטלטער, מער בייזער און אַכזריותדיקער וואָר...

ובכן, זאָמע בייטלער געהערט מהותדיק צו דער מאָלערישער שול, וואָס איר אידעע איז שיינקייט, דערהויבנקייט, עסטעטיק.

ער האָט מיר אַנומלט געזאָגט: „אַז איך מאָל אַ פּייזאַזש, פֿיל איך אים אָפּ פֿאַרביקער ווי ער איז, איך פֿיל אים אָפּ שטאַרקער, שענער, אימפּולסיווער". און אַ שטיל־לעבן באַקומט בײַ אים לעבן, באַקומט אַזאַ חיותדיקן אויסדרוק פֿון אומרו און באַוועגונג. ס'איז גאָר קיין צווייפֿל ניט אַז די אינערלעכע וויברירונג און דער אומרו איז דאָס אייגנטימלעכע פֿאַר אַן עכטן מאָלער. און זאָמע בייטלער איז אַ קינסטלער מיט פֿאַרשפּיצטע חושים, מיט אַ טיף געפֿיל און מיט אַן אָפֿן האַרץ.

איך ווייס ניט צי בייטלער איז טאַקע אַן אימפּרעסיאָניסט, צי ער געהערט צו אַן אַנדער מאַלערישער שיטה. איך ווייס אָבער אַז ער איז אַ מאָלער מיט אַן אייגנדיקן אויסדרוק, וואָס פּאַרמירט דורך זײַן פּלאַסטישער טעכניק זײַן קינסטלערישע אידעע, און ער גייט אַזוי לײַכט און שווונגפול אַריבער פון איינס צום אַנדערן, פון זײַן אינטימער שטימונג און איבערלעבונג צו ברייטע, קרעפטיקע פּאַסאַזשן — און פאַרקערט. און פון זײַנע מאָטיוון און פּייזאַזשן, פּייזאַזשן פון לאַנד: „ירושלים", „זכרון־יעקב", „עכו" און „יריחו" און „צפת" ווענדט ער זיך מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט און אינטימער פּאַרטיפּטקייט צו דער „קאָמפּאָזיציע אין רויט", איז זיך ווי מתייחד אין דעם שטימונגספולן געמעל „די תפילה", אין דעם אימאַזשפולן בילד „דענקשאַפּט" און דאָס מיט אַזאַ געוואָגטער קרעפטיקייט, און צוזאַמען מיט דעם קענטיקט זיך אַזוי אויס דער סובטעלער ציטער, אַ ציטער וואָס הויערט פון יעדן בילד זײַנעם.

זאָמע בייטלער האָט אָנגעהויבן מאָלן אין יונגן עלטער. זייענדיק עפּעס מער ווי אַ בר־מיצווה־יינגל האָט ער אין זײַן געבוירן־לאַנד ליטע שוין גע־לערנט און געשטעלט די ערשטע שריט אין מאַלערײַ. ער האָט שפּעטער דורכגעוואַנדערט אַ סך לענדער און בעיקר די לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע. מען זאָגט — און ס'איז דאָ אַן אמת אין דעם — אַז דער שליסל צו דערקענען דעם קינסטלער ליגט אין דעם באָדן פון זײַן סביבה, ליגט אין זײַן געבוירן־לאַנד, ווו ער האָט זיך דערצויגן און רײַף געוואָרן. בייטלער איז געבוירן געוואָרן אין דער ייִדיש־היימישער ליטע. דאָרט איז אויפגעגאַנגען זײַן מאַלעריש געפיל, ער האָט שפּעטער במשך יאָרצענדליקער געלעבט אין לענדער, וואָס האָבן אַ שם מיט זייער מקורותדיקער קונסט, וואָס זענען באַרימט מיט זייער פּאַרביקן, לאָקנדיקן פּייזאַזש.

זענען זיך אָן אין בייטלערס שאַפּונגען וועלכע עס איז השפּעות פון אָט דעם דורכגעגאַנגענעם און דורכגעלעבטן? פילן מיר אָפּ דעם אײַנפלוס פון יענע לענדער און טיפּאַזשן? עס איז שווער אויף דעם צו ענטפערן מיט אַ יאָ אָדער ניין. אַוודאי איז ער באַאײַנפלוסט פון דער אויסדריקלעכער שאַרף־פּאַרביקער סביבה פון די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, פון זייערע בערג און פליינען. אַוודאי פילט מען אין זײַן מאַלערײַ עפּעס פון דעם ייִדיש־ליטווישן אומעט. אָבער איבער אַלעם פילט מען אָפּ אין זײַנע בילדער זײַן

יחידישן צוגאַנג און באַנעם — וואָס איז אַלמענטשלעך, אוניווערסאַל, וואָס איז אי טיף ייִדיש, אי טיף מענטשלעך.

און פון מײַן דערעפענונגס־וואָרט צו דער אויסשטעלונג דעם 24סטן יאַנואַר 1974:

— איך וועל ניט רעדן וועגן דעם, וואָס מיר זענען דורך אין לאַנד. אַלע, אַלע ווייסן מיר עס גוט. דער אומעט האָט אונדז אַלעמען אַרומגעכאַפּט ווי אין אַ קלעם, און ס'איז דאָך נאַטירלעך, אַז דאָס וואָס עס האָט זיך פֿאַרלאָפֿן האָט זיך אויסגעווירקט אויף די קולטור־טעטיקייטן און אויף דער קונסט־טעטיקייט אין לאַנד. אָבער צוזאַמען מיט דעם, ווייסן מיר אַלע, אַז מיר טאָרן ניט לעבן כּסדר אין אַ שטימונג פון גײַסטיקער געדריקטקייט, דע־פּרעסיע און אומעט. און חלילה אַז די צווײַגן פון קונסט זאָלן זיך געפינען אין שטילשטאַנד אין האַלב־פּאַראַליזירטן צושטאַנד. אין אַלע דורות האָט אונדזער פֿאָלק פֿאַרזוכט דעם טעם פון ליידן און פּײַן. האָט אָבער דאָס ייִדיש פֿאָלק אויך געוווּסט — אין די סאַמע ביטערסטע צײַטן — זיך ניט צו לאָזן באַוועלטיקן און זיך ניט אונטערגעבן פֿאַרביטערטקייט אָדער גלײַכגילט. גראָד פֿאַרקערט, פון עפּעס אַ מאַגישן מקור האָט מען אויפגעבראַכט גײַסטיק וויטאַלע כּוחות און זיי אײַנגעשפּאַנט ווי קאַמפּסמיטלען קעגן מרה־שחורה און דעפּרעסיע. דאָס האָט געהאָלפן ניט נאָר ווײַטער אָנצוגיין, נאָר צו מאָל אַפילו אויך זיגן.

הײַנט קערן מיר זיך צוריק אום אין דער גאַלעריע (וואָס האָט אין די מלחמה־טעג געדינט פֿאַר עפּעס אַנדערש). מיר קערן זיך אום צו דער אייגנטלעכער אויפגאַבע און צו דער נאָרמאַלער טעטיקייט, און מיר האָבן אָפּגעקליבן אַן אויסשטעלונג פון די שאַפונגען פון איינעם פון אונדזערע וויכטיקע מאָלערס, דעם מאָלער זאַמע בייטלער, וואָס זײַן פריִערדיקע אויס־שטעלונג אין אָט דער גאַלעריע, מיט 9 חודשים צוריק, האָט געהאַט גרויס הצלחה. זי איז געווען דערפֿאָלגרײַך, ווײַל זײַנע בילדער רעדן צו אונדזער האַרץ און געמיט. זיי רעדן צו אונדז מיט דער אוממיטלבאַרקייט און מיט דעם אמת, וואָס זײַנע שאַפונגען טראָגן אין זיך. זיי באַווירקן אונדז מיט זייער קינסטלערישער קראַפט, מיט זייער אימאַזש און שטימונג, ווי מיט דער לירישער פֿאַרביקייט וואָס אָטעמט פון זיי.

מיט אַ געניטער קינסטלערישער האַנט שאַפט־אויף בייטלער, אָפט מאָל מיט ווייניק פאַרבן — מערסטן טייל געל, בלוי און רויט — די טיפקייט און די פערספעקטיוו. ער זוכט ניט צו איבעראַשן און צו פּלעפן מיט וועלכע ס׳איז פאַנטאַסטישע מאָטיוון אָדער מיט סימבאָליסטישע אָנדײַטן. גראָד פאַרקערט. די זעלביקע אוממיטלבאַרקייט און אויפריכטיקייט בײַם צוקלײַבן דעם סוזשעט, בײַם קאָמפּאָנירן און אויספירן דאָס בילד. ס׳איז דער עכטער, ערלעכער צוגאַנג סײַ בנוגע דער טעמע, סײַ בנוגע דער מאָלערישער טעכ־ניק. נאָר וואָס דען? אויך דאָ געפינען מיר דעם מאָלעריש־קינסטלערישן פלי. ער ווערט טאַקע באַאײַנפלוסט פון צײַט, פון געשעעניש און פון סביבה, אָבער ער איז כולו אין זײַן וועלט, אין זײַן אינטענסיווער מאָלעריש־דמיונ־דיקער וועלט, ווו די גרונט־אידעע באַגלייט אים. די אידעע פון דער גוטער, ערלעכער מאָלערשול — די קונסט דאַרף העלפן דערהויבן דעם מענטש איבער טאָג־טעגלעכקייט — —

זאָמע בייטלער האָט פאַר די לעצטע חדשים אַ סך געשאַפן און געווען איז עס דאָך אין אַן אָנגעשפּאַנטער, דראַמאַטישער צײַט. שטעלט זיך די פראַגע — צי האָט די צײַט און די שטימונג פון דער צײַט, ווי דער עכאָ פון די געשעענישן, מיט דעם גאַנצן אומעט און געדריקטקייט משפיע געווען אויף זײַן שאַפן? קלאָר, אַז אָט די צײַט האָט געהאַט איר אײַנפלוס און באַשטימונג. ניט מער, פאַרשידן זענען דאָך די צוגאַנגען און רעאַגירונגען פון קינסטלער און קינסטלער. בייטלער, וואָס איז געקומען צו אונדז פון אַ ווײַטלעכן געאָגראַפישן שטח פּילט אָפּ אפשר מיט מער טיפקייט דעם ווייטיק און די דעפּרעסיע פון אונדזערע טעג. איז ער אָבער גרײַלעך ניט מסוגל אָזוי ראַשיק צו רעאַגירן און אַרויסברענגען די פאַרגרויטע הימלען, דעם אומערדיקן טיפּאַזש, דעם פיבער פון אונדזערע טעג. און גראָד אפשר דערפאַר וויל ער אונדז דערפרייען מיט זײַנע בונט־פאַרביקע בלומען, וויל ער אונדז צוטראָגן זײַנע וואַרעמע שטיל־לעבנס און זײַנע פּייזאַזשן וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג און געמיט.

אויך דאָס איז אַ וועג אין דער קונסט. אַ וועג וואָס איז באַהויכט פון לויטערן מענטשלעכן אידעאַליזם.

אָבער עס וועט זײַן אַ טעות צו מיינען, אַז ס׳איז ניט פאַראַן אין זײַנע

איצטיקע, אין די לעצט געשאַפענע בילדער, דער אויסדרוק פון צייט. פאַראַן אין זיי עפּעס נײַס און פרישס. יעדער בילד איז אין דער בחינה פון נײַעם אויפטו. און הגם בייטלער איז אַ דערפאַרענער מאָלער מיט אַ נאָמען אין דער מאָלעריי־קונסט, און זײַנע שאַפונגען געפינען זיך אין אויסגערופענע גאַלעריעס און קונסט־צענטערס אין דער וועלט, דערלויב איך מיר צו זאָגן, אַז אין אָט די פיר צענדליק לעצט געשאַפענע בילדער איז ביז גאָר קענטיק אַ ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פון סטיל און פון פלאַסטישער פאָרעם. און בעיקר — יעדער בילד לעבט זײַן אייגענעם לעבן, יעדער בילד שאַפט־אויף זײַן באַזונדערע שטימונג און זײַן ספּעציפישן קלימאַט. אַזעלכע זענען די בילדער „ירושלים פאַר טאָג״, „אַבר־גוש״, „ירושלימער בערג״, איינזאַמקייט״, „דער בלויער פויגל״ און אַנדערע, און ווידער אַ מאָל די אַטראַקטיווע קאָליר־פולע בלומען, וואָס זענען אַזוי חנעוודיק און צאַרט.

ביי יעדן מאָלער — און מיר מיינען דאָ, פאַרשטייט זיך — אָן עכטן, אָמתן מאָלער — געפינען מיר לײַכט אויס זײַנע קינסטלערישע רעגונגען, מיר קאָנען, פאַרקערט, אַפילו אָפט מאָל דורך זײַנע שאַפונגען דערגיין צו זײַן פערזענלעכקייט, צו זײַן אָפּשטאַם און סביבה. ניט אַזוי איז עס ביי זאָמע בייטלער. זײַנע בילדער כאַראַקטעריזירן ניט און מאַניפעסטירן ניט, ניט זײַן וועלט פון נעכטן, ניט זײַן אַמאָליקע היים, ניט זײַנע איבערלעבונגען אויף דעם באָדן פון לאַטיין־אַמעריקע. זײַנע בילדער קולמינירן אין זיך אַ סך השפּעות, השפּעות פון לענדער און צײַטן פון אַל די פערזענלעכע שפּירונגען, פון איבערלעבונגען און פאַרלויפּענישן וואָס טראָגן אין זיך דויער, וואָס טראָגן אין זיך הומאַניטאַרן, הויך אוניווערסאַלן אָטעם — — דאָס זענען שאַפונגען וואָס זענען כולל אין זיך עקספּרעסיאָניסטישע גאַמעס און פיגוראַטיווע באַטאָנונגען, אימפּרעסיאָניסטישע ליניעס און געצוימטן מאָלערישן פיבער — — און דאַכט זיך, אַז טראָץ זײַן גענײַטקייט און מײַסטערישער האַנט איז יעדער בילד און בילד, ווי אָקערשט דאָס ערשטע, איז שיער ניט ווי „מעשה־בראשית״, און גראָד אַזוי איז זאָמע בייטלער פון אונדזערע וויכטיקסטע מאָלערס.

גדליה גונן

צו זיַין ערשטער אויסשטעלונג אין ישׂראל

פון דעם באַשיידענעם דאָקומענטאַרן מאַטעריאַל, וואָס איז אויסגעשטעלט אין די וויטרינעס פון בית שלום־עליכם דערוויסן מיר זיך, אַז גדליהו גונן האָט זײַן ערשטע אויסשטעלונג געהאַט מיט העכער פערציק יאָר צוריק. געווען איז עס אַ קאָלעקטיווע אויסשטעלונג, אין זײַן היימשטאָט ביאַליסטאָק, פון אַ גרופּע ייִדישע קינסטלערס, ווילנער און ביאַליסטאָקער, צווישן זיי שוין דאַן באַקאַנטע מאָלערס ווי: ב. מכתּם, י. געצילס, ג. באַראַוווסקי (פון ווילנע), גדליה גאַניאַנדסקי, י. טינאָוויצקי, ה. פּרעס, ל. פּײַן, בן־ציון ראַבי־נאָוויטש, ש. רוטשטיין (פון ביאַליסטאָק).

פון אָט דער גרופּע האָט זיך שוין דאַן אויסגעטיילט גדליהו גונן (דעמאָלט גאַניאַנדסקי) הן מיט זײַן אייגנאַרטיקן מאָטיוו, הן מיט דער אינטערפּרע־טאַציע פון טעמע און מיט זײַן פעיִקייט צו באַוועגן און קאָמפּאָנירן מיט אַזאַ אַנדערשקייט די פאַרבן.

אַז איך זע איצט (ווידער אַ מאָל) דעם פּלאַקאַט, די אײַנלאַדונג, דעם קאַטאַלאָג פון יענע האָפענונגספולע טעג (אין 1928) און אַז איך זע דאָס פאַרכאַפּנדיקע און שאַרף אויסדרוקפולע בילד אויף דער איצטיקער אויס־שטעלונג, דאָס בילד פון אויסגעמאַטערטע, פאַרפּײַניקטע ייִדישע פּנימער אויפן פאָן פון ביאַליסטאָקער שטאָטזייגער און הויכן קלויסטער, ווו ביידע — ווי זיי וואָלטן דערדריקט, דערדריקט די ייִדן; און די גרויסע שטאָטשול וואָס איז, ווי אַ סך שולן אין פּוילן, געווען באַרימט מיט איר אינערלעכן געבוי און אַלט־ייִדישן סטיל, גייט ווידער אויף די מאַטערנדיקע מחשבה און עס פרעסט דאָס געמיט: צי ווייסן מיר דען, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן? וויפל דערהייבנדיקע כּוחות און לויטערע שאַפערס האָבן עס געטיילט דעם גורל פון ייִדישן פאָלק אין אייראָפּע?

איז גוט צו פילן, אַז פון אָט דער גרופּע קינסטלערס, וואָס האָבן אויס־געשטעלט דאָרט אין דער אַמאָליקער ביאַליסטאָק מיט אַ יאָר פופציק צוריק, זענען דאָ מיט אונדז עטלעכע מאָלערס, בעת (בן־ציון ראַבינאָוויטש),

וואָס איז איצט אַ באַרימטקייט אין פּאַריז, ל. פײַן אין תל־אביב און גדליה גונן־גאַניאַנדסקי אין חיפה.

אין דער שטיל און מיט התמדה האָט ער פאַר די לעצטע יאָרן אויפגעמאָלן צענדליקער און צענדליקער בילדער, און אָט די אויסשטעלונג אין גאַלעריע־זאַל פון בית שלום־עליכם איז די פּרוכט פון אָנגעשטרענגטן קינסטלערישן פּאַרמעסט.

✶

די אויסשטעלונג, ווי זי הייסט — „מזמנים שונים" — ברענגט פאַר אונדז בלויז אַ קליינעם טייל פון גוננס אַרבעטן. אָבער פון אָט די בילדער גייט אויף פאַר אונדז זײַן אייגנאַרטיקער מאָלערישער באַנעם, און ניט נאָר קענטיקט זיך עס אויס אין דער רײַכער פאַרבן־גאַמע, אין זײַן מײַסטערישער פּאַרטיפטער און געניטער פּלאַסטישער פאָרעם, נאָר אויך אין דעם לירישן אָטעם, וואָס באַהויכט די בילדער.

64 בילדער פאַרמאָגט די אויסשטעלונג, און טאָקע „מזמנים שונים" — פון פאַרשידענע צײַטן; די רעאַליסטיש־פיגוראַטיווע לײַוונטן פון מיט יאָרן צוריק, געמאָלן אין אייל, צייכענונגען ווו עס פילט זיך דער אינערלעכער געראַנגל בײַצוקומען און פאַרמירן די פאַרבן־טענער. בילדער געמאָלן אין גואַש מיט וואַרעמער טויזקייט און געראַטענער פּרעציזקייט, און בילדער פון די לעצטע יאָרן, אינעם שפּיל פון ליכט און שאָטן, אייל־אַרבעטן מיט זאַטע פאַרבן, בלוי און גרין און מיט דער אַלטער לבנה, וואָס איז אַזוי מאַיעסטעטיש און באַרויִקנדיק, אָדער גאָר אַן אויג וואָס שפּיזלט דורך, דרינגט אַדורך...

אָבער איבער אַלע בילדער קענטיקן זיך אויס גוננס אַקוואַרעלן. מיט דינקייט און מיט פּאָעטישן געמיט מאָלט ער דאָס אייביקע בילד: פּייזאַזשן, נאַטור־שיינקייטן. די וועלט איז פול מיט אַכזריותן, אָבער איר לאַנדשאַפט איז שיין. און אַוודאי איז אַפּעלירנדיק דער ארץ־ישׂראל־פּייזאַזש, עס אָטעמט מיט סובטעלקייט און מיט קינסטלערישער עכטקייט, געל און ווידער בלוי און גרין. אָט זענען די ברעגן פון מיטללענדישן ים, די בערג אין גליל און די גרינקייט פון עמק, דער כּנרת און דער כּרמל־באַרג אין אויפגיי פון טאָג און אין דעמערונג, און די גרוי־בלויקייט פון ירושלים. אין פאַרשידענע

וואַריאַציעס מאָלט גונן דעם פּייזאַזש פֿון אונדזער לאַנד. פֿון אָט די אַק־וואַרעל־פּייזאַזשן גייט אויף אַזאַ פֿרישקייט פֿון אַ באַזונדערן אַרט און מאָלערישער טעכניק.

דאָס איז גדליה גוננס ערשטע אויסשטעלונג אין לאַנד. זײַנע בילדער, און באַזונדערס די אַקוואַרעלן, זענען אַ גוטער צושטײַער צו דער עכטער מקורותדיקער ישׂראל־מאָלערײַ.

שמעון דזשיגאַנס „דער כּוח פון יידישן הומאָר"

שמעון דזשיגאַן איז אַן אויסגערופענע קינסטלער־געשטאַלט, און פאַר יאָרצענדליקער, באַלעבנדיק די בינע מיט זײַן מקורותדיקן הומאָר און שווי־שפּילערישן נוסח האָט ער בײַגעטראָגן אַ באַזונדערן מאָטיוו אינעם יידישן טעאַטער.

ווי יעדער אמתער, עכטער קינסטלער איז ער געבענטשט מיט אַ ווונדערלעכער אינטויציע, און ער פילט אָפּ, ווי וויניק ווער, סײַ דעם עולם, סײַ די בינע, ווי די געשעענישן און דעם ריטעם פון צײַט און ער ווייסט אַזוי מײַסטעריש צו פאָרמירן אָט די פאַרבינדונג, אויפצושאַפן די בריק צווישן עולם און טעאַטער.

דזשיגאַן איז אַרויף אויף דער יידישער בינע אין די יאָרן ווען יידישע שאַפערישקייט אין פוילן איז געווען אין סאַמע בלי, און כאָטש דער פוילישער אַרום האָט געהויערט מיט האַס און שינאה, איז עס דאָך געווען אַ דערהויבנ־דיקע און פּרוקטיקע צײַט פאַר דער יידישער ליטעראַטור, פאַרן יידישן טעאַטער, פאַר אונדזער פאָלקסקולטור. און טראָץ דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער געדריקטקייט האָט געפלאַטערט אַרום דעם יידישן קינסטלער און שאַפער מיט פאַרערונג און איבערגעגעבנקייט, מיט האָפענונג און גלויבן. — אָט פון דעם ענטוזיאַסטישן און האָפענונגספולן אַרום איז געקומען מיט פערציק יאָר צוריק שמעון דזשיגאַן צום יידישן טעאַטער. לאָדזש, זײַן היימשטאָט, איז דאָך געווען אַ שם־דבר מיט איר אייגנאַרטיקער מיליע און בונטן טיפּאַזש, מיט אירע פאַרהאָרעוועטע באַלמעלאָכעס און האָרעפּאַשניקעס פון די באַלוטער הייפן און ליקעס, און מיט די שרײַבערס און קינסטלערס, וואָס האָבן אַזוי קערנדיק געדײַעט אונטער די פאַררייכערטע לאָדזשער הימלען — —

פון דאַנעט אויס הייבט טאַקע אָן דזשיגאַן די ביאָגראַפישע קאַפּיטלעך פון זײַן אייגנציקאַרטיקן בוך „דער כּוח פון יידישן הומאָר".

ס'איז אַ באמת זעלטענער בוך הן מיט זײַן פאַרנעמיקן אינהאַלט, הן מיט זײַן פאַרביקער דערציילערישקייט.

אָט די ביידע עלעמענטן לעבן זיך דאָ אַרײַן איינער אינעם אַנדערן, — דזשיגאַנס איבערלעבונגען אין דעם דראַמאַטישן געווירבל פון אונדזער תקופה, און זײַן קאָנען דערציילן אַזוי חיותדיק־נאַראַטיוו די מעשׂה פון זײַן לעבן, וואָס הייבט זיך אָן טאַקע אין אַ באַלוטער הויף אין לאָדזש און דערגייט העכער פיר צענדליק יאָר שפּעטער צו זײַנע אויסנעמיקע טעאַטער־פּראָגראַמען, צו זײַנע פאָרשטעלונגען אין מדינת־ישׂראל.

דזשיגאַן האָט אַ סך צו דערציילן און ער ווייסט עס ווי צו דערציילן חיותדיק און לויטער. ער דערציילט מיט אינערלעכן פיבער און דאָך אַזוי קלאָר, באַגלייט מיט דעם חן פון זײַן הומאָר, אין אַלע זײַנע קאָליריקע קנייטשן און ניואַנסן. אַקטיאָרן זענען מאַדימס אויף דערציילן אַ מעשׂה. זענען דאָך פאַר די לעצטע יאָרן דערשינען אַ צאָל ביכער פון שוישפּילערס, רעזשיסאָרן, טעאַטער־מענטשן, און זייערע שילדערונגען, זייערע מעמואַרן און באַשרײַבונגען זענען ביז גאָר אָנלאָקנדיק. ס'איז פאַראַן עפּעס טשיקאַווע, רייצנדיקס אין אָט די אַקטיאָרישע פּאַסירונגען, אין די פּאַרלויפּעניש פון און אַרום דער שיינער אויסגעטרוימטער וועלט פון טעאַטער.

דזשיגאַן דערציילט פון זײַן יחידישער וועלט, פון זײַנע איבערלעבונגען און פון זײַן סביבה. איז דאָס בוך פול מיט דראַמאַטישע סצענעס. אַ קלייניקייט, וואָס פאַר די איבער פערציק יאָר ער איז אַלץ דורכגעגאַנגען, פון די אָנהייבן, פון זײַן אויפשטײַג און געראַנגל אין פּוילן. די ערשטע טעאַטער־סטודיעס מיט די קאַרק־ברעכערישע און סתרי־תורהדיקע עקספּערימענטן, „אַררט" און שפּעטער דער דזשיגאַן־שומאַכער טעאַטער מיט זײַן נײַעם לעבעדיקן וועג אין קלייַנקונסט, מיט זײַן באַזונדערן נוסח אין הומאָר און סאַטירע, וואָס האָט זיך אַזוי דערפאָלגרײַך געטראָגן איבער די ייִדיש־פּוילישע שטעט.

ער האָט געהאַט דאָס מזל צו פאַרמאָגן אויסער זײַן אײַנגעבוירענעם שוישפּילערישן טאַלאַנט, אויך די גרעסטע טעאַטער־מדריכים, וואָס האָבן אים געהאָלפן ניט נאָר צו שטעלן די ערשטע שריט אויף דער בינע, נאָר וועלכע האָבן אויך פאַרמירט זײַן שוישפּילערישן מהות. איינער פון זיי, צו וועמען דזשיגאַן פילט אין זײַן אָנדענקשאַפט ביז הײַנט די טיפסטע פאַרערונג איז דער דיכטער און טעאַטראַל משה בראָדערזאָן.

און אין אָנהייב איז עס געווען אַזוי:

„אין מײַן פּריוואַטן לעבן — דערציילט דזשיגאַן — איז פאָרגעקומען אַ גרויסער און דעצידירנדיקער שינוי. מײַן טאַטע האָט בשום־אופן ניט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז איך זאָל ווערן אַן אַקטיאָר און ער האָט מיך ממש אַרויסגעטריבן פון שטוב. עס האָבן ניט געהאָלפן מײַן מאַמעס געבעטן, אירע טרערן. דער טאַטע האָט זיך געהאַלטן פאַרעקשנט בײַ זײַנס: פאַר דער חרפה, וואָס איך האָב אים אָנגעטאָן בײַ דער משפחה איז ניטאָ קיין פאַרגעבונג, סײַדן איך זאָל ווערן אויס אַקטיאָר און זיך צוריק נעמען צום שנײַדערפאַך. דאָס האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט בײַ מיר פּועלן.

ווען משה בראָדערזאָן האָט זיך דערוווּסט וועגן מײַן סיטואַציע האָט ער אָן טענות ומענות געפּסקנט, אַז מהיום והלאה וועל איך וווינען בײַ אים. אַזוי איז טאַקע געשען. כ'האָב זיך אַרײַנגעצויגן צו אים און דאָרט געוווינט אַ היפּשע פּאָר יאָר. די דאָזיקע יאָרן וואָס איך בין געווען אין בראָדערזאָנס נאָענטקייט האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף מײַן לעבן, זיי האָבן מיך גײַסטיק באַרײַכערט און האָבן מיך אין די ענינים פון ,קאָפּ־זאַכן' געשטעלט אויף די פיס".

אמת, מען קען זאָגן אַז ער האָט זיך גיך געשטעלט אויף די פיס, כאָטש ניט איין מאָל האָט אים צעטרייסלט, צעוואַקלט — בפרט אין די יאָרן פון פאַרשיקונג אין ראַטן־פאַרבאַנד. אָבער שוין ווי אַ דערפאַרענער בינעמענטש און דערפאָלגרײַכער אַקטיאָר האָט ער זיך געטראָגן מיט זײַן יאָדערדיק־פּאָלקישן הומאָר איבער כמעט אַלע ייִדישע ייִשובים אין דער וועלט.

דאָס בוך „דער כּוח פון ייִדישן הומאָר" אַנטהאַלט דרײַ אָפּטיילן, געטיילט לויט די לענדער און צײַטן, וואָס האָבן באַווירקט און אויסגעווירקט זײַן גאַנג און גורל: „פּוילן", „ראַטן־פאַרבאַנד", „מדינת־ישׂראל". און עס דאַרף באַ־זונדער באַטאָנט ווערן: כאָטש דזשיגאַן דערציילט און שילדערט זײַנע איבערלעבונגען, זענען עס אָבער די איבערלעבונגען פון אַ כמעט גאַנצער שיכט גײַסטיק שאַפערישע מענטשן, בפרט ווי דאָס קומט אין די אויפרודערנ־דיקע קאַפּיטלעך פון זײַנע איבערלעבונגען אין ראַטן־פאַרבאַנד.

נאָך אַ מעלה האָט דאָס בוך: די דראַמאַטישע פּאַרלויפּעניש און סיטו־אַציעס לייזן זיך אויף אויך דאָ — מיט אַ שמייכל. צו מאָל טאַקע אַ גרימיקן שמייכל, אָבער עס ווערט הײַטערער אַפילו אין די צרות, עלעהיי אויך זיי, די צרות, זענען הבל־הבלים.

ווי זאָגט ער, דזשיגאַן, „אַ טאָג וואָס מען לאַכט ניט איז אַ פאַרלוירענער טאָג". זעט אויס, אַז די וואָס האָבן צוגעגרייט דאָס בוך, די שרײַבערס יצחק יאַנאַסאָוויטש און אברהם קאַרפּינאָוויטש, האָבן עס שטאַרק אין זינען געהאַט. איז עס טאַקע אַרויס אַ פאַרכאַפּנדיקע באַשרײַבונג פון דעם באַליבטן אַקטיאָר שמעון דזשיגאַן.

מיטן ערשטן לייענען

„מײַן פֿאָטער נחום סאָקאָלאָוו"

אַז זין און טעכטער פֿון פּערזענלעכקייטן אָדער שרײַבערס שילדערן און באַשרײַבן זייערע עלטערן — נאַטירלעך, אויב זיי האָבן די פֿעיִקייט צו דעם — איז ניט קיין נײַעס.

אַזוינס איז געווען אין דער ייִדישער, אין דער לומדישער וועלט, און אַזוי איז עס בײַ די אומות־העולם. אָבער דאָס דאָזיקע בוך „מײַן פֿאָטער נחום סאָקאָלאָוו", וואָס דער זון פֿלאָריאַן האָט אָנגעשריבן וועגן זײַן גרויסן טאַטן, טיילט זיך אויס מיט צוויי הויפּט־עלעמענטן. ערשטנס מיט דעם, וואָס פֿלאָריאַן סאָקאָלאָוו איז אַליין געווען אַ באַגאַבטער, גלאַנצפֿולער פּוילישער זשורנאַליסט. הגם ער האָט ניט ממשיך געווען דעם נאַציאָנאַל־שאַפֿערישן דרך פֿון זײַן טאַטן און געלעבט אין אַן אַנדער ספֿערע, האָט ער אָבער פּאָזיטיוו און טיף באַנומען נחום סאָקאָלאָווס אידעען־וועלט, און צווייטנס, מיט דעם וואָס דאָס בוך, הגם געשריבן אין אַ לײַכט־דערציילערישער פֿאָרעם, טראָגט אין זיך דעם פֿאַרנעם און די יסודותדיקייט פֿון אַ סטודיע, אַ געשיכטלעכער סטודיע, באַזירט אויף דער תּקופֿה אין וועלכער ס'האָט געלעבט און געשאַפֿן נחום סאָקאָלאָוו.

און נאָך עפּעס: טיפֿע ליבשאַפֿט קענטיקט זיך בײַ אים אויס ניט נאָר צו דעם פֿאָטער זײַנעם אַליין, נאָר צו אַלץ וואָס עס האָט אַרומגערינגלט אָט די גײַסטיקע פּערזענלעכקייט — זײַן געבוירן־שטעטל ווישעגראַד, זײַן היים און זײַנע מדריכים אין פּלאָצק און שפּעטער אין וואַרשע, און די גרויסע ייִדישע וועלט איבער וועמענס וועגן און שליאַכן ס'האָט זיך געטראָגן דער שוין באַקאַנטער מנהיג נחום סאָקאָלאָוו, ברענגענדיק די בשׂורה פֿון נאַציאָ־נאַלן אויפֿגיי, די בשׂורה פֿון ציוניזם צו אַל די ישובֿים און קהילות.

פֿלאָריאַן סאָקאָלאָוו באַטאָנט טאָקע אין זײַן אַרײַנפֿיר־וואָרט, און ער האָט עס ריכטיק באַנומען: „נחום סאָקאָלאָוו — זאָגט ער — איז געווען טיף אײַנגעוואָרצלט אינעם לעבן פֿון ייִדנטום העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט, אַזוי אַז ס'איז שווער אים צו מאָלן אָן דעם אַרום פֿון וועלכן ער האָט געשעפּט אינספּיראַציע. וואָרעם רײַך איז זײַן לעבן געווען, פֿול מיט אַקטיוויטעטן,

מחשבות, אומדערמידלעכער אַרבעט, שאַפערישע אָנשטרענגונגען און גרויסע דערגרייכונגען, אַ לעבן, וואָס איז פון אָנהייב ביזן סוף געווען געווידמעט דער אידעע פון ייִדישן רענעסאַנס, פון ווידעראויפבוי פון ישׂראל״.

די באַקאַנטע צעלינאַ סאָקאָלאָוו, די טאָכטער פון נחום סאָקאָלאָוו, וואָס איז אין משך פון לאַנגע יאָרן געווען זײַן כּסדרדיקע באַגלייטערין סײַ אין זײַנע פּילצאָליקע נסיעות, סײַ אין זײַנע טעטיקייטן — דערציילט:

„נישט געווען דער טאָג ער זאָל האָבן פאַרגעסן זײַן שליחות און מיסיע... בעת איינער פון זײַנע רײַזעס, אין יאָר 1926 אין לאָנדאָן, האָט מײַן פאָטער, ווי דאָס האָט אָפט פּאַסירט בײַ אים, גענומען אימפּראָוויזירן און געזאָגט: ,ווען איך ווענד מײַנע גײַסטיקע אויגן אויף צוריק, אויף מײַן לעבן זינט די קינדער־יאָרן אין ווישעגראָד ביזן הײַנטיקן טאָג, קען איך אָנצייכענען אַ פּרינציפּיעלע ליניע, וואָס פירט מיך צום ענדגילטיקן ציל, זי איז נישט קאָמפּליצירט און טאָקע ביז גאָר איינפאַך. מײַן שטרעבן, מײַן טיפסטער ווונטש איז געווען בײַצושטײַערן צו דעם, אַז מײַן פאָלק זאָל ווידער אויפלעבן און שטיין אויפן זעלביקן מעמד ווי אַנדערע פרײַע פעלקער פון דער וועלט׳״.

נחום סאָקאָלאָוו איז שוין אין דער יוגנט געווען אַן עילוי, זײַן פאָטער און זיידע האָבן אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ רב. ער איז געווען אַ גײַסטמענטש, אַ שטאַטסמאַן, אַ שאַפער פון זײַן תּקופֿה. די ליטעראַרישע ירושה פון סאָ־קאָלאָוון איז פון גרויס באַטײַט ניט נאָר ווײַל ער איז געווען דער פאָרמירער פון דער העברעיִשער שפּראַך, אַן עסייִסט און לעקסיקאָגראַף, וווּנדערלעכער פּעליעטאָניסט און פּובליציסט — נאָר בעיקר ווײַל ער איז געווען דער שאַפער פון געדאַנק און חזיון.

דאָס בוך האָט פלאָריאַן סאָקאָלאָוו אָנגעשריבן מיט אַ יאָר אַכצן צוריק. פון דעם מאַנוסקריפּט אין פּויליש האָט דער זשורנאַליסט נפתּלי זילבערבערג איבערגעזעצט אין אַ גוטן פליסיקן ייִדיש אָט דעם וויכטיקן זכרונות־בוך וועגן דער גרויסער געשטאַלט נחום סאָקאָלאָוו.

ב. דעמבלין — „ערב נאַכט"

דעם זכר פון זײַנע ברידער און נאָענטע, פאַרטיליקטע דורך די היטלער־רוצחים, ווידמעט ב. דעמבלין דאָס בוך „ערב נאַכט". דעמבלין דערציילט וועגן אַ תּקופה וועלכע איז נאָך ווײַט געווען פון דער נאַכט, וואָס האָט פינצטער און בלוטיק צוגעדעקט און אָפּגעמעקט אונדזער דורותדיק לעבן. און אפשר, אפשר איז טאַקע שוין דאַן געווען ערב נאַכט? ווער ווייסט, ווי לאַנג דער ערב־נאַכט האָט געטליִעט, ביז ס'האָט אַרײַנגעפירט אין דעם מאוימדיקן חושך?

דעמבלין איז אַ ראַסאָוועער פּוילישער ייִד. אין זײַנע ערשטע שרײַבערישע יאָרן האָט ער געהערט, דאַכט זיך, צו די מקורבים פון י.מ. ווײַסענבערג.

„ערב נאַכט" איז דאָס פּערטע בוך פון דעם פּראָזאַיִקער ב. דעמבלין. מיט יאָרן צוריק איז דערשינען זײַנס אַן ארץ־ישׂראלדיקער ראָמאַן „צוויי און אַ דריטער". אָבער נאָך פריִער האָט ער ממש איבערראַשט מיט זײַן ראָמאַן פון אַמעריקאַנער לעבן „וועסט־סאַיִד" (דערשינען אויך אין העברעיִש), אין וועלכן ער שילדערט דאָס ווײַטע, פרעמדלעכע לעבן פון די אַמעריקאַנער „טרעמפּס", פון די אַוואַנטוריסטיש געשטימטע יונגען און מיידלעך, וועלכע שלאָנדערן איבער די ברייטע וועגן פון אַמעריקע; זייער אייגן־אײַנגעשטעלטע מאָראַל און עטיק און זייער קאַמף מיט דער מאַכט, בעת עטלעכע פון זיי פּרוּוון זיך באַזעצן אויף אַ וויסטן באָדן און ווילן פירן אַ נאָרמאַל אַרבעטזאַם לעבן. ס'איז געווען צו באַוואונדערן, מיט וויפל קינסטלערישער באַגאַבונג דעמבלין האָט געשילדערט אָט די אייגנאַרטיקע סביבה און ווי טרעפלעך ער האָט אַרויסגעבראַכט די פּסיכיק און דעם כאַראַקטער פון די מענטשן פון דער פרעמדער ניט־ייִדישער „וועסט סאַיִד".

די טעמע פון „ערב נאַכט" איז שוין ווײַט ניט קיין נײַע, ס'איז די טעמע פון ייִדיש־שטעטלשן לעבן. אָבער אויך דאָ האָט דעמבלין באַוויזן מחדש צו זײַן עפּעס אין דער רײַכער שטעטל־טעמאַטיק, פאַראינטריגירן דעם לייענער מיט דער שילדערונג פון דעם פעסטונגשטעטל מאָדזשיץ, מיט זײַן אָרעמקייט און גבירשאַפט, און דער עיקר — מיט די איבערלעבונגען פון דעם הויפּטהעלד

פון דער דערציילונג: נתן־חיים, יערמע דוד דעם בהמה־טרײַבערס ייִנגל.

אָרעמקייט און דחקות איז געווען אַ גאָר היימישער ענין אין ייִדישן לעבן. אָבער אַזאַ גרונטיקע און תּכליתדיקע אָרעמקייט, ווי דעמבלין מאָלט פֿאַר אונדז פֿון מיט אַ זיבעציק, אַכציק יאָר צוריק אין אַ ייִדיש־פּוילישן שטעטל העלפֿט אונדז ניט נאָר דערקענען די מיליע פֿון דער נאָענטער פֿאַר־גאַנגענהייט, נאָר ס'ווערט נענטער און פֿאַרשטענדלעכער די גזעלשאַפֿט־לעכע און פּאָליטישע אויסווירקונג, וואָס די נויט און דער דלות־לעבן האָט געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג פֿון נײַעם דור.

די אַקציע פֿון בוך וויקלט זיך אַרום דעם לעצטן יאָרצענדליק פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט און אין די שטורעם־יאָרן פֿון אָנהייב הײַנטיקן יאָרהונדערט. די אָנזאָגן פֿון נײַע צײַטן און נײַע האָפֿענונגען קומען פֿון די גרויסע שטעט. זיי קומען לאַנגזאַם, אָבער מיט עקשנות און געדולד און ס'העלפֿט ניט דעם גבירס דרשנען אין מיטן מאַרק פֿאַר אַ קרענצל ייִדן: „אין מאָדזשיץ זאָגט מען נישט סטרײַקן! די לאַטקעס מיט די צעריסענע תּחתּונים עלן דאָ די קעפּ נישט אָפּהייבן! דאָ איז אַ פֿעסטונג און אַ קאָמענדאַנט איז נאָך ב״ה דאָ אויך דאָ!״. שׂימחהלע פּוטערפּליאָם, דער נגיד פֿון שטעטל, וואָס האָט גראָד געהאַלטן בײַם בויען דאָס גרויסע הויז פֿאַר „קאַזנאַ״, פֿאַר דער פּאָסט, איז נעבעך אַ קרבן פֿון די „שוסטעריונגען און קעכינס״. בײַם באַ־האַנדלען די טעמע פֿון רעוואָלוציאָנערן אויפֿברויז אין שטעטל ווייסט דעמבלין דעם דערציילערישן סוד פֿון מאָס און פּראָפּאָרץ. דערפֿאַר קומען אַרויס בײַ אים די שילדערונגען פֿון די שטעטלשע סטרײַקערס, פֿון די רע־וואָלוציאָנערע גזאַנגען און פֿון די שטעטלשע אַרבעטסגעבערס, „מייג־סטערס״ און „בורזשויען״, אַזוי נאַטירלעך און רעאַל.

מיט דער זעלביקער אוממיטלבאַרער שטייגערישקייט שילדערט ער די משׂכּילים פֿון שטעטל, די אויפֿגעקלערטע יונגע־לײַט, די „גאָלע בראָדניקעס״, וועלכע קעמפֿן פֿאַר אויפֿהאַלטן זייער שקאָלע. די בילדער און סצענעס, וואָס דעמבלין מאָלט, די פּרימיטיווע צוזאַמענשטויסן און רײַסערײַען, זענען שיִער ניט שטיקער פֿאָלקס־געשיכטע פֿון אַ ווײַטיקער ייִדישער תּקופֿה. מיט אַ נאַטירלעכער, אינערלעכער פּשטות דערציילט דעמבלין:

„מאָדזשיצער ייִדן האָבן געזיפֿצט. זיי האָבן ניט געפֿונען קיין טרייסט

אין די ידיעות, וואָס די שליחים האָבן געבּרענגט פון לובלין, אַז גאַנץ קרוינ־פּוילן איז געטראָפן פון דער גזירה, אַז ייִדן שווייַגן ניט, אַז שליחים זענען געפאָרן אונטערשמירן פּעטערבּורג, אַז מ׳מוז וואַרטן און האָבן בטחון.

אַבּאַלע און זײַנע לײַט האָבן אָבער ניט געוואָלט וואַרטן. וואָס עס זאָל דאַרט ניט ווערן אין פּעטערבּורג, האָבן זיי דערווײַל אַליין געשמירט די שרײַבּערס און דעם קאַנצלער און די סטראַזשניקעס, זיי זאָלן זיך מאַכן ניט זען ווי מען טרײַבּט אַרויס די צוויי פּושעים, די לערערס, פון חדר אַרויס. ביז ענדלעך, גאָט האָט געהאָלפן, ייִדן האָבן געוווּנען. פּעטערבּורג האָט באַפוילן, אַז ס׳וועט גענוג זײַן, אויב מ׳וועט מיט די קליינע ייִדעלעך פון פּוילן אויסלערנען דעם טיטל פון קיסר און איר וווילגעבּוירנקייט דער קייסערינע.״

ס׳וואָלט כּדאַי געווען איבּערצודערציילן מיט דעמבּלינס פאָלקסטימלעכן לשון און מיט זײַן שטילן הומאָר, ווי אַזוי מרדכילע לערער לערנט אײַן מיט כּוונה די גרויסע תּורה פון „יעוואָ אימפּע־ראַ־טאָרסקאַגאָ ווע־לי־טשעסטוואָ גאָ־סו־דאַ־ראָ״. און אָט ווי אַזוי אַבּאַלע, דער קבּצן אין זיבּן פּאָלעס און דער פאַרברענטער קעמפער קעגן די שקאָלעס, האָט זיך געפרייט מיט זײַן נצחון:

„אַבּאַלע האָט אויפגעהויבּן דעם קאָפּ. ער האָט זיך געפילט דער זיגער. ווי נאָר די גוטע בּשׂורה איז אָנגעקומען, איז ער אַרויפגעלאָפן אויפן פּורים־סוחרס קראָמבּריקל, געטאָן אַ צענעם די צוויי פּאָלעס פון זײַן געהאַקטער קאַפּאָטע, אויסגעבויגן דעם אַחור גלײַך אין פּורים־סוחרס געוועלבּ אַרײַן און געטאָן אַ געשריי מיט גרויס פרייד: — אָט דאָס האָסטו, ניט קיין שקאָלעס!״

לייענענדיק דאָס בּוך דאַכט זיך אָפּט אַז די אַלע ווידעראַנאַנדן און קאַמפן אין שטעטל זענען ניט פאַרגעקומען סך־הכּל מיט אַ צוויי דורות צוריק, נאָר שטאַמען עפּעס פון אַ ווײַטער צײַט. „ערב נאַכט״, ווי אַ סך אַנדערע בעלעטריסטישע ווערק, צווינגען אונדז נאָך אַ מאָל זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם, וואָס פאַר אַ טיפע און ראַשיקע איבּערקערעניש ייִדיש־פאָלק האָט דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער. וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע ענדערונגען עס זענען פאָרגעקומען אין ייִדישן לעבּן אין פּוילן אין די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

דער הויפּטאַקס פֿון דער דערציילונג איז דאָס לעבן פֿון אַן אָרעמער משפּחה אין מאָדזשיץ און דער צענטראַלער העלד פֿון דער דערציילונג איז דאָס ייִנגסטע ייִנגל פֿון דער משפּחה נתן־חיים, וואָס האָט געירשנט פֿון זײַן טאַטן סײַ זײַן האַרטנעקיקייט און עקשנות, סײַ זײַן געפֿיל פֿאַר יושר. ער איז ווילד און געהאָרכזאַם און איז דערבײַ קאַפּאַבל אָפּטאָן די גרעסטע צו־להכעיסן; אַ בעל־נוקם, אָבער ווער נאָך, ווי ער, קאָן זײַן אַזוי איבערגעגעבן און געטרײַ? אין נתן־חיימען גלימערט אַ קעגנערשאַפֿט צו די אַלע, וואָס זוכן פֿאַר אים אַ תּכלית, צו די ייִדן וואָס „האָבן שטילערהייט נביאות געזאָגט: פֿון דעם ייִנג וועט קאַ לאַאַט נישט זאַאַן". ער פֿאַרטראָגט ניט קיין עוולות, און טאַקע אָט דער אינסטינקט פֿירט אים צונויף מיט געפּאַלענע און געפּלאָג־טע, מיט באַלעקן, פֿראַנטשישקאָווע דער וועשינס זונדל. פֿוןביידע ייִנגלעך, דעם ייִדישן און ניט־ייִדישן, הויכט אַרויס די ערלעכקייט פֿון יונגע נשמות, דער פֿאַרדרוס אויף דער וועלט, וואָס האָט ניט ליב קיין אָרעמע־לײַט.

דעמבלין ווײַזט זיך דאָ אַרויס פֿאַר אַ גוטן קענער פֿון כאַראַקטער און פּסיכיק פֿון קינדער און יוגנטלעכע. נתן־חיימס אַוואַנטורעס, די שקאָצעוואַטע שפּיצלעך, דאָס אויסהאַקן די שויבן אין חדר, דאָס גנבענען אין טאַטנס שפּײַכלער די שטיוול, בכדי אָפּצוראַטעווען זייער הונט פֿון דעם היצעלס שטײַג, — זענען אַן אויסדרוק פֿון אינסטינקטיוון קינדערשן פּראָטעסט קעגן דער צביעות פֿון אַרום, קעגן די וואָס באַעוולען זייער וועלט, זייער אָרעמע קינדערשע וועלט.

דאָס בוך איז געשריבן אין אַ לײַכטן טאָן, טייל מאָל אַפֿילו אַ צו לײַכטן לגבי דער טעמאַטיק, אָבער דאָס בוך לייענט זיך מיט געשמאַק און אינטערעס.

*

מיטן טויט פֿון ב. דעמבלין — מיט צוויי יאָר צוריק — האָט די ייִדישע בעלעטריסטיק פֿאַרלוירן אַן עכטן, אַ קרעפֿטיקן און אינטערעסאַנטן פּראָ־זאַיִקער.

יחיאל האָפּער — „אין ווייסער פּאַרפּאַלנקייט״

ס׳איז אַ בוך וואָס דעקט אויף אַ שטח פון וועלכן מיר האָבן געהערט און געלייענט. אָבער יחיאל האָפּער אין זײַנע שילדערונגען „אין ווײַסער פּאַרפּאַלנקייט״ ברענגט עס פאַר אונדז אין אַזאַ פאָרנעם און אין אַזאַ קרעפטיקער נאַראַטיווער פאָרעם, אַז מיר בלײַבן פון דאָס נײַ געפּלעפּט — ניט נאָר פון די מעשׂים און פאַרלויפּעניש, נאָר גרײַלעך פון דער שרײַבער־רישער רויִקייט מיט וועלכער ער דערציילט זיי.

דאָס איז די דערציילונג פון זײַן פאַרשיקונג אין ווײַטן צפון, פון די סיבירער טײַגעס, פון די פאַרשיקונג־לאַגערן, ווו עס האָבן געשמאַכט די אַסירים, פאַראורטיילטע יידן פון פוילן, פון לעטלאַנד, יידן פּליטים פון שטעט און שטעטלעך, וואָס זענען אַריבער די גרענעץ, אַנטלאָפן פון די נאַצי־רציחות און דאָ זענען זיי אויסגעליפערט געוואָרן צו נײַע אַכזריותן אין די „אַרבעטס־און אויסבעסערונגס״־לאַגערן פון סאָוועטישן רעזשים. „אין ווײַסער פּאַרפּאַלנקייט״ איז ניט דאָס ערשטע בוך וואָס שילדערט די סאָוועטישע לאַגערן. ס׳איז אָבער אָן צווייפל פון די אייגציקע, זעלטענע ביכער, וואָס ברענגט אַרויס אַזוי היקפדיק, אַזוי בילדעריש דאָס, וואָס די לאַגערן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט.

מיר קענען האָפּערן ווי דעם עפּישן דערציילער פון יידיש־פוילישן לעבן, ווי דעם מקורותדיקן דערציילער פון די וואַרשעווער הייף, ווי דעם שילדערער פון וואַרשעווער חסידישן פּיר און שטייגער. זײַן פּראָזע־שאַפונג פאַרמאָגט דעם אייגנדיקן אויסדרוק און די אַקומולירטע שטימונג פון אָט דער מיליע, פון דער וווּנדערלעכער מאָזאַיִק — יידיש וואַרשע. אָבער מיט אָט דעם נײַעם בוך זײַנעם האָט האָפּער זיך באַוויזן נאָך אַ מאָל אין זײַן בעלעטריס־טישער קרעפטיקייט, אויסברייטערנדיק די ראַם פון זײַן אייגנטימלעכער טעמאַטיק.

די מאָלערישע שילדערונגען אין די קאַפּיטלעך, ווי „נעכט אין דער טײַגע״, „פרילינג״, „דער שניי פּאַלט״, אָטעמען מיט דער וויסטער האַרבער ווײַט־צפונדיקער נאַטור, מיט דעם פאַרפירערישן קלימאַט, אָבער זיי ווערן

באַגלייט פון אַזאַ מענטשלעך לירישער טויזקייט, אַז עס ווערן צו מאָל לינדער די געקאָוועטע רישעותן פון אַרבעטס־רעזשים און עס ווערט עפּעס ווי לײַכטער צו באַנעמען דאָס בייז און דאָס איזדיעקעווען זיך פון די לאַגער־מושלים, וועלכע זענען אַליין אויך פאַרשיקטע, פאַרזינדיקטע לגבי דער סאָוועטן־מאַכט. פון דער „ווײַסער פאַרפאַלנקייט״ גייען אויף צענדליקער און צענדליקער געשטאַלטן, פאַרשיקטע וואָס האָבן אַ מאָל, אַנומלט, געשפּילט אַ ראָלע און פאַרנומען פּאָזיציעס, וויכטיקע אַמטן, געווען מענטשן פון מאַכט אין דעם אַפּאַראַט פון סאָוועטישער ליגנערײַ און טעראָר. איצט טאָפּטשען זיי דאָ אין זייער שוואַרצן, קויטיקן הילוך, ברעכן זיך אײַן פון דער צוואַנג־אַרבעט און חלומען דעם חלום פון נאָך אַ שיסעלע מוטנעם גרויפּנזופּ, וואָס מען וועט זיי צוטיילן, אויב זיי וועלן דערגרייכן די נאָרמע אויסגעהאַקטע אָדער אויפגעלאָדענע אוראַלטע דעמביקע ביימער.

דאָ טרעפן מיר טשיקאָווע, אויסטערלישע פאַרשוינען. געוועזענע רע־וואָלוציאָנערע טוערס, וואָס זענען נאָך ביז הײַנט — אויך דאָ, אונטערן לאַגער־רעזשים — געבליבן געטרײַ זייערע אַמאָליקע אידעאַלן. די אידעאַלן האָבן זיך ניט אויסגעגליטשט, די מענטשן, די חברים אין מאָסקווע האָבן זיך בלויז אויסגעקרימט...

די אַרבעטס־לאַגערן זענען אַ בבל פון מענטשן, אַ געווירבל פון כּלערליי פאַרשוינען און כאַראַקטערן ; רוסן און דײַטשן, אוקראַאינער, קירגיזן, לעטן, אַפילו כינעזער און קאַראַאימער זענען דאָ פאַראַן. אָבער אַלץ איז דאָ אויס־געגליכן, די פּײַן, די קאַטאַרזשנע האַרעוואַניע, דער פּחד, דער שטענדיק מאַטערנדיקער הונגער. די ביטערע דאָליע האָט דאָ אַלעמען אויסגעגליכן. דאָך טיילן זיך אויס טיפּן און כאַראַקטערן, וועלכע האָפער שילדערט מיט אַ סך געדולד. ער מאָלט זיי אויפן פלאַך פון אָט דעם מאָוימדיקן אַרום, און מיר פילן אָפּ ניט נאָר זייער אויסערלעכן אויפפיר — מיר פילן אַרויס זייער אינערלעכן וועזן : באַגערן, בענקשאַפטן, טרויער און גלײַכגילט — — אַל די שטימונגען זענען ווי פאַרגראָבן, דערשטיקט אין דער טיף. מעגלעך אַז דער אַרעסטאַנט פילט זיי שוין ניט מער.

אין אָט דער „ווײַסער פאַרפאַלנקייט״ טיילן זיך אויס די פאַרשיקטע ייִדן, זייערע חטאים זענען דאָך באַקאַנט. צוגעטראַכטע באַשולדיקונגען, ברוטאַל

אויסגעשפּעקולירטע דורך דער מאַכט, וואָס האָט געזאָלט אַ מאָל אויסלייזן די פֿאַריאָכטע און עקספּלואַטירטע צווישן די ייִדן — — און פריִערדיקע פּליטים פון שטעט און שטעטלעך, וואָס אַ טייל פון זיי האָט מסתמא אַ מאָל אַרויפגעקוקט צום „שטערן פון אָקטאָבער". דאָ געפינען זיך אויך שרייבערס, קינסטלערס, ייִדישע טוערס, געוועזענע קהילה־פירערס. פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס זענען שוין געווען אַ ביסל פאַרפרעמדט מיט ייִדישקייט. דאָ פאַראייניקט זיי איין און דער זעלביקער גורל, זיי ווערן דערדריקט אונטער דער לאַסט פון ווייט־צפונדיקן סאָוועטישן לאַגער און פילן אויך דאָ די פאַרוואָרצלטע שינאה צום ייִד.

פון די איבער 400 זייטן פונעם בוך קומט אויף אַן אויסטערלישע טראַגישע וואָר. די וואָר פון ווייסער פאַרפאַלנקייט.

יעקב פרידמאַן — „ליבשאַפּט"

ער איז געווען פון אונדזערע טאַלאַנטפולסטע פּאָעטן. יעדע שורה זײַנע, יעדער פערז איז עכטע דיכטונג. עפּעס זינגט אַרויס פון זיי אַ באַזונדערער ניגון, כאָטש די ריטמען זענען אָפט מאָל דאָרנדיקע און האַרבע, ווי דאָרנדיק און האַרביק ס'איז אונדזער תקופה, וועלכע ער איז אַנומלט דורכגעגאַנגען.

זײַן ליד טראָגט אין זיך געדאַנק און בילד, וואָריקע פּאַרוואָרצלטע ייִדישקייט און דעם טאָן און אימאַזש פון אונדזער הײַנטיקייט. דאַכט זיך, אַז פון אַלץ וואָס ער זעט און פילט, אַלץ וואָס אַרום אים — באַווירקט אים, רעגט אים אָן, און ער בלײַבט, צו מאָל, פאַרגאַפט מיט ייִנגלשער תּמימות און ליבשאַפט, כאָטש אָנגעלאָדן מיט דערפאַרונג און טיף מענטשלעכע פּיקחות:

גאַפט דער שטערן־זעער אויפן מילכשליאַך
מיט בקיאות און ליבשאַפט,
דערפילט ער: אַליין איז ער מילכשליאַך,
אויסגעסדרט מיט אין־סופיקער קלוגשאַפט;
צעל בײַ צעל איז זײַן גוף,
מיט פּינקטלעכקייט געאָמעטרישער באַהאַפטן.

יעקב פרידמאַן איז ניט נאָר אַ בריהדיקער דיכטער, ער איז טאַקע בפירוש אַ מײַסטער וואָס קען אויסבינדן, צוזאַמענגלידערן דעם געשליפענעם פּאָעטישן וואָרט און אימאַזש צוזאַמען מיט זײַן אידעישן מיין, וואָס שורות פון זיי קלינגען אָפט פובליציסטיש — און דאָך בלײַבן זיי תּמיד אין דער ספערע פון דיכטונג, אין דער ראַם פון עכטן ליד, מיט שיינקייט און נײַקייט פון אויסדרוק. פרידמאַן געהערט צו אונדזערע גוטע, פּאַרטיפטע דיכטערס, וואָס אויפשרײַבן אַ ליד איז זיי אַלע מאָל צו עפּעס מחייב. קלאָר אַז זײַן אייגענע, יחידישע, אינטימע שפּירונג קומט צום אויסדרוק מיט אַזאַ טשיקאַווער, פילאָסאָפירנדיקער טענדענץ...

ער איז אייגנאַרטיק אין זײַן פּאָעטישער רעאַגירונג אויף פּאַרלויפענישן,

געשעענישן פון אונדזער טאָג־טעגלעכקייט, וועלכע מיר באַמערקן קוים. ער נעמט אויף וועלט־פּאַסירונגען מיט אַזאַ סאַטירישן שמייכל און מיט וואָרעמער הייטערקייט, אַ שטייגער:

גאַגאַרין פליט מיט קאָסמישן ראַקעט,
און פּלאַטאָן, אַפילו מיט אַ וועספּע ניט געקאָנט שאַפירן;

און אין דעם זעלביקן נוסח:

אַ האַ, אָרעמער פּלאַטאָן! איצט ווייסט שוין דער קלענסטער
אַבסאָלווענט פון אַ פאַקולטעט
אַז אידייע איז מעטאַפיזישער קוואַטש און חוץ מאַטעריע איז גאָרנישט
ניט פאַראַן!

און יעקב פרידמאַן, וואָס טובלט זיך אין דורותדיקער יידישער שטיי־גערישקייט ווייס גרייַלעך אַז די חשיבות ליגט נאָך אַלץ אין גייַסט, אַז גרויס איז דער באַטייַט פון וואָרט און געדאַנק. וואָרט און געדאַנק איז דער סינטעז צו וועלכן ער שטרעבט און וועלכן ער איז מקיים מיט אַזוי פיל קענטשאַפט און אינטעלעקטועלן בייַגער, אַפילו דאָס נעפּלדיקע און פאַרנעפּלטע רופט זיך אָפּ און רייצט מיט אייפעריקן ווילן צו שלמות. שלמה ביקל, וועלכער האָט געקענט יעקב פרידמאַנען נאָך פון די ערשטע יאָרן, פון די אָנהייבן אין רומעניע, האָט אַ מאָל געשריבן וועגן אים:

„יעקב פרידמאַנס פּאָעטישער סוזשעט איז די בענקשאַפט נאָך באַהעפ־טונג מיטן באַשאַף און דער באַגער צו דערזען זייַן ליכט — — יעקב פרידמאַנס פּאָעטיש וואָרט איז ניט דאָס וואָרט פון אַ נאַטורמענטש, נאָר פון אַ מענטשן מיט קאָמפּליצירטע בענקשאַפטן צו באַהעפטונג מיט נאַטור און מיט חקירה־דיקע און אַ מאָל אַנטפּלעקערישע איבערטראַכטענישן. מיט אַנדערע ווערטער — צי אין זייַן טאַטנס רבישן הויף אין מילניצע און אין טשערנאָוויץ, צי אויף דער וואַנדרוווקע אין בוקאַרעשט און אין קאַפּריסין אָדער בייַם סוף פון די וואַנדערונגען — אין דער אַלט־נייַער היים — ניט קיין זאַווערוכע־זשעסטן

פון נאַטור־באַהעפטונג, נאָר דבקותדיקער תּפילה־געזאַנג און דינער פֿידל־געזאַנג פֿון בענקשאַפֿט נאָך איר".

די זאַמלונג „ליבשאַפֿט" איז דאָס זיבעטע בוך וואָס דער דיכטער האָט אַרויסגעגעבן. די איבער 40 לידער און פּאָעמעס, וואָס קומען אַריַין אין דער זאַמלונג, איז אַן אינטערעסאַנטער אינהאַלטסריַיכער אויסדרוק פֿון אונדזער ציַיט און גלימער — יעקב פֿרידמאַנס פּאָעטיש געמיט.

אַלטער קאַציזנע — „געזאַמלטע שריפטן"

ער האָט געטיילט דעם גורל פון ייִדישן פאָלק און פון די ייִדישע שאַפערס אין מיזרח־אייראָפּע, און ער איז דאָך געווען אַ גאַנצע שרײַבערישע אינסטי־טוציע אַלטער קאַציזנע, כאָטש ער איז דורך און דורך געווען אַן אינדיווי־דואַליסט אין זײַן שאַפן און זײַן דענקען, אין זײַן דיכטערישן דרך, אין זײַן אויפפאַסונג פון ייִדישן גאַנג און ייִדישער געשיכטע.

קאַציזנע — זאָגט מלך ראַוויטש אין זײַן באַגלייטוואָרט צום בוך „גע־זאַמלטע שריפטן" — „איז איינער פון די ערשטע דיכטערס, וואָס האָבן דער־זען, אַז די גאַנצע ייִדישע געשיכטע — פון אַלע פיר טויזנט יאָר, אָנגעהויבן מיט אַברהם אָבינו — איז אַ מין פּערלשנור פון מעשיות, אָנגעהאָנגען אויף דעם האַלדז פון דער ייִדישער ווירקלעכקייט". איז עס אַ טרעפלעכער דיכ־טערישער זאָג פון דעם פּאָעט־חבר, וואָס האָט קאַציזנען געקאָנט גאָר נאָענט, אָבער דער באַטײַט דערפון איז, אַז קאַציזנע האָט, ווי ווייניק ווער, צוגעאייגנט אין זײַן שאַפן היסטאָרישע פּאַרלויפעניש, דראַמאַטישע קאָנפליקטן פון עבר און האָט זיי אין אַ באַזונדערער אייגנאַרטיקער פאָרמירונג פאַרווירקלעכט, פאַרוואָריקט אין דער ליטעראַטור.

דער חותם פון קינסטלער איז דאָך קודם־כל זײַן „אייגן קול", וועלכן מיר הערן אַרויס און זענען מסוגל אַרויסצופילן אַפילו פון באַקאַנטע פאַר אונדז טעמעס און מאָטיוון. אַלטער קאַציזנעס אייגענעם קול, זײַן באַזונדערן אימאַזש, סטיל און פאָרעם שפּירן מיר אַרויס אין אַלץ וואָס ער האָט געשאַפן, און געשאַפן האָט ער אין אַלע זשאַנערן. ער איז געווען אַ פּאָעט, אַ דערציי־לער, אַן עסייִסט, אַן אַרטיקל־שרײַבער און אַפילו אַ זשורנאַליסט. מחמת אַלץ האָט אים אינטערעסירט און אויף אַלץ וואָס איז לעבן און שאַפן און קונסט האָט ער רעאַגירט.

דאָס האָט אויך געהערט משמעות צו דעם, וואָס ער האָט איבערגענומען פון פאַרגעטערטן מדריך — דעם גרויסן ליטעראַרישן רבין יצחק לייבוש פּרץ.

„מיט פּרצן — שרײַבט קאַציזנע אין פאָרוואָרט צו זײַן בוך ,באַלאַדן און גראָטעסקן' וואָס איז אַרויס אין 1936 — בין איך געווען אויפגעטראָגן בײַ

זײַן לעבן און ער האָט פיל צײַט אָפּגעגעבן פאַר מײַן ליטעראַרישער אויס־בילדונג. אָבער ערשט שפּעטער, נאָך זײַן טויט, האָב איך געוואָגט זיך צו פאַרמעסטן ליטעראַריש אויף פּרצעס דרכים. ווײַזט אויס אַז דער לאַנגזאַמער וועג פון קינסטלערישער רײַפונג רעכנט זיך ניט מיט די בליץ־שנעלע טעמפּן פון דער צײַט. פאַר דער ליטעראַטור איז חל די קינסטלערישע רײַפונג און ניט די קאַפּריזן פון דער צײַט."

עס פעלן ניט בײַ פּרצן קיין תלמידים אין אונדזער ליטעראַטור. אָן פּרצן זענען ניט דענקבאַר ניט אנוכיס „רב אַבא", ניט אַנסקיס „דיבוק", ניט שלום אַשס „קידוש־השם", ניט לייוויקס „גולם" און ניט קולבאַקס „משיח בן־אפרים". מען וואָלט געקענט אויסרעכענען נאָך אַ גאַנצע רײי ווערק אין אונדזער ליטעראַטור וועלכע נעמען זייער שורש פון פּרצעס פאָלקסטימלעכער שול. און קאַציזנע איז געווען איינער פון די געטרײַסטע, נאָכפאָלגערישע תלמידים, אָבער דווקא פון די ווייניקע, וועלכע זענען סײַ אַזוי דבקותדיק נאָכגעגאַנגען פּרצעס וועג, סײַ אַזוי געוואָגט און מוטיק רעוואָלטירט. רעוואָלטירט אידעיִש און אַפילו ליטעראַריש. דאָס האָט, אָן ספק, געמאַכט קאַציזנעס שאַפונג אינטערעסאַנטער, נײַער, אַנדערשדיקער.

אים האָט געלאָקט דער פאָלקסמאָטיוו און די פאָלקס־לעגענדע, אָבער ער האָט אומעטום און אַלע מאָל אַרײַנגעפירט, אַרײַנגעהויכט זײַן אידעיִשן טאָן. אַ פּראָגרעסיוון טאָן און אימאַזש. די ייִדישע ליטעראַטור דאַרף איצט אָפּצייכענען ניט נאָר דאָס דערשײַנען פון אַלטער קאַציזנעס באַנד געזאַמלטע שריפטן ווו עס איז אַרײַן זײַן באַרימטע דראַמע דער דוכּוס, זײַן אייגנאַרטיקע דראַמע „דעם ייִדנס אָפּערע" און לידער־סעריעס פון בוך „באַלאַדן און גראָ־טעסקן", נאָר מען דאַרף אויך מיט טיפער דערמאָנונג פאַר איינעם פון אונדזערע אָריגינעלסטע שאַפערס אָפּצייכענען 60 יאָר זינט ער, אַלטער קאַציזנע, איז אויפגעטראָטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און מיט זײַן דעביוט, מיט דער דראַמאַטישער פּאָעמע „דער גײַסט דער מלך", אַרויסגערופן צו זיך אין יענער צײַט חידוש און באַצױבונג. ער איז אויפגעגאַנגען מיט עפּעס נײַס, וואָס די ייִדישע דראַמאַטישע און פּאָעטישע שאַפונג האָט ביז אים ניט געוווּסט, און כאָטש זײַן ערשטע דראַמאַטישע פּאָעמע האָט ניט אויסגענומען, האָט אָבער אָט די שאַפונג שוין אָנגעזאָגט דעם אייגנדיקן וועג פון אָריגינעלן

שרײַבער אַלטער קאַציזנע, וואָס האָט אַזוי װוּנדערלעך אויסגעבונדן דעם העראָישן נעכטן מיט דער וואָכיקייט פון הײַנט, לעגענדע מיט ווירקלעכקייט, פֿאָלקסמאָטיוו מיט ניגון פון סאָציאַלער באַפרײַונג:

„מיך האָט אָנגערעגט די מעשה מיטן ווילנער גר־צדק, ניט ווי אַ לעגענדע וואָס איז געבוירן געוואָרן אין יידישע קעפּ, נאָר ווי אַ מעגלעכע געשעעניש, וואָס איז פּסיכאָלאָגיש אויסטערליש.״ — — און אַז מען וויל זענען דאָך אָפּט מאָל אויסטערליש די וועגן, ווי אין אונדזער צײַט באַקומט אַ יידישער בוך זײַן תּיקון...

די געזאַמלטע שריפטן זענען אַרויס אַ דאַנק דער עקשנות און מיפּולער אַרבעט פון אַלטער קאַציזנעס טאָכטער שולמית.

חנן אַיאַלטי — „דער מאַן פון לעמיל״

אין דער ביכער־רשימה, וואָס איז אָנגעגעבן אויפן שער פון דער איצ־טיקער זאַמלונג דערציילונגען „דער מאַן פון לעמיל״ — און די רשימה פון פון אַיאַלטיס אַרויסגעגעבענע ביכער איז אַ גאַנץ אימפּאָזאַנטע: ראָמאַנען, נאָוועלן, רעפּאָרטאַזשן מיט אַזעלכע טשיקאַווע נעמען ווי „טאַטע און זון״, „דער טשעק און די אייביקייט״, „וויַיטער פון ברוקלין״, „אָן אַ פּאַרהאַנג״ — צו אָט דער רשימה פעלט אָבער נאָך איין בוך, אַ ראָמאַן וועלכן אַיאַלטי פאַרשוויַיגט עקשנותדיק, כּאילו לא היה. אָבער דער ראָמאַן איז דאָך דער־שינען און ער איז אַרויס דווקא אין אַן אָנגעזעענעם יידישן פאַרלאַג אין ווילנע אין יאָר 1936 (332 זז׳).

ווילנע איז דאָך אין יענע יאָרן געווען אין בעסטן יידישן אויפשוונג, געווען די עיר ואם בישׂראל און חנן אַיאַלטי איז דעמאָלט געווען אין ארץ־ישׂראל. געקומען איז ער אַן אויסגעכאַוועטער פון דער השומר־הצעיר־באַוועגונג אין פוילן נאָכן ענדיקן די העברעיִשע גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק און דאָ האָט ער זיך גאָר אויסגעלינקט. אין די יאָרן 1929—1933, ווען די פּק״פּ (פּאַלעסטינער קאָמוניסטישע פּאַרטיי) האָט געשטורעמט און גערודערט און גערופן די אַראַבישע מאַסן צו אַ נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד — איז חנן אַיאַלטי, אָדער ווי ער הייסט פון דער היים חנן קלענבאַרט, געווען צווישן אָט די טוערס און פּאַרזאָרגערס, צווישן די, וואָס האָבן זיך אָנגענומען נעבעך די קריוודע פון די אַראַבער. און אין זייַן ראָמאַן, וואָס ער וויל משמעות פאַרגעסן, — דער ראָמאַן וואָס הייסט מיט אַזאַ צעגלעקלטן נאָמען „בום און קייטן״ — שילדערט ער בעיקר די רדיפות, וואָס די אַראַבער שטייען אויס פון די יידן, וואָס זענען געקומען קיין ארץ־ישׂראל בויען זייער נייַע היים און זייער לעבן — — אַיאַלטי ברענגט אַרויס אַזעלכע וויסטע, גרויליקע (סימולירטע) עוולות פון יידישע פּיאָנערן, קיבוץ־מענטשן, לגבי זייערע אַראַבישע שכנים, אַז עס כאַפּט אַזש אַ שוידער.

אָבער מיר קענען און געדענקען די צייַט און די קאָמוניסטישע אויפ־גאַבעס און פאַרדרענגשאַפטן פון יענער צייַט. דער ראָמאַן, אָט דער „בום

און קייטן" איז געשריבן מיט טעמפּעראַמענט און, פאַרשטייט זיך, מיט היציקער איבערגעגעבנקייט — ווי פלעגט מען עס אַ מאָל זאָגן: פאַר דער גערעכטער זאַך — —

אָבער אַז דער מחבר וויל עס פאַרגעסן, ווילן מיר עס אויך פאַרגעסן. בפרט אַז עטלעכע יאָר נאָך דעם האָט ער זיך גאָר אויסגעניכטערט און האָט דערזען אויפריכטיק די יידישע וואָר, די ארץ־ישראלדיקע וואָר, און ער האָט געוואָגנדן זײַן בעלעטריסטיש אויג צו יידישערווירקלעכקייט און צו אַלייִדיי־שער טעמאַטיק. זענען געקומען זײַנע דערציילונגען פון דער יידישער סביבה אין דרום־אַמעריקע, און שפּעטער צו „וויַיטער פון ברוקלין", פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן, און צו מדינת־ישראל, וועלכע ער באַשרײַבט איצט מיט פאַרערונג, מיט ליבשאַפט און פאַרבענקשאַפט — — און ער פילט איצט אָפּ דעם אמת פון אַ מאָל... גאָר קיין ספק ניט, אַיאַלטי איז אַ לעבעדיקער שיל־דערער און נאַראַטיווער באַשרײַבער פון מענטשלעכע קאָנפליקטן און ווידער־אַנאַנדן און ער קען גרינטלעך דעם אַרום און ער קען בריהדיק אַרײַנדרינגען אין דעם מהות פון זײַנע העלדן און אין זייערע מעשים און פאַרלויפענישן.

אין דעם איצטיקן בוך „דער מאַן פון לעמיל" קומען אַרײַן נײַן דערציי־לונגען. דאַכט זיך, אַז גראַד אָט דאָס בוך מאַניפעסטירט צום בולטסטן, נאָך מער ווי די פריערדיקע ביכער, אַיאַלטיס דערציילערישן כוח.

די ערשטע דערציילונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם בוך, ברענגט אַרויס אויפן פלאַך פון ניו־יאָרקער גאַסן דאָס צעוויטיקטע, צעטומלטע און קראַנקהאַפטע געשטאַלט פון מיסטער טראָומבערג, וואָס איז געווען אין מלחמה־יאָרן אין דעם נאַצישן קאָנצענטראַציע־לאַגער לעמיל אין פראַנקרײַך. די דורכגעגאַנגענע פּײַן האָט זיך אויסגעווירקט אויף זײַן אויפפיר און פסיכישן צושטאַנד. טראָומבערג לעבט אין אַ וועלט פון אויסטערלישע דמיונות, — אַ ניט־דאַיקער, אַ משונהדיקער, ווי ער וואָלט ממשיך זײַן זײַנע „דאָרטיקע" תחבולות, וואָס האָבן אים געהאָלפן איבערלעבן די לאַגער־יאָרן. ווערט ער איצט אויסגענוצט דורך אַ וויסטן אונטערוועלטניק, אַ העראָין־הענדלער. די דערציילונג אין אָן ספק איינס פון די פאַרטיפטסטע סײַ מיט דער אויסטערלישער ספערע, סײַ מיט דער שילדערונג פון אָט דעם געטראָפענעם מענטש.

און אָט איז אַ דערציילונג פון אַן אַנדער מיליע און פון אַן אַנדער צײַט: „בערקע דער יישובניק אַנטדעקט די וועלט". דאָ גייט אויף פאַר אונדז דער קליינשטעטלדיקער שטייגער מיט די היימישע קליינשטעטלדיקע יידן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט זייערע השגות און באַגערן — — און אָט קערט ער זיך אום ווידער צו די מערקווערדיקע טיפּן און משונהדיקע פאַר־לויפענישן אין אַמעריקע, צו די דערציילונגען פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן „איפכא מסתברא" — אָט ווי נאָך אַ קאַלטן לאַנגן ווינטער פאַרט אַרויס מאָריס קליינמאַן, דער ברוקלינער קרעמער, צו דער לוויה פון זײַנס אַ לאַנדסמאַן, נאָר עפּעס אַ מיכשול צעשטערט דעם חסד של אמת, אָפּגעהיט זאָל מען ווערן. אויפן וועג צו דער סאָבווייִ פאַרטשעפּעט ער זיך דערווײַל מיט אַ יונגער פרוי — אַ נעגערטע.

אַ לעבעדיקע און געראָטן געשריבענע דערציילונג איז „פאַר דעם צו־קונפטיקן היסטאָריקער". עס אָטעמט פון דער דערציילונג מיט הײַטערער סאַטירע אויף די טוונגען און עסקנותן פון די סאָסייעטיס און טשערליידיס מיט זייערע מיטינגען און באַזאַרן. — — אַזאַ איז אויך די דערציילונג „אויף דער בירזשע פון אייביקייט". ניט מער, פון דעם איראָניש־סאַטירישן הויך, וואָס קומט אויף פון דער מעשה, ווערט שווער און סומנע אויפן האַרצן. די „בירזשע פון אייביקייט" איז אַ קליינע קאַפעטעריע ווו יידישע דיכטערס און שרײַבערס טרעפן זיך, שמועסן, רעדן און באַרעדן... און בײַטן זיך מיט אַדרעסן פון „פּאָטענציעלע" קויפערס פון אַ יידיש בוך. די אַדרעסן נעמען אַרום שטעט און שטעטלעך פון אַמעריקע. טרעפט, אַז פון די פאַרבליבענע „פרענומעראַנטן" שיקט נאָך ווער צו אַ 10־דאָלאַרדיקן טשעקל, און ס'טרעפט, — יאָ, אַזוי איז דאָך דער דרך־העולם — מען דאַרף וועמען אויסמעקן פון די רשימות. ער איז אַוועק דעם אייביקן וועג. — —

דאָס בוך שליסט אַן אינטערעסאַנטע היסטאָרישע דערציילונג פון אַ יידישן קוואַרטאַל אין אַמאָליקן בבל, וואָס איז באַוווינט פון די גולים פון יהודה.

חנן אַיאַלטי פאַרמאָגט אַ ברייטע און קאָלירפולע גאַמע. ער איז אַ בריה

אין אָפּגעפּינען טעמעס, טשודנע טעמעס מיט טשודאַטשנע טיפּן. און ער איז אַ נאַראַטיווער שילדערער און באַשרײַבער פון גרויסשטאָט מיט אירע פאַר־לויפּעניש און מיסטעריעס. ער האָט אַ לעבעדיקן, פאַרביקן סטיל, וואָס איז אי וואַרעם־מענטשלעך אי הײַטער, און צו מאָל אויך סאָליד, מיושבדיק. איינס קען מען זיכער זאָגן: חנן אַיאַלטי איז אַ טשיקאַווער און מאָדערנער פּראָזאַיקער.

נחמן ראַפּפּ — „וואַנדערשטאָק אין בלי״

„וואַנדערשטאָק אין בלי״ האָט ניט נאָר אַ פּאָעטישן אויסקלאַנג, נאָר אָן ספק אַ פּאָעטישן זין. אָבער דער טיטל פונעם בוך דעקט זיך קוים מיט דעם תּוכן פון דער לידער־זאַמלונג. אמת, דעם וואַנדערשטאָק פּילן מיר צו מאָל אַרויס, און דער בלי גייט אויף פּאַר אונדז מיט דינער דופּטיקער פּריש־קייט — — אָבער דער גרעסטער טייל לידער אינעם בוך אָטעמט מיט עצבות, מיט דעם טרויער אויף היים און וועלט, וואָס איז אַוועק און ניטאָ מער. קומען אויף בלויז דערמאָנונגען פון דאָרט. קומען אויף די שטימונגען און בענקשאַפטן צום נעכטן — — און אינעם פלאַטער פון די נשמה־וויברירונגען לײַטערט זיך און לויכט אויף דאָס געזאַנג צו ירושלים. אָט צו דער ירושלים, וואָס נחמן ראַפּפּ קען אַזוי ווויל פון בעת ער איז נאָך אין ירושלים ניט געווען.

פינף קורצע אָפּטיילן אַנטהאַלט אָט די שיין אַרויסגעגעבענע לידער־זאַמלונג: „בײַ דײַן טויער, ירושלים״, „און געווען זענען זעקס טעג״, „אין געדענקשאַפט״, „וואָס אין פּסוק שטייט״ און „חלום מײַן חלום״. מיר דאַכט, אַז איבער די אַלע לידער און לידער־גרופּעס הויערן די פיר שורות, וואָס וואַרצלען משמעות טיף אינעם דיכטער:

קוק איך צום ירדנס זילבערנעם ראַנד,
זוך יעקב אָבינו מיטן שטעקן אין האַנט,
מײַן מאַמען אין שבת און וואָכנס פאַרטאָן
און בענק נאָכן ליד פון גאָט פון אַברהם.

אָט די פיר שורות פונעם ליד „אויף מײַן וויג איז געפאַלן אַ שניי״ איז דער קווינטעסענץ, דער תּמצית פון ראַפּפּס דיכטערישן טראַכטן און איז די פּאָעטישע אַקס פאַר אַ סך פון זײַנע לידער.

אַז מען וויל איז עס ווידער אַ מאָל דער אויסדרוק פונעם ייִדישן מענטש אין אונדזער שווער געפּרוּווטער צײַט און די בענקשאַפט צום שורשדיקן פאָלקישן נעכטן. ס׳איז נאָך אַ שפּליטער אין דער אַפּאָקאַליפּטישער טעמאַטיק

פון אונדזער איצטיקער וואָרטשאַפונג. ס׳איז וואָר. נחמן ראַפּפּ ברענגט עס ניט נאָר מיט זײַן אייגן וואָרט און אייגן קול, — מען פילט אַרויס דעם פלאַטער פון די נעכטיקע איבערלעבונגען, מען פילט עכטקייט און אוממיטל־באַרקייט. און כאָטש דאָס וואָרט איז געשליפן און רײַסט זיך לכאורה צו דיכטערישע הויכקייטן, אָטעמט זײַן וואָרט און ליד מיט וואָר, מיט גוטער דיכטערישער פשטות, אַ שטייגער:

קיינער איז נאָך קיין ירושלים נישט געפאָרן;
זײַדענע פליגל געוועבט פון לויטערע קאַיאָרן
פלאַטערן פון בערג אַראָפּ אין בלויען פלאַטער,
דערהויבן דעם עולה־רגל פון בענקשאַפטן פאַרמאַטערט
און ברענגען אים דורך שײַן און זמר
צום קוואַל פון מים־חיים־ירושלים.

דער לידער־ציקל וועגן און פון ירושלים איז ניט נאָר, דאַכט זיך, דער וויכטיקסטער אין דער זאַמלונג, נאָר ס׳איז דאָרט בנימצא בפירוש פון די גרעאָטנסטע לידער, וואָס איז געשריבן אויף דעם מאָטיוו פון אַלטפאַלקישער בענקשאַפט צו דער דורותדיקער און אייביק לאָקנדיקער ירושלים של־מטה.

ס׳איז אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל, ווי אַזוי יידישע דיכטערס האָבן באַנומען און אַרויסגעפילט ירושלים. און וואָס זיי האָבן אויפגעשאַפן און באַנײַט אין יידישן ליד. נחמן ראַפּפּ האָט מיט זײַנע לידער „בײַ דײַן טויער" בײַגעטראָגן אַ שטייגערישן און פאַרטיפטן געזאַנג פון דער פאַר דורות לויכטנדיקער און קוועליקער ירושלים.

אַוודאי פילט מען דאָ אָפּ זײַן קענטשאַפט. ער איז אַן אייגענער אין די די מקורות, און זײַן לעבעדיקער שורשדיקער לשון איז דאָ ווי אָנגעמאָסטן, דינט אים גוט סײַ צו אַנטפּלעקן דעם חלום, סײַ צו שילדערן און אויסדריקן דעם איצט און צו באַגרײַפן די נצחיות, דעם דויער און די אייביקייט — — ווײַל „דער ווינט טוט אַן עפן דעם זילבערנעם קוואַל פון יידן אויף הייליקע וועגן..."

דיכטערישע בריהשקייטן האָט נחמן ראַפּפּ גרײַלעך באַוויזן אינעם

לידער־ציקל „וואָס אין פסוק שטייט". ער איז אַ ידען אין דעם וואָס עס שטייט אין פסוק און ער איז בקי אין דעם וואָס אַרום דעם פסוק. קיין צווייפל ניט, אַז עס איז אַ מעלה. אָבער עס טרעפט אויך אַז דווקא אָט די קלאָר־ניכטערע קענטשאַפט צוימט אים, ווי זי וואָלט אים געהאַלטן אין אַ ראַם, וואָס שטערט אין דער אַנטוויקלונג און שווונג פונעם ליד. כאָטש קיין ספק ניט, די לידער פאַרמאָגן בילדערישקייט און געראָטענע שטימונג און אַ פּיקחותדיקע זאָגערישקייט. ער ברענגט אויף גוט פאָרמירטע געשטאַלטן און טובלט זיי אָפּט אינעם זאַלץ און פעפער פון סאַטירע, וואָס עס פּאַסט זיך אַריַין אינעם טאָן און קלימאַט פונעם ליד.

ס'איז אַ דבר ידוע, אַז איַינפלוסן זענען אייגנטימלעך — און ווי זאָגט מען עס — לעגיטים — פאַר קינסטלערס און דיכטערס. קענסטו זיך עפּעס ניט באַפריַיען פונעם געפיל אַז אָט דער ציקל „וואָס אין פסוק שטייט" איז ווי אַ דירעקטע השפעה פון איציק מאַנגערס מיַיסטערישע, שפּילעוודיקע חומש־לידער, נאָר אָן דעם פאַלקישן טאָן און אָן דער אוממיטלבאַרקייט און נאָענט־קייט צו די חומש־געשטאַלטן.

דערפאַר אָבער איז ער דיכטעריש עכטער און אוממיטלבאַרער אין די לידער פון געדענקשאַפט, ווו עס גייט אים נאָך דער צער פון דאָרט, דער אומעט פון אַ יידיש־שאַפערישן מענטש, דער טרויער וואָס לאָזט ניט אָפּ, און ווי אַ מאָנונג צו זיך און צו דעם אַרום זאָגט ער אַזוי מיט פּשוטן וואָרט:

און אַלץ איז נאָך, מאַמע, ווי פריִער געבליבן,
שטערנשיַין לויכט אויף און זונען פאַרגייען,
כאָטש ס'האָבן אָפּגעברויזט ים־שטורעמס זיבן,
פאַרלאָשן געוואָרן דער זילבער פון שנייען.

די העלקייט פון דער ישראל־זון איז דאָ ביַינאַנד, און זי מישט זיך דאָ דורך מיט דעם פאַרגאַנגענעם, פאַרלוירענעם „זילבער פון שנייען". אָט די שפּירונג איז דאָך בעצם די שטיל פאַרבאָרגענע, אָבער שאַרף קענטיקע אַקס פונעם דיכטער אין אונדזער ציַיט. עס ווילט זיך מיר אָנמערקן און באַטאָנען אַ טשיקאַוון שטריך אין ראַפּפּס שאַפן (איך בין בטוח אַז איך גריַיז

ניט), דהײַנו, אַז וואָס דאָס ליד זײַנס איז קאָמפּליצירטער אין דער טעמע און מאָטיוו, אַלץ בעסער גיט ער זיך אַן עצה. דאָ באַקומט ער מער דיכטערישן פלי, זײַן שפּראַך ווערט פרײַער און פּאָעטישער, דער טאָן פונעם ליד איז פאַרביקער און אָריגינעלער, דער ריטעם אין אַ מער געמאָסטענער און איז אַן אַן ערך ניגונדיקער, בעת אין טייל אַקטועלע לידער ציִען זיך די שורות אײַנגעשרומפּענע, עפּעס ווי באַלאַסטעטע פון אַן אויסגעדאַכטער משא, און די ווערטער — ווי מען וואָלט זיי מיט כּוח באַצוווּנגען אַרויסצושלעפּן אַ געדאַנק.

אָבער אין סך־הכּל — ווייעט אַן דאָס בוך „וואַנדערשטאָק אין בלי״ מיט דער פרישקייט פון גוטער דיכטונג, מיט די איבערלעבונגען און שטי־מונגען פון אַ שאַפערישן מענטש...

אַברהם קאַרפּינאָוויטש — „אַ טאָג פון מלחמה"

אין דער דערציילונג וואָס הייסט „בײַם כותל" שרײַבט קאַרפּינאָוויטש: „ניט אַלע זענען דערלאָפן. אויפן וועג צום כותל־מערבי זענען געבליבן צענדליקער, אורי, מרדכי, איתן דער קיבוצניק, וואָלעק דער סאַניטאַר, דאָס יינגל פון פוילן. אויך דער טאַטע איז ניט דערלאָפן. געבליבן מיט אַלע נאָענטע אויף פּאַנאַר".

כאָטש אַלע דערציילונגען זענען אַזוי טיפּיש, אַזוי כאַראַקטעריסטיש ישׂראלדיק, באַגלייט דאָ דעם יידישן שרײַבער דאָס באַוווסטזײַן, די טרויעריקע דערמאָנונג, אַז אויך די אַלע נאָענטע, וואָס האָבן געחלומט און געהאָפט... אויך זיי זענען ניט דערלאָפן, „געבליבן אויף פּאַנאַר".

אַברהם קאַרפּינאָוויטש איז אַ קערנדיקער דערציילער, אַ גוטער שילדערער פון מענטש און סביבה, ער האָט זיך באַזונדערס קונה־שם געווען מיט זײַן בוך „בײַם ווילנער דורכהויף", ווו זײַן ווילנע איז ניט פון די מכובדים און למדנים, נאָר גרײַלעך פון די הינטערגאַסן און זאַווולקעס, ווו עס האָבן געוועלטיקט די מענטשן מיט זייערע ניט־כּשרע פּרנסות, מיט זייערע ניט־כּשרע השׂגות, אָבער אויך זיי קרעכצן און האָפן אַזוי יידישלעך היימיש — — און ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אויך זייערע זין און אייניקלעך האָבן געבאַנט דעם וועג און אומוועג צו ארץ־ישׂראל און געפונען זיך צווישן די קעמפערס אין דעם „אַ טאָג פון מלחמה".

אַוודאי האָט מען ניט ווייניק געשריבן וועגן אונדזער זעקס־טאָגיקן קריג, באַזונדערס איז אָט די טעמע ביז הײַנט אַ צענטראַלער מאָטיוו אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, אָבער אויך אין יידיש האָבן אונדזערע פּראָזאַיִקערס — בפרט פון יינגערן דור — אַרויסגעבראַכט אָט דעם אייניציקאַרטיקן קאַפּיטל פון יידישער העראָיִק און גבורה, ווי דורות וואָלטן אַרויסגערעדט דורך דעם געראַנגל פאַר יידישער דערהאַלטונג און געראַנגל פאַר נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט. אָבער דאַכט זיך, אַז דאָס איז ביז הײַנט דאָס ערשטע און איינציקע בוך, וואָס איז אין גאַנצן געווידמעט אָט דער טעמע.

די אַכט דערציילונגען שילדערן פאַר אונדז פאַרשידענע אָפּשניטן פון די

„זעקס טעג" און בעיקר דעם קלימאַט פון יעמאָלטיקן הינטערלאַנד אין די שטעט פון ישׂראל.

אַברהם קאַרפּינאָוויטשעס דערציילערישער כּוח ליגט בעיקר אין אַרויס־ברענגען געשטאַלטן — אַוודאי, אויפן פאָן פון פאַרשידנאַרטיקע סיטואַציעס און קאָנפליקטן קומען זיי אויף, די בחורים, אָפּשטאַמיקע פון קאַזאַבלאַנקאַ און פון וואַרשע, געבוירענע אין קיבוצים און קאָלאָניעס, צי גאָר פון צפת, צי פון ירושלימער אַלטשטאָט. און ער קען זיי, קאַרפּינאָוויטש, מיט אַלע זייערע גבורה־באַגערן און מיט זייערע מענטשלעכע שוואַכקייטן. אַזאַ איז אַלבערט, וואָס קומט אָפּ אַ שטראָף אין תּפיסה און בעט זיך מען זאָל אים באַפרײַען פריִער, מהמת ער וויל זיך מאָביליזירן און זיך אָנשליסן אין זײַן רעזערוו־איינהייט, און אַנטקעגן אים איז זײַן חבר פון דער רעזערוויסטן־גרופּע, דער פרומער און מיושבדיקער יהזקאל, וואָס איז אַזוי אַנדערשדיק אין זײַן אויפפיר און באַנעם, וואָס קאָן אַלץ אַזוי קלאָר מאַכן — — אפילו דאָס, פאַר וואָס מיר מוזן קעמפן. וואָרעם ספקות און טראַכטענישן האָבן אויך אַ שליטה און טאַטשען און נאָגן דאָס געמיט, בפרט ווען עס איז נאָך דערוויַיל טעג פון ערב קריג און זײַ זענען אַזוי אומקלאָר און מטושטש. — — און עס ווירבלט און ווירבלט, ווי דער דינער, געדיכטער שטויב איבערן זאַמדיקן מידבר.

קאַרפּינאָוויטש שילדערט פאַר אונדז די קעמפערס אויפן שלאַכטפעלד, קינדער פונעם פאָלק, געקומענע פון אַלע עדות און שבטים. און געטרײַ אָט דער שטאַמיקייט, קומען זיי ניט אויף ווי העלדן־גיבורים, נאָר די צײַט און די באַדינגונגען האָט זיי אויפגעשאַפן פאַר אַזעלכע, — געטרײַע קעמפערס, וואָס רינגלען אויס אונדזער לעבן און זײַן. — — ער פילט אויך די צע־קרימענישן: יחידים, וואָס בלײַבן אויף די ראַנדן, מחמת אַזאַ איז זייער באַשטענדיקער געמיט. אין אַ פּאָר שורות שאַפט ער אויף אַ בילד, וואָס קריצט זיך אײַן אין זכּרון. אַ שטייגער, ווי דער אונטערוועלטניק דזשאַרדזשי, וואָס באַהאַלט זיך אויפן בית־עולם, קאַלופּעט דאָרט מיט זײַן שאַרף מעסערל דאָס פאַרב פון די געקאַרבטע אותיות אויף אַ מצבה־אויפשריפט. גראָד טאַקע מיט אַזעלכע, אין פלוג דינע שילדערונגען, ווערט די וואָר אמתדיקער, און די דערציילונגען ווערן אַזוי וואָרהאַפטיק, ווײַל בײַ דער זײַט פון העלדנמוט

און גבורה פויזען אויף — אמת, יחידים, ווייניקע אין צאָל — אָט די אָפּגעפּאַלענע, פאַרפאַלענע.

אַברהם קאַרפּינאָוויטש האָט זיך צוגעאייגנט אַ גוטע, קרעפטיקע ביל־דערישע שפּראַך, ס׳איז די שפּראַך פון ווילנע און ארץ־ישראל, און אָט דער חיותדיקער אָטעם פון פאַרשווונדענעם נעכטן און אונדזער תקומהדיקן הייַנט הויכט איבער די דערציילונגען אין „אַ טאָג פון מלחמה״.

איך קאָן מיך אָבער ניט אָפּהאַלטן פון באַמערקן, אַז עפּעס אַ תהום ליגט צווישן זייַנע דערציילונגען פון ישראל און זייַנע אייגנאַרטיקע, מקורות־דיקע דערציילונגען פון ווילנע. ווילנע איז אין זייַן בלוט און געביין. ווילנע לעבט בייַ אים בלבבו ובנפשו. זענען זייַנע שילדערונגען, די געשטאַלטן, די מעשׂיות פון און אַרום „ווילנער דורכהויף״ — אָן אַן ערך עכטער, נאַראַטיווער, בילדערישער. משמעות אַז אָט די אָפּגעמעקטע וועלט איז פאַרקאַרבט אין אים שטאַרקער, און ער באַנעמט זי טיפער.

„לאָדזש של מעלה"

ס'איז אַן אייגנאַרטיקער און טשיקאַווער בוך, „לאָדזש של מעלה". חיים לייב פוקס פּרווט דאָ אַרויסברענגען דאָס יידיש־גייסטיקע לאָדזש, שרייבערס, מאָלערס, מוזיקערס, שוישפּילערס, שאַפערס אין די זעקס קונסטן, ווי זיי זענען אויפגעקומען, זיך אַנטוויקלט און געשאַפן אויפן באָדן פון דער צווייט גרעסטער קהילה אין אייראָפּע. און דאָס באַזונדערע פון לאָדזשער סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן קלימאַט, וואָס האָט זיך אויסגעווירקט אויף זיי — פּיאָטר־קאָווער גאַס און באַלוט מיט די פּאַרהאָרעוועטע האַנטוועבערס, און די קינסטלערישע אַטמאָספער וואָס עס האָט באַהויכט און אויפגעשאַפן משה בראָדערזאָן, מרים אולינאָווער, הענעך קאָן, יאַנקל אַדלער און די יונגע דיכטערס, אַרום דער היים פון יצחק קאַצענעלסאָן. ס'איז געווען אַ דערהויבנ־דיקע, אַ באַזונדערע יידישע סביבה, וואָס האָט געאָטעמט מיט דער וואָריקייט פון לאָדזש און באַקומען השראה פון די לאָדזשער הימלען, פאַררויכערטע הימלען.

חיים לייב פוקס באַשרייבט יחידים און גרופּעס, לעבט אויף פאַר אונדז די יידישע לאָדזש מיט אירע קהילה־טוערס, פּאַרטיי־עסקנים, צייטונגס־מענטשן און אין דעם און איבער דעם — שרייבערס און קינסטלערס און זייערע גרופּעס, זייערע שאַפערישע אויפטוען, געראַנגלען און האָפענונגען.

אַ סך פון זיי האָבן געטיילט דעם גורל פון יידישן פאָלק אין אייראָפּע, אַ טייל האָט זיך אָפּגעראַטעוועט און טראָגט אין זיך דאָס געדעכעניש און דעם געשמאַק פון יענע וווּנדערלעכע יאָרן אין לאָדזש, יאָרן פון פאַרמעסט און גלויבן און קאַמף, ס'איז לאָדזשער נוסח.

חיים לייב פוקס איז אַ באַקאַנטער דיכטער. ניט לאַנג צוריק, שוין נאָכן עולה זיין אין לאַנד צום צווייטן מאָל — דאָס ערשטע מאָל איז ער געווען אַ תושב מיט איבער פערציק יאָר צוריק אין ירושלים — איז דערשינען זיינס אַ נייע און גרעסטע לידער־זאַמלונג „זונפאַרגאַנג".

אָבער זעט אויס אַז זיין יאָרן־לאַנגע מיטאַרבעט אין דעם „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור" האָט אַנטוויקלט ביי אים אַ געפיל

פאַר דאָקומענטאַציע, פאַר ביבליאָגראַפיע און לעקסיקאָגראַפיע, פאַר גע־טרײַער און פּינקטלעכער פאַרצייכענונג.

איז טאַקע רײַך און בפירוש אויך ראַיעל די ביבליאָגראַפיע, די אָנגעגע־בענע דאַטעס, וואָס צייכענען אָפּ יעדער געשעעניש און יעדן דערמאָנטן מענטש אינעם בוך. און אַזעלכע זענען לויטן אינדעקס, וואָס קומט צום סוף פונעם ספר, פאַראַן איבער טויזנט.

אָבער קלאָר, אַז ניט די אינפאָרמאַציע (וואָס אויך זי איז וויכטיק) איז דאָס דאָמינירנדיקע אין דעם בוך. נאָר די באַשרײַבונגען און שילדערונגען פון די געשטאַלטן, דאָס אַרויסברענגען די פאַרלויפעניש, וואָס וואַקסן אָר־גאַניש אַרויס פון דעם שטח, שאַפן אויף און אַנטפּלעקן פאַר אונדז די קאַפּיטלעך פון „לאָדזש של מעלה״.

דאָס זענען פּרקים געשיכטע, פּאַזעס פון יידישן גאַנג, פון יידישער שאַפערישקייט. חיים לייב פוקס האָט עס אויפגעשריבן אין אַ צוגענגלעכער פאָרעם, אָפט מאָל אויף אַ פּאָפּולערן אופן. און דאָס איז גראָד אַ מעלה. און אַפילו זײַנע אויסטײַטשן און אָפּשאַצונגען איבער ווערק און שאַפערס זענען געשריבן לײַכט און טרעפלעך, דערפאַר אָטעמען די קאַפּיטלעך מיט אַ נאָגנדיקן געפיל פון פאַרבענקשאַפט און מיט דער וואָר, וואָס עס איז געווען אַ מאָל „לאָדזש של מעלה״.

מען האָט לעצטנס אַרויסגעבראַכט אַ ריי טענות (ד״ר נ. עק, יוסף אָקרוטני) און אָנגעוויזן אויף אומפּינקטלעכקייטן אינעם בוך, זעט אויס אַז די בעלי־טענות זענען גערעכט, דאָך בלײַבט עס אַ ספר פון באַטײַט.

צבי צעפּליאָוויטשעס „אויסגעטראַכטער אמת״

„אויסגעטראַכטער אמת״ איז טאַקע אין פלוג אַ ביסל אַ מאַנירירטער נאָמען פאַר אַ בוך, און דאָך איז עס גוט און אמתדיק. ווײַל עס טראָגט אין זיך די כאַראַקטעריסטיק פון כמעט אַלע דערציילונגען, וואָס קומען אַרײַן אין דער באַשיידענער אָבער אימפּאָנירנדיקער זאַמלונג פון סקיצן, דערציי־לונגען און קורצע נאָוועלן, וואָס צבי צעפּליאָוויטש האָט אָנגעשריבן במשך עטלעכע יאָר.

איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט די דערציילונגען צו לייענען אין מאַנו־סקריפּט, און איך האָב אָפּגעפּילט אין זיי עפּעס אַ פרישן אָטעם און אָפּט מאָל נײַיקייט פון בעלעטריסטישן אויסדרוק. כאָטש גאָר אָפט איז די שפּראַך אַ ביסל צו בלאַס, אַנעמיש, הן פאַר דער בילדערישקייט אויף וועלכער צעפּליאָוויטש האָט זיך פאַרמאָסטן, הן פאַר דער גוטער און טשיקאַווער טעמאַטישער אַנטוויקלונג, מיט וועלכע זײַנע קורצע דערציילונגען צייכענען זיך אויס און זענען בפירוש אייגנאַרטיק און אָריגינעל.

און אפשר איז עס גאָר אַ מעלה, אפשר גרײַלעך אַזוי געפינט ער דעם נאַראַטיוון באַלאַנס צווישן דעם אָנציִעוודיקן תּוכן און דער איינפאַכער שפּראַך, קומט אויף איבערצייגנדיקער און נאַטירלעכער זײַן „אויסגעטראַכ־טער אמת״.

וואָס ברענגען אַרויס און וואָס זענען מחדש די דערציילונגען? זיי ברענגען פאַר אונדז די געדאַנקען, די געפילן און שטימונגען פון אַ מענטש וואָס איז מהותדיק פילבאַר און ווערט אָנגערעגט ניט נאָר פון די פאַרלויפע־נישן פון אונדזער צײַט, נאָר פון זיי — און דאַכט זיך נאָך מער — פון די איבערלעבענישן פון זײַן יוגנט וואָס האָבן זיך אָנגעקאַרבט אין אים און זיי רופן זיך אָפּ אין זײַן געמיט און ער קאָנפראָנטירט זיי געראָטן און פאַרבינדט זיי אין דער רעאַגירונג און שפּירונג פון הײַנט.

און דער הײַנט איז, פאַרשטייט זיך, געדאַנקלעכע רײַפקייט, לײַכט־פילאָסאָפישער שמייכל און די איראָניע, מחמת אַ צעבויטעטער וועלט. און

הגם אַט די עלעמענטן פילן מיר אַזוי אויסדריקלעך אָפּ אין די דערציילונגען, איז ווי סתירהדיק דאָס זאָל זײַן, פֿאַרמאָגן די דערציילונגען אַ גאָר היפּשע דאָזע פֿון נאַיִוויטעט, עפּעס אַ תּמימות, וואָס באַגלייט דעם „אויסגעטראַכטן אמת". משמעות, ס׳איז אַ מין דעוויז בײַ צעפּליאַוויטשן, ווען ער הייבט אָן זײַנס אַ דערציילונג אַזוי: „ס׳איז ניט ריכטיק, אַז שפּילן זיך און שטיפֿן האָבן די טבע נאָר קינדער. דערוואַקסענע מענטשן, עלטערע, אַפֿילו אַלטע האָבן ליב צו שטיפֿן און צו שפּילן זיך. זיי שעמען זיך נאָר דאָס אויסצוזאָגן. קינדער זענען ערלעכער, זיי זאָגן דעם אמת"...

מחמת אַזוי, זענען זײַנע קינדערהעלדן כּמעט אַלע פֿאַרערלעכטע און אַלע טווגנען זייערע זענען אויסדרוקן פֿון דער נאַטירלעכער און וואָריקער מענטשלעכער טבע. — — אַזוי דערמאָנט ער זיך און פֿורעמט דאָ און דאָרט זײַנע אייגענע קינדער־יאָרן:

„ווען איך הייב אָן צו דערמאָנען מײַנע קינדער־יאָרן און דאָס שטעטל, אין וועלכן איך בין געבוירן געוואָרן, דערזע איך גלײַך פֿאַר מײַנע אויגן דעם שטאָט־משוגענעם. אַט דעם משוגענעם מיטן נאָמען מוליע האָב איך זייער ליב געהאַט. איך, אַ זיבן־יאָריק ייִנגל, האָב ניט געקענט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס מען האַלט אים פֿאַר אַ משוגענעם. אויך מוליע האָט אַרויסגעוויזן צו מיר סימפּאַטיע און פֿלעגט מיר פֿאַרטרויען זײַנע סודות".

דער עיקר־סוד וואָס ער האָט אים אָנפֿאַרטרויט און האָט באַווירקט דעם דעמאָלטיקן ייִנגל און איצטיקן מחבר איז, אַז ער, דער שטאָט־משוגענער, וועט לעבן אייביק — ער וועט זיך אַרויסדרייען, ער איינער וועט זיך דורכ־רײַסן. — —

און צעפּליאַוויטש קומט צו אַזאַ אויספֿיר — און ער פֿלעגט אַגב זײַנע אויספֿירן און געדאַנקען טרעפֿלעך אַרײַן אין דעם נאַראַטיוון קלימאַט — „איך האָב שוין פֿון לאַנג פֿאַרשטאַנען, אַז שטערבלעך איז ניט דער וואָס שטאַרבט, נאָר דער וואָס ווייסט, אַז ער וועט שטאַרבן. „אַ חיה איז אומ־שטערבלעך, ווײַל זי ווייסט ניט פֿון איר שטאַרבן".

פֿאַרנעמען טאָקע שטוב־חיות אַן אָנזעעוודיק אָרט אין זײַנע דערציילונ־גען, און די פּיקחות און איבערגעגעבנקייט פֿון זײַן געשילדערטן הונט איז גאָר אין לשער. אַזוי ווײַט אַז ער, נאָר ער פֿאַרשטייט ווי אָפּצוגעפֿינען דעם

מערדער פון זײַן באַלעבאָס, וואָס איז געווען ניט עמעצער אַנדערש ווי איר אייגענער געליבטער... קאָן זיך דאָך דאַכטן, אַז אין די דערציילונגען גראַסירן אויך פאַרברעכערישע פאַרשווינען און עס הויערט אין זיי מיט פאַרדרעגנגטע קרימינעלע פאַרלויפעניש̈ן. איז אויך דאָס צו מאָל דאָ.

נאָר וואָס דען? זיי מערקן זיך עפּעס קוים. זיי דינען, דאַכט זיך, בלויז ווי אַן אָנדײַט איבערצוועגן, שטאַרקער צו מאַכן די צווייטע זײַט פון דער מטבע, בכדי ווירקזאַמער און אייגנטימלעכער אַרויסצוברענגען דאָס שטילע און דאָס לירישע פון אונדזער לעבן. שוואַרץ און ווײַס. אָבער דאָס טויזיק־ווײַסע און לויטערע באַזינט און באַזיגט. דאָס איז דאָס נײַע און דער חידוש אין די דערציילונגען, כאָטש טעמאַטיש זענען זיי אפשר ניט נײַ. מיר געפינען זיי אין די ליטעראַטורן פון אַנדערע, אין דער אַמאָליקער רוסישער בעלע־טריסטיק, אין דער אַמאָליקער פראַנצייזישער נאָוועליסטיק, עפּעס פאַרמאָגן זיי אַ ווײַטן אָפּקלאַנג פון מאָפּאַסאַנס קורצע, דראַסטישע דערציילונגען.

אָבער אין אונדזער דראַמאַטישן הײַנטיקן לעבן, אין דער ייִדיש־שאַפונג פון הײַנט איז דאָס בוך דערציילונגען פון צבי צעפּליאַוויטש אַ יוצא־דופן, סײַ מיט דער אייגנדיקער טעמאַטיק, סײַ מיט דער פאָרעם. די דערציילונגען באַווירקן מיט זייער אַנלאָקנדיקייט און מיט זייער שטילן זינפולן טאָן, און עס איבערצײַגט דער „אויסגעטראַכטער אמת״. ווער ווייס? אפשר איז דער טרוים — די אמתע ווירקלעכקייט, טאַקע דער אייביקער סם־החיים.

י. פינערס ראָמאַן „צוויי משפחות"

ער איז אַ רעאַליסטישער דערציילער י. פינער, און ער שרײַבט זייער פּרטימדיק. איז עס אי אַ מעלה, אי צו מאָל אַ חסרון. די מעלה דערפֿון איז, וואָס עס באַקומט זיך אַ פֿול בילד, אַ ברייטע שילדערונג פֿון סביבה און געשעענישן. און דער חסרון איז, וואָס ער איז דאַדורך אפשר ניט ביכולת אויפֿצוהאַלטן דעם דערציילערישן עלעמענט און נאַראַטיוון סטיל. באַזונדערס קענטיקט זיך עס אויס אין זײַן לעצטן בוך, אין זײַן ראָמאַן „צוויי משפּחות".

דער סיפּור־המעשׂה פֿונעם ראָמאַן הייבט זיך אָן אין די צוואַנציקער יאָרן אין אַ פּויליש שטעטל, באַגלייט מיט אַלע וואַליאָרן פֿון דער יידיש־פּויליש־שטעטלשער מיליע און סביבה, און דאָס בוך שליסט זיך אין דעם קלימאַט פֿון פּאַריזער מאַנפּאַרנאַס און בעלוויל ערב 1939. דאָס יאָר וואָס האָט אַזוי טראַגיש געענדערט אייראָפּע און אַזוי גרויליק געענדערט די יידישע אייראָפּעישע יישובים.

גראָד פֿון אָט דער צײַט, פֿון די יאָרן פֿון נאַצישער אָקופּאַציע אין פֿראַנקרײַך און די יאָרן פֿון מלחמה, האָט פינער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי אייגנאַרטיקע דערציילונגען, אייגנאַרטיק אין דער דראַמאַטישקייט און אין דער געוואַגטקייט מיט וועלכע זײַנע העלדן זענען געפּרווט געוואָרן. פינער איז דאָ זיכער איינער פֿון די אַרויסגעבראַכטע געשטאַלטן. איז ער דאָך געווען אַ קעמפֿער־פּאַרטיזאַן אויף די פֿאַרנומענע שטחים פֿון פֿראַנקרײַך, אין די דאָרטיקע וועלדער און באַהעלטענישן און אײַנגעאָטעמט אין זיך אַל דאָס בייזע, די אימה און די נאַצי־יסורים, דעם גרויל פֿון יענער צײַט. טאַקע אין די דערציילונגען פֿון די מלחמה־יאָרן און זייער שפּעטערדיקער טרויעריקער המשך — ווען איינער, ווען צוויי פֿון אַ משפחה האָבן זיך אָפּגעפֿונען, אָפּגעראַטעוועט זיך פֿון צעצווײַגטע דורותדיקע היימען — גערײַכט פינערן אין די דערציילונגען ניט נאָר צו שילדערן פּאַסירונג און פּייזאַזש, אויסצושיילן אַזוי נאַטירלעך גאַנץ טיפֿן, אויך ניט־יידישע, נאָר עס געראָט אים אויך אויפֿצושאַפֿן אַזאַ נאַראַטיוו־בילדערישע אַטמאָספֿער. אויפֿצושאַפֿן דעם קלי־מאַט פֿון יענער צײַט, וואָס ווערט אָפֿט באַגלייט מיט אַן עכטער עפּישער טאַניקייט.

אַזוי זענען זײַנע דערציילונגען־נאָוועלן אין זײַנע פריִערדיקע צוויי ביכער „נאָוועלן" און די „פיר צײַטן", וואָס זענען בפירוש מקורותדיק סײַ מיט זייער אייגנדיקער טעמע, בעיקר דער גערוך פון ייִד אויף דעם פראַנ־צייזישן באָדן, סײַ מיט זייער שטימונג, וואָס איז אַזוי אויסדרוקפול רעאַל און דאָך אַזוי טויִק און מעלאַדיש, ווי די פעלדער אין דרום־פראַנקרײַך.

דאָס איצטיקע בוך, דער ראָמאַן „צוויי משפחות" (וואָס האַלט 450 זײַטן) איז אַ גרויס־פאַרמאָסטענע בעלעטריסטישע אַרבעט ווו דער מחבר פרוווט אַרויסברענגען און שילדערן די דרײַסיקער יאָרן אין פראַנקרײַך, הויפּטזאַכ־לעך אין פאַריז, ווען עס האָבן געשטראָמט אַהין יונגע ייִדישע מענטשן, צו מאָל פאַרפאָלגטע פון די פאָליציימאַכטן אין פוילן, אין ליטע, אין רומעניע, און געקומען זענען זיי אַהין מיט אידעאַלן, פאַרשטייט זיך, אידעאַלן פון סאָציאַלן יושר און אידעיִשן קאַמף — און איינער אַזאַ איז אייגנטלעך אויך געווען דער מחבר.

און דאָ, אין דער עמיגראַנטישער וואָר, פרוווט מען אויפבויען און אויפ־שאַפן אין דער צוזאָגנדיקער פרײַער פאַריז — וואָס האָט פון דאָס נײַ פאַר־פאָלגט די שטאָטלאָזע, — פרוווט מען זיך איַנבירגערן מיט היים, מיט פרנסה מיט קולטור־הצטרכותן.

דער הויפּטאַקס פון דעם ראָמאַן זענען צוויי משפחות, די משפחה גראָס־מאַן און די משפחה שטיין.ביידע קומען פון פוילן, און אין זייער פאַרשיידנ־אַרטיקייט און קעגנגעזעצלעכקייט דעקן זיי אָבער סײַ די צײַט מיט איַרע טיפע קאָנפליקטן און איבערוואַנדלונגען, סײַ דעם אינערלעכן געמיט. אַ שאָד נאָר וואָס, ווי שוין געזאָגט, פינער האַלט דאָ ניט אויף קיין שלימותדיקע בעלעטריסטישע פאָרעם. אָט איז ער דערציילעריש, פאַרביק, אינהאַלטפול און טעמיק, און אָט איז עס ווי געשריבענע כראָניק, פראַגמענטאַריש און אַפילו שרײַבעריש־אומבאַהאָלפן, כאָטש זאָגן מוז מען: אויך דאָס האָט אַ חן. ס׳איז דער חן פון ערשטקייט. אָבער פינער איז דאָך שוין ניט קיין שרײַבער־אָנפאַנגער...

דער דערציילער און ראָמאַניסט בנימין שלעווין האָט ניט וויניק בײַגע־טראָגן צו דער דערקענטעניש פון ייִדישן לעבן אין פראַנקרײַך. פינערס „צוויי משפחות" איז נאָך אַ צושטייער צו אָט דער טעמע.

„דער גאַנצער קלימאַט פון בוך, זײַן דיסקרעטע אינערלעכע טענדענץ, ווי אויך די שילדערונג פון באַזונדערע געשטאַלטן, סצענעס און סיטואַציעס זענען דורכגענומען מיט אַ טיף הומאַניטאַרן און נאַציאָנאַלן געפיל — באַטאָנט ריכטיק דער דיכטער דוד ספאַרד אין דעם אַרײַנפיר צום בוך — אין אונטערגרונט פון אַלע באַשריבענע פערזאָנען און געשעענישן פילט זיך אַרויס די גרויסע זאָרג פאַר דעם גורל פון מענטש און פאַר דעם גורל פון ייִד, ווי אויך די טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דער אינטימער שײַכות צווישן זיי ביידן”.

שוין דאָס אַליין מאַכט דעם ראָמאַן נעענטער און ווערטיקער.

הערש מענדל

(צו דער פינפטער יאָרצײַט)

צו דער יאָרצײַט פון הערש מענדלען האָב איך ווידער איבערגעלייענט זײַן בוך „זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער”, וואָס איז דערשינען מיט צען יאָר צוריק. ס'איז אַ גאָר געראָטן בוך, מחמת דאָס זענען ניט בלויז זײַנע זכרונות, נאָר דאָ קומען אויף די שילדערונגען פון אַ העראָישער און דראַמאַטישער תקופה, פון אַ שטורמישן צײַטאָפשניט אין וועלכן הערש מענדל שטאָקפיש איז געווען אַרײַנגעוועבט מיט זײַן גאַנץ וועזן און לעבן. עפּעס אַנדערש האָט דאָך ניט עקסיסטירט פאַר אים. דער קאַמף פאַר פרײַהייט, פאַר מענטשלעכער דערהויבנקייט איז אייגנטלעך געווען דער מהות און די אַקס אין די אַלע קאַמפן און געראַנגלען, וועלכע ער האָט געפירט, זײַענדיק אין די ערשטע פּאָזיציעס פון די פּאָליטישע באַוועגונגען צו וועלכע ער האָט געהערט.

ווייניק ווער האָט, דאַכט זיך, אַזוי טיף און ווייטיקדיק אָפּגעפילט די עוולות און אַנטוישונגען ווי הערש מענדל, און ער האָט געמאַכט פון זיי די אויספירן און דערגאַנגען צו די מסקנות, וואָס נאָר אַזאַ ווי ער — אַזאַ לויטערע, נשמהדיקע, איינציקאַרטיקע געשטאַלט — האָט עס געקאָנט.

דאָס בוך „זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער” איז אַ ריירנדיק־מענטשלעכער, היסטאָרישער דאָקומענט, ווו די אַנטפּלעקונגען־באַשרײַבונגען פון רעוואָלוציאָנערע געוואַגטע טאַטן בינדן זיך אויס מיט דער שפּירונג פון דעם איידעלן, סובטעלן מענטשן — וואָס זייענדיק פון די ראשונים צווישן די הײַנטצײַטיקע יידישע רעוואָלוציאָנערן האָט ער מיט אַזאַ אורקראַפט געפילט און געגלייבט, אַז די רעוואָלוציעס, אַז יעדע רעוואָלוציע דאַרף זײַן לטובת דעם מענטשן, לטובת דעם יחיד און נישט דינען די גלוסטן און פּראָגראַמען פון פּאַרטייען.

הערש מענדל איז געווען אַ זעלטענע געשטאַלט אין דער פּאַנאָראַמע פון יידישע רעוואָלוציאָנערע טוערס. אַפילו אין דער מעמואַרן־ליטעראַטור פון דעם שטח הייבט ער זיך אַרויס און טיילט זיך אויס מיט זײַן איבער־

געגעבנקייט, מיט זײַן באַציִונג, מיט זײַן פּילבאַרקייט צו עוולות, און מיט — איך שטעל מיך אײַן צו זאָגן אַ פֿאַרבלאַסט וואָרט — מיט זײַן רחמים־געפֿיל צו געקריוודעטע און צו געליטענע פֿון דער רעוואָלוציע.

שרײַבט אין דעם אַרײַנפֿיר צו דעם בוך זײַן חבר, דער באַקאַנטער פּאָלי־טישער טוער און היסטאָריקער יצחק דויטשער:

„די אומברחמנותדיקייט פֿונעם גורל איז אָבער ניט בכּוח אָפּצוטעמפּן זײַן אויסערגעוויינטלעכע עמפּינדלעכקייט און די איידלקייט פֿון זײַנע גע־פֿילן — פֿאַרקערט, זי שטאַרקט אין אים דאָס רחמנות, מיטגעפֿיל און סאָלי־דאַריטעט מיט די באַעוולטע און דערנידעריקטע.

וועגן דעם דאָזיקן כאַראַקטער־שטריך זײַנעם רעדט הערש מענדל אייגנט־לעך ניט דירעקט — ער כאַפּט זיך אָבער אַרויס מיט דעם דאָזיקן שטריך ווי ניט־ווילנדיק בײַם באַשרײַבן געשעענישן און סצענעס: צי דעמאָלט ווען ער קוקט מיט די אויגן פֿון אַ קליין קינד אויף זײַן אויסגעדייווערטער, קראַנקער מוטער. צי דעמאָלט ווען ער ליגט אַלס פּאָליטישער אַרעסטאַנט בעת אַ הונגערשטרײַק אַ פֿאַרקאַטעוועטער ביז באַוווסטלאָזיקייט, ניט פֿילנדיק שוין זײַן אייגענעם ווייטיק".

וויפֿל פּײַן און נויט און הונגער הערש מענדל האָט עס דורכגעמאַכט פֿון זײַן קינדהייט אָן — פֿון אַרום דער סמאַטשע און גענשע־גאַס אין וואַרשע און שפּעטער פֿאַר די אַלע רײַפֿע יאָרן פֿון קאַמף, סײַ בעת ער איז געווען אין דער רויטער אַרמיי, סײַ בעת ער איז אַ פֿירנדיקער חבר אין דער קאָמוניס־טישער באַוועגונג.

אָבער נאָך מער פֿאַרשעמונג און פּײַן האָט אים, דאַכט זיך, שפּעטער פֿאַרשאַפֿט דאָס וואָס ער האָט צוגעזען אין יענע קעמפֿערישע יאָרן: אין וואָס פֿאַר אַ ווילטאָג עס לעבן די חברים טוערס און פֿונקציאָנערן און וואָס פֿאַר אַ לוקסוס־באַנקעטן מען פּראַוועט עס.

ווי כאַראַקטעריסטיש און נאַטירלעך איז עס געווען פֿאַר הערש מענדלען, ווען ער האָט פֿאַרלאָזט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. ער איז אַוועק אַ צעווייטיק־טער, אַן אַנטוישטער אין די וועגן, אין די קאַמף־שיטות און אַן אויפֿגערודער־טער פֿון די אַכזריותן; ער דערנעענטערט זיך דאָן צו דעם לינקן פֿליגל פֿון „בונד". די טוערס פֿון „בונד" ווילן אים באַשטימען פֿאַר אַ געצאָלטן פֿונקציאָ־

נאַר. הערש מענדל זאָגט זיך אָפּ. ער וויל לעבן פון פיזישער אַרבעט, איז ער דאָך אַ מאָל געווען אַ גאַרבער, אַ לעדער־אַרבעטער. איצט איז זײַן חלום: ווערן אַ טרעגער אין וואַרשע, אַ טרעגער בײַם אײַזערנעם טויער...

און ווער עס האָט געקענט הערש מענדלען ווייס, אַז דאָס איז ניט געווען קיין אָנשטעל, קיין מאַניר, נאָר זײַן טיפֿער ווילן און גלויבן. אפשר האָט ער אַזוי זיך געוואָלט לײַטערן, לײַטערן פון דער וויסטער ברוטאַליטעט, פון וועלכער ער איז געווען אַן עדות אין קאַמף צווישן די פאַרזאָרגערס פון קאָמוניזם און סאָציאַלן יושר.

אויך זײַן קומען צום אַרבעטער־ציוניזם און זײַן עולה זײַן קיין ישׂראל איז געווען אַ נאַטירלעכער פּראָצעס — פון טיפער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער דערקענטעניש — נאָך יאָרן פון ביטערע וואַנדלונגען און העלדישע מעשׂים.

ער איז געווען פון די ערשטע, אויב ניט טאַקע דער ערשטער, וועלכער האָט — אָפן און געוואַגט — אַנטפּלעקט די ברוטאַלע מעשׂים, אָנגעוויזן די טעותים און אַזוי אַנטשיידן און קלאָר אַרויסגעהויבן דעם אמת, זײַן פילן און זײַן גלויבן.

די וואָס האָבן געקענט הערש מענדלען פון דער נאָענט, האָבן אַלע מאָל פון דאָס נײַ זיך געחידושט, ווי שיקט זיך עס אַז אָט דער שטילער, האַרציקער מענטש מיט דעם רויִקן געמיט זאָל גאָר זײַן דער געוואַגטער קעמפער און רעוואָלוציאָנער, און אַלע מאָל אין די ערשטע רייען פון קאַמף, אין די ערשטע רייען פון דער רעוואָלוציע.

נאָר גיי ווייס די וועגן פון מענטש, פון מענטשלעכן מהות!

דאָס בוך „זכרונות פון אַ ייִדישן רעוואָלוציאָנער" איז אַ ווערק, וואָס טראָגט אין זיך די וואָר, וואָס אָטעמט מיט פיבערדיקייט פון אַ גרויסער האָפענונגספולער און צו מאָל טראַגישער תקופה.

ל. קורלאַנד — „ביי די ברעגן פון כנרת"

דער ארץ־ישׂראלדיקער פּייזאַזש און טיפּאַזש פאַרנעמט שוין היינט אַ קענטיק אָרט אין דער אַלייִדישער שאַפונג, און די אָנהייבן, כּידוע, שטעקן ווייט אין עבר.

האָט דאָך שוין שמואל יעקב אימבער געשריבן מיט איבער זעכציק יאָר צוריק לידער „אין יודישען לאַנד" און שלום אַש „אַ טאַלאַנט צו ארץ־ישׂראל" און יהואש און ברכות, תּלוש און זישע ווײַנפּער און ראובני האָבן מיט זייער ליד און דערציילונג שוין מיט צוויי דורות צוריק אַרײַנגעפירט די ארץ־ישׂראל־טעמאַטיק און דעם מאָטיוו פון לאַנד אין דער גוטער יִדישער וואָרט־שאַפונג. היינט פאַרמאָגן מיר שוין אַ פאַרשיידנאַרטיקע און פילקאָליריקע פּאָעטישע און בעלעטריסטישע ליטעראַטור, וואָס ברענגט אַרויס שטחים, אָפּצווייגן, שיכטן און ספערעס פון אונדזער ישׂראל־לעבן, פון שטאָט און קיבוץ, פון פּיאָנערישן גערוּנגל און פון די מלחמה־יאָרן. ס'איז דער רעגן־בויגן פון אונדזער לאַנדשאַפט און סביבה, פון אונדזער קאַמף און פון אונדזער פאַרמירונג און געשטאַלטיקונג מיט אַלע ווידעראַנאַנדן און ווייען און אויך דערגרייכונגען, וואָס די צייט אין ישׂראל שטעלט אונדז צו אַזוי בשפע.

פון אָט דער טעמאַטיק, פון אָט דעם מאָטיוו זענען די דערציילונגען פון לייב קורלאַנד אין זיין ניט לאַנג אַרויסגעגעבענעם בוך „ביי די ברעגן פון כנרת". ס'ווילט זיך באַלד זאָגן: אַ מעלה האָט דאָס בוך, וואָס די אַלע דערציילונגען, שילדערונגען, פאַרלויפענישן קומען אויף פון איין אָפּשניט: ס'איז דער לאַנדשאַפטלעכער, קלימאַטישער און צו מאָל אויך געזעלשאַפט־לעכער אָפּשניט פון די קיבוצים און קאָלאָניעס, און טבריה, די שטאָט „ביי די ברעגן פון כנרת". עס ווייעט דאָ די לופט פון אונטערשטן גליל און עס טראָגט זיך די קילע לויטערקייט פון בלויען כנרת און דער ריח פון געפּלעגטע געוויקסן, וואָס יִדישע האָרעפּאַשנע הענט האָבן שוין געפילעוועט אין ווייטן אַמאָל.

און היימישע בעלי־חי זענען דאָ פאַראַן, און פיש און פייגל און מעווען. אָט ווי קורלאַנד דערציילט וועגן זיי: „מידע פון שפּאַלטן דעם כנרת־שפּיגל

אינעם געיעג נאָך אַ לעבעדיקן ביסן, אָדער זאַט פון גוטן פאַנג און כּדי אים בעסער צו פאַרדײַען, האָבן זיי געזוכט אַן אָנלען פאַר זייערע פיס און גוידערס אויף די פּרדס־ביימער אָדער פּאַלמעס, צעשטעלטע לענג־אויס דעם וועג, וואָס טיילט אָפּ דעם וואַסער־בלוי אונטן פונעם משופּע־גרין וואָס דראַפּעט זיך אַרויפצו. האָבן זיי זיך אָפּגעקלאַפּט מיט רעשיקע פליגל און שנאָבלען, אַ שפּיל געטאָן זיך אַ ווײַל מיט אייגענעם שאָטן איבערן וואַסער־שפּיגל און אַ פלאַטער געטאָן צום געלן וועגפּאַס. אָבער זינט עס האָבן זיך דאָ פלוצעם גענומען באַווײַזן שטיקער מויערן, דעכער, קוימענס, האָבן, זעט אויס, די מעוועס געוואָנדן זייער פלי ערגעץ אַנדערש".

עס וואָלט געווען, פאַרשטייט זיך, גאָרע נאַיוויטעט ווען קורלאַנד גייט נאָך די מעוועס. ער וועט זײַן דערציילערישע מי צו דערגרייכן צו דעם, וואָס עס געשעט צווישן די מויערן און אונטער די דעכער פון די אַלטע און נײַ־אויפגעקומענע הײַזער, בײַ זייערע אײַנוווינער: דורותדיקע טבריהר פּישעריונגען און נײַע עולים פון רוסלאַנד, פון רומעניע, יוגנטלעכע פון קיבוצים, וואָס האָבן זיך אָקערשט באַפרײַט אויף עטלעכע טעג פון מיליטער און כאַפּן אַרײַן צוצולייגן אַ האַנט צו דער פעלד־האַרעוואַניע, כאָטש עס נאָגן סײַ די מחשבות וועגן אונדזער ישׂראלדיקער מערכה, סײַ די אינטימע ליבע־פאַרפּלאָנטערנישן — — און די וותיקים, די אַלט־אײַנגעזעסענע, וואָס געדענקן אַיעדע צוגעקומענע וואַנט פון אַ מאָל און דערמאָנען זיך נאָך דעם כּנרת ווען ער איז געווען אַזוי זילבער־בלוי, אַזוי רויִק און קלאָר...

קורלאַנד שילדערט געראָטן און פאַרביק אָט די אַלע געשטאַלטן, דעם דור פון נעכטן און דעם דור פון הײַנט, זייערע נאַטירלעכע קאָנפליקטן און זייער וויטאַלע המשכדיקייט. כאָטש די צײַטן זענען אַנדערע און די שטרע־בונגען זענען אַנדערע. און די אידעען און אידעאַלן? אויך זיי זענען דאָ, אָבער אַנדערשדיק. דאָס זענען דאָך מענטשן, וואָס די ברעגעס פון כּנרת האָבן זיי צוגעצויגן און האַלטן זיי נאָענט צו זיך.

קורלאַנד קאָן אויך די טוריסטן, די באַזוכערס, די קורגעסט וואָס קומען אין די וואַרעמבעדער פון טבריה. ער איז זיך דאָך מטפּל מיט זיי ווי אַ מעדיצין־דאָקטער אין די חמי־טבריה, און אויך וועגן זיי דערציילט ער. אָבער דאָס זענען ניט בלויז קיין סתּם קורגעסט. ער שילדערט און שיילט

אויס פאַר אונדז זייער דורכגעגאַנגענעם נעכטן, דעם קאָשמאַר, וואָס אַ סך פון זיי זענען דורכגעגאַנגען אין די מלחמה־יאָרן. זיי בענקען נאָך רו, נאָך פיזישער און גײַסטיקער געזונט, וואָס אויך זיי דערוואַרטן בײַ די „ברעגן פון כנרת". אָט ניט ווײַט געפינען זיך דאָך די הייליקע קברים פון מקובלים מיטן קבר פון רמב"ם — —

קורלאַנד שרײַבט אין אַ לעבעדיקן סטיל און זײַנע טיפן באַוועגן זיך מיט דער הײַטערקייט פון ראַשיקן אויפשאַף, כאָטש אויך דער אומעט זעצט זיך אָפּ אין זיי ווי דער נאָגנדיקער פריאָוונט צווישן די בערג און טאָלן פון גליל.

די פערצן דערציילונגען אינעם בוך אַנטפּלעקן פאַר אונדז אַ פאַרביקע פּאַנאָראַמע, אַ מאָזאַיק פון אַלט־נײַעם ארץ־ישראל.

דעם מאָלער יצחק ליכטנשטיינס אילוסטראַציעס צו דעם בוך, געצייכנט מיט איידלקייט און געפיל, גיבן אַ סך צו צו דער אייגנטימלעכער שטימונג פון דעם בוך, וואָס איז אים אויך אַזוי נאָענט — „בײַ די ברעגן פון כנרת".

עמאַ שייוועך — „מיר זיינען דאָ"

זי איז געווען ביז אַנומלט אַ באַקאַנטע זינגערין אין אַמעריקע, און די קלענערע און גרעסערע יידישע קהילות פלעגן אָפט הנאה האָבן פון אירע קאָנצערטן, וואָס זענען געווען אָנגעפולט מיט גוטע יידישע פאָלקסלידער. כאָטש אויפגעטראָטן האָט זי אויך אין אָפּערעס און אַפילו אויסגענומען מיט אירע סאָלאָ־געזאַנגען.

זי זינגט נאָך ביז היינט, און זי זינגט קרעפטיק און צו מאָל מיט אַ מאָס עספּרי, נאָר פאַר יעדן אויפטריט — וואָס איצט איז עס גאָר זעלטן — פלאַטערט זי און פיבערט ווי אַ יונגע כאָריסטין, וואָס באַדאַרף צום ערשטן מאָל שטיין אַנטקעגן ראַמפּעליכט און אַנטקעגן דער אומבאַוווסטקייט. — —

אַוודאי האָט עמאַ שייוועך דערפאַרונג אויף די עסטראַדעס, און ווי זאָגט מען עס — אויף די בינע־ברעטער. ניט מער, איר טיפע אַחריות סיי פאַר דעם וואָס זי ברענגט פאַר, סיי לגבי דעם צוהערער, און בעיקר פאַר דער יידישקייט, וואָס זי טראָגט אין זיך, באַגלייט זי ביז היינט, גרייַלעך ווי אַ מאָל, אין אירע אָנהייבן. און איר אָנהייב איז געווען אַזאַ, אָט ווי עס ווערט פאַרצייכנט אויף די ראַנדן פון איר בוך „מיר זיינען דאָ": „אַ קינד פון דער אַלטער היים, איז זי געקומען מיט אירע עלטערן אין דער נייער וועלט, אין אַמעריקע, דאָ האָט זי, אין קאָנטראַסט צו אַ סך יידישע קינדער, דווקא געצויגן צו יידישקייט. און ווען זי איז שפּעטער געוואָרן אַ פּראָפעס־יאָנעלע זינגערין און געזונגען די הויפּט־ראָלעס אין די וועלטבאַרימטע אָפּערעס, האָט זי תמיד ווייטער, מיט גרויס ליבע און פאַרשטענדעניש געפלעגט דאָס יידישע און העברעישע ליד".

אַ צווייטער הויפּטאַקס אין איר לעבן איז געווען ציוניזם. זי, און איר מאַן משה, אירע ברידער, ווי די גאַנצע משפּחה לאַזאַראָוו און שייוועך פון דעטראָיט, זענען צו מאָל אונטער איר השפעה — געוואָרן איבערגע־געבענע טוערס פאַר ארץ־ישראל. ציוניסטן בלב־ונפש, שטיצערס און בויערס פון פּראָיעקטן אין ישראל, שפּענדערס פאַר קולטור־פּראָגראַמען און קולטור־

הײַזער, און חב״ד — חב״ד איז זיי אויף צום האַרצן. ס׳איז געווען — ווי פלעגט מען זאָגן אין וואַרשע, פון וואַנעט די שייוועד־ברידער שטאַמען? — ס׳איז געווען: „חסידיש, נגידיש, פּאַצעטיש״. — — ס׳איז טאַקע וואָר, ווי מען שטעלט זי פּאָר, עמאַ שייוועדן: „איר גלויבן און אינטערעס צו ארץ־ישׂראל גייט האַרמאָניש מיט איר אינטערעס פאַרן יידישן קולטורעלן לעבן, — — עס איז דעריבער געווען אַ נאַטירלעכע קאָנסעקווענץ אירע באַזוכן פריִער אין לאַגער פון אָסוויגאָ און דערנאָך בײַ דער שארית־הפליטה, אין די לאַגערן פון דײַטשלאַנד און עסטרײַך״.

גייען מיר איצט צו צום עיקר ענין, צו איר בוך „מיר זײַנען דאָ״, וואָס איז אַ פּראָדוקט, אַ רעזולטאַט פון איר באַזוך אין די שארית־הפליטה־לאַגערן אין דײַטשלאַנד.

דאָס בוך וואָס איז דערשינען אין יאָר 1948 איז, דאַכט זיך, אויב ניט דער ערשטער, זיכער פון די ערשטע ביכער, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אויף אָט דער טעמע. עמאַ שייוועד איז געווען אַ מיטגליד אין דער קולטור־דעלעגאַציע, וואָס איז געפאָרן אָנהייב אַפּריל 1946 פון אַמעריקע צו די שארית־הפליטה־יידן אין די לאַגערן פון דײַטשלאַנד. די אַנדערע צוויי מיטגלידער זענען געווען ה. לייוויק און דער העברעיִשער דיכטער ישׂראל אפרת. ס׳איז געווען אַן אויפטו פון דער אַמעריקאַנער יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט, אַן אונטערנעמונג, וואָס איז בײַ די יעמאָלטיקע באַדינגונגען געווען ניט לײַכט דורכצופירן. מען האָט געדאַרפט דורכברעכן קאָמפּליצירטע מי־ליטערישע באַגרענעצונגען. איבערקומען אַלערליי באַריערן, בכדי זיך צו דערשלאָגן צו דעם ציל — ברענגען דאָס לעבעדיקע, טרײַסטנדיקע וואָרט צו די אָפּגעראַטעוועטע פון אַל די אומקום־שליאַכן, די ניצול־געוואָרענע האַלעוועשקעס פון קאַצעט, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אַן אויסגעשטרעקטע האַנט, וואָס זאָל זיי העלפן אויסגלײַכן זייער לײַב און לעבן. — —

עמאַ שייוועד דערציילט אין איר בוך, וואָס איז בעיקר צונויפגעשטעלט פון פאַרצייכענונגען, פון אירע „בריוו־באַריכטן״, וואָס זי האָט געשריבן אַהיים, און פון אירע פּערזענלעכע דערפאַרונגען. אָט די פאַרצייכענונגען, די נאַטירטע פאַקטן און איבערלעבונגען האָבן די מעלה, וואָס זיי טראָגן אין זיך אַן אוממיטלבאַרן הויך. ס׳זענען ביז גאָר אײנפאַך די באַשרײַבונגען. דערפאַר

אָבער אָטעמען זיי מיט דער וואָרהאַפטיקייט פון יענע טעג, ווען אין די די־פּי־לאַגערן אין דײַטשלאַנד האָבן טרויעריק און פאַרלאָרענע געשלומערט באַפרײַטע יידן פון די קאַצעטן, פון וואַלד, ניצול־געוואָרענע פון געטאָס, מענטשן, וואָס די אומקום־געפאַר, דער הונגער און דערדריקטקייט, דער קאָשמאַר האָט געהויערט אין זייער מיט און געמיט. — —

זי איז געפאָרן צו זיי פון לאַגער צו לאַגער. געפרווט זיי אויפהײַטערן מיט אַ יידישן ניגון, מיט אַן אַלט יידיש פאָלקסליד. אַוודאי האָט מען געדאַרפט צו דעם ניט נאָר גײַסטיקן ווילן און נשמה־באַגער, נאָר אויך אַ סך אויסדויער און אינערלעכע קראַפט. מחמת די באַדינגונגען, די פיזישע באַדינגונגען, האָבן פון דאָס נײַ געהעמט און געשטערט: — דאָס דערגרייכן צו די לאַגער־פונקטן אָן געאָרדנטער טראַנספּאָרטאַציע, דאָס אויפטרעטן אין אָפגעלאָזענע שאָפּעס, ווו דער רעגן איז אָפט מאָל געווען דער מעלאָדישער אַקאָמפּאַנירער, און איבער אַלעם דאָס צונויפקומען זיך מיט די מענטשן, וואָס דער רוב פון זיי האָט נאָך געטראָגן אין זייער ווען שרעק, דערשלאָגנקייט, אימה. און כאָטש בײַ יעדן האָט שוין געטליעט דער פונק פון האָפענונג — אַז מען וועט וואָס גיכער אַרויס פון דער דײַטשער פאַרשאָלטענער ערד — האָט זיך דאָך דורכגעריסן די נאַטירלעכע פאַרביטערטקייט פון מענטשן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט די מדורי־גיהנום. — — עמאַ שייוועך האָט עס באַהערשט מיט אַ סך אינערלעכן טאַקט. דערציילט זי וועגן דעם ערשטן צוזאַמענטרעף:

„לייוויק האָט גערעדט דער ערשטער, זײַן שטים האָט געציטערט. מיר זענען געזעסן צוזאַמען מיט אים אויף דער אימפּראָוויזירטער בינע און זיך אָנגעשטרענגט נישט צו קוקן די יידן גלײַך אין די פּנימער אַרײַן. אויף יעדנס פּנים איז דאָך געלעגן דער חותם פון די אַלע צרות און ענויים, וואָס זיי זענען דורכגעגאַנגען, און איצט, ערשט ווען זיי האָבן ווידער געהערט אַ יידיש וואָרט, האָבן זיי נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט זייער אַמאָליק לעבן, און דאָס וואָס עס איז פון זיי געוואָרן".

נאָך טרויעריקער איז דעמאָלט געווען די לאַגע פון די קינדער. אָט פאַרצייכנט זי אינעם בוך: „אַלע קינדער זענען אויס אַ העלפט פון זייערע יאָרן. טרויעריקע אויגן, גרויסע קעפּ, שמאָלע קערפּערס. מען זעט נישט אויף זייערע פּנימער קיין פרייד. עס איז שווער צו גלייבן, אַז דאָס זענען

קינדער. נאָכן קאָנצערט האָבן זיי מיך אַוועקגענומען צו זייער פּלאַץ, האָבן זיך אויסגעשטעלט און געזונגען. זיי האָבן געזונגען בלויז מיט די ליפּן. זייערע אויגן זענען געווען אַן אויסדרוק פון פרייד״.

פרייד? ווי שייך פרייד אין אַט דעם צושטאַנד? ס׳האָט אָבער דאָך גענומען אויפטליִען אַ וואַרעמקייט, ס׳איז אויפגעגאַנגען אַ דאַנקשאַפט פון דעם עולם. אַ דאַנקשאַפט פאַר דעם, וואָס מען איז געקומען צו זיי. געקומען זענען דאָך אויך שליחים פון ארץ־ישׂראל. זיי זענען געקומען ניט נאָר כּדי צו לינדערן זייער געדריקטקייט, נאָר כּדי צו לייזן זייער מענטשלעכן און ייִדישן זײַן. שייווער דערציילט — הגם פראַגמענטאַריש — פון באַגעגענישן מיט שליחים פון ארץ־ישׂראל, מיט „אונרא״־טוערס פון אַמעריקע, פון ייִדן אָפיצירן אין אַמעריקאַנער מיליטער, וואָס אין אָנבליק פון דער די־פּי־מערכה זענען זיי געוואָרן טיפערע, ייִדישערע ייִדן. זי ברענגט עקספּרעסיוו אַרויס פאַקטן און גיט איבער פּאַרלויפּענישן, וואָס צוזאַמען באַקומט זיך אַ בילד פון דעם אָפּשניט — שארית־הפליטה־ייִדן אין די לאַגערן פון דײַטשלאַנד.

מיט אײַנגעהאַלטענער סאַטיספאַקציע פאַרצייכנט זי אירע געזאַנג־אויפטריטן, אירע צונויפטרעפן מיט יחידים און גרופּעס, מיט מענטשן וואָס האָבן דורך איר, דער אַמעריקאַנערין געפרוווט אָפּזוכן קרובים אין אַמעריקע. — — פאַר דער צײַט זענען די מענטשן געקומען אַ ביסל צו זיך. אויך די קינדער זענען במשך די חדשים געוואָרן פרײַער, הײַטערער און פריילעכער. שרײַבט זי אין דעם קאַפּיטל „קירכן־גלאָקן געמישט מיט לידער פון ייִדישע קינדער״:

„אונדזער אויפטריט האָט געדאַרפט זײַן אין סט. אָטיליען. ווי אומעטום, איז אויך דאָ פאַראַן אַ טויער, און בײַ אַט דעם טויער האָבן מיר געהאַט אַ קבלת־פּנים, וואָס וועט זיכער קיין מאָל ניט פאַרגעסן ווערן. די קינדער, וואָס געפינען זיך דאָ, אַ טייל באַפרײַט פון די לאַגערן און אַ טייל אויסגעלייזטע פון גויִישע הענט האָבן אונדז באַגעגנט מיט בלומען אין די הענט. זיי האָבן מאַרשירט מיט אונדז צו זייער הויפּט־קוואַרטיר, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ מאָנאַסטיר. אויפן וועג האָבן זיי געזונגען העברעיִשע לידער. שוין זייער געזאַנג אַליין האָט געקאָנט אָנפילן דאָס האַרץ מיט פרייד, ווען מען האָט אַ טראַכט געטאָן, ווי לאַנג איז עס אין גאַנצן, ווען אַט די

קינדערלעך האָבן געלעבט ווי גויִים אָדער ווי מענטשלעכער אָפּפאַל, און דאָ גייען זיי אָנגעטאָן ריין, און זינגען פריילעך און מונטער" — —

דאָס בוך איז געשריבן מיט געפיל און מיט אויפריכטיקער איבערלעבונג און אַפילו די היפּשע מאָס תּמימות, און די שרײַבערישע אומבאַהאָלפנקייט, גיבן דווקא צו צו דער עכטקייט פון דער באַשרײַבונג, וואָס טראָגט דעם באַדײַטונגספולן, אויסגערופענעם נאָמען — ווי אַן אָפּשפּליטער פון הירש גליקס פּאַרטיזאַנען־ליד — „מיר זײַנען דאָ"!

אהבת־ישׂראל און גלויבן...

רעדע אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור אין ירושלים, אויגוסט 1976

סײַ אויף דעם הײַנטיקן פלענום — סײַ נעכטן, בעת דער פײַערלעכער דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ איז שוין ניט ווייניק גערעדט געוואָרן — און צו מאָל מיט בענקשאַפט און מיט אַפּאָלאָגעטיק — וועגן דעם וואָס ייִדיש און ייִדישע ליטעראַטור איז געווען, וועגן די אויפגאַבעס און וועגן דער שליחות פון ייִדיש אין אונדזער פאָלקישן גאַנג. ווײַל איך מיר דערלויבן צו מאַכן עטלעכע הערות (כאָטש עס וואָלט נייטיק געווען זיך אָפּצושטעלן באַריכותדיקער אויף די אַרויסגעבראַכטע מיינונגען אין די רעפעראַטן פון פּראָפ׳ דב סדן און באַזונדערס פון מרדכי שטריגלער): מיר ווייסן אַלע — און איך וויל עס ניט איבערחזרן — וועגן דער פענאָמענאַלקייט פון דער ייִדישער ליטעראַטור (ס׳איז דער פענאָמען און דער נס פון אונדזער ייִדיש לעבן און ייִדיש שאַפן בכלל). וועלכע ליטעראַטור, בײַ וועלכן פאָלק איז פאַר אַזאַ קורצן צײַטשאַפן אויפגעגאַנגען, ווי ס׳איז אויפגעגאַנגען די ייִדישע ליטעראַטור, אַז פון פּרימיטיוון פאָלקסליד און פאָלקס־מעשׂה איז במשך פון ווייניקער ווי הונדערט יאָר אויסגעוואַקסן אַ גרויסע, אַ ווירקנדיקע ליטע־ראַטור, וואָס איז אומפאַרגלײַכלעך אין איר אַנטוויקלונג לגבי ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער? מיט הונדערט יאָר צוריק איז עס דאָך געווען אַ וואָרט־שאַפונג ערשט אין די וויקעלעך. און מיט אַזאַ וווּנדערלעכן קפיצת־הדרך זענען מיר דערגאַנגען צו גוטן קינסטלערישן אויסדרוק, צו אַ טיפער אידעיִש־קייט, וואָס די ייִדישע שאַפונג האָט ביז אַנומלט געטראָגן אין זיך.

איך וויל נאָך צוגעבן איין וואָרט וואָס שייך ארץ־ישׂראל. בעת מיר, ייִדישע שרײַבערס, געפינען זיך דאָ, ווײַל איך אַז איר זאָלט עס וויסן, כאָטש איך נעם אָן אַז איר ווייסט עס, דהײַנו: אַז ווען נישט די קליינע — אָבער אידעיִשע — גרופּע ייִדישע שרײַבערס פון מיט פערציק און פופציק יאָר צוריק, וועלכע האָבן פאַרבונדן זייער לעבן, זייער גלויבן און זייער שאַפן מיט ארץ־ישׂראל — וואָלטן מיר הײַנט דאָ אין ירושלימער אוניווערסיטעט־זאַל נישט געזעסן, און די קאָנפערענץ וואָלט אין ירושלים נישט געווען.

אַט די קליינע גרופּע האָט דאָ אויפגעבלאָזן דעם פונק, אויפגעהיט די גלאָווניע פון ייִדיש אין דעם שטייניק שווערן מידבר. זיי האָבן אָפּגעפּילט די ייִדישע ליטעראַטור. די גרויסקייט און ווערטיקייט פון ייִדיש. דאָס האָט געהאָלפן פורעמען דעם שטאָלץ און דעם באַגער צו קעמפן אויך דאָ אין ישראל — פאַר איר חשיבות. די ייִדישע ליטעראַטור איז געווען עטיש און ייִדיש־מענטשלעך, פאָלקיש און הומאַניסטיש. סאָציאַל און מקורותדיק.

וואָס איז היינט די ייִדישע ליטעראַטור?

ליידער! — —

און זאָלן מיר מוחל זיין די וואָס טראַכטן אַנדערש. די דיכטערין חוה ראָזענפאַרב, וואָס האָט גערעדט פאַר מיר — האָט גערופן צו פּראַקטישקייט: אַרויסגעבן ביכער, שאַפן צענטראַלע פאַרלאַגן וכדומה. ניין, נישט דאָס איז דאָס וויכטיקסטע און וועזנטלעכע. פאַרלאַגן זענען דאָ און ביכער גיט מען אַרויס די־והותר. עס גייט קודם־כל אין דער שאַפונג גופא. אין דער ליטעראַטור־שאַפונג, אין דעם אייגנטלעכן וועזן, וואָס הייסט ליטעראַטור. ווי אויסטערליש דאָס זאָל ניט זיין, פון איין זייט, גראָד נאָך דער אומקום־דראַמע האָבן ייִדישע דיכטערס, ייִדישע קינסטלערס, ייִדישע שרייבערס ווי אָפּגעפּילט די אויפגאַבעס, באַנומען די שליחות, וואָס זיי דאַרפן דורכפירן פאַרן ייִדישן גאַנג און ייִדישער גורלדיקייט... און מיר האָבן היינט אַ פאַרביקע, אַ פאַר־טיפטע ליטעראַטור. מיר האָבן ייִדישע מחשבה אין דער ליטעראַטור... און דאָך, פון דער צווייטער זייט, ווי טרויעריק עס ווערט, ווען מיר זעען פאַר זיך אין דער ריכטיקער ליכט דעם צושטאַנד אין פּרט פון לייענערשאַפט, דעם דלות אין די זוכעניש נאָך קאָנסומענטן — לאָמיר עס אָנרופן מיט אָט דעם באַנאַלן נאָמען — קאָנסומענטן פון ייִדישער וואָרטשאַפונג. אַ מאָל, און דער אַמאָל איז גאָרניט אַזוי ווייט — כאָטש היינט איז עס ווי אונטער אַ נעפּל, ווי אַ לעגענדע — אַ מאָל האָט אַ ייִדישער מענטש, אַ לייענער אין פּוילן, אין ליטע, אין אַנדערע אייראָפּעיִשע ישובים, זיך ניט געקאָנט פאַרגינען צו קויפן אַ בוך. און די ביכער זענען דורך די ביבליאָטעקן — אין שטעט און שטעטלעך — געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און מ׳האָט זיך געקוויקט מיט אַ בוך. און מ׳האָט פאַרערט דעם שרייבער. היינט, ברוך־השם, קאָנען ייִדן אין דער וועלט — ווען זיי וואָלטן עס נאָר געוואָלט — שוין זיך יאָ

דערלויבן אײַנצושאַפן גאַנצע ביבליאָטעקן. נאָר זיי טוען עס ניט. זיי דאַרפן עס ניט. און ס׳איז אָפט אַ בושת־פּנים ווי אַ ייִדישער שרײַבער דאַרף פּאַר־שפּרייטן, דאַרף פאַרקויפן זײַנס אַ בוך. אָט וועגן דעם דאַרפן מיר זאָרגן: געפינען און געווינען צוריק דעם ייִדישן לייענער.

אַ צווייטע פּראָבלעם. און דאָס איז, דאַכט זיך, די עיקרדיקע פּראָבלעם. דאָס „ציפור־הנפש" פון אונדזער וואָרטשאַפונג, איז דער פאַקט וואָס טראָץ דער קענטיקער צאָל וויכטיקע, טאַלאַנטפולע ייִדישע שרײַבערס וואָס מיר האָבן, און זיי גיבן אַרויס אָפט מאָל גערעכטע ביכער, איז, ווי סתירותדיק דאָס זאָל ניט קלינגען, פאַראַן אַ ירידה אין דער ייִדישער ליטעראַטור. פאַראַן אַ גרויסע ביכער־פּראָדוקציע, אָבער פון דער ביכער־פּראָדוקציע קומט ניט אויף קיין פולבלוטיקע ליטעראַטור, אַזאַ ווי זי איז געווען אַ מאָל. עס גייען אַרויס ביכער: גוטע ביכער, מיטל־מעסיקע ביכער, און אַ סך שלעכטע ביכער, וואָס בײַ אַנדערע, געאָרדנטע באַדינגונגען, וואָלטן זיי ניט אַרויס, ווײַל זיי דאַרפן ניט אַרויס (און זייער פּראָצענט איז אַ גאַנץ גרויסער).

און עס פעלט אונדזער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור דאָס וואָס זי האָט אין די פריִערדיקע יאָרן יאָ פאַרמאָגט, אַזוי אין אַמאָליקן פּוילן, אין רומעניע, אין די גוטע יאָרן אין אַמעריקע: עס פעלט איר די חיותדיקע אידעיִשקייט, דער צילבאַוווסטער אידעיִשער מאָטיוו, וואָס האָט געאָטעמט מיט סאָציאַלן, מיט עטישן, מיט ייִדיש־מענטשלעכן הויך. — —

ניטאָ הײַנט אַזאַ ייִדישע ליטעראַטור. מיר רעדן וועגן דעם צו זיך אַליין. מיר האָבן מורא צו זאָגן דעם אמת. ביכער האָבן מיר, אָבער ניט קיין ליטע־ראַטור. וועגן דעם דאַרפן מיר זיך אָפּגעבן אַ חשבון. וועגן דעם דאַרפן מיר זיך פאַרטראַכטן. פורעמען דאָס ייִדישע וואָרטשאַפונג, דערפירן צו אַ העכע־רער אידעיִשער מדרגה. מיר ווייסן אַלע, אַז ליטעראַטור ווערט געשאַפן פון יחידים. דאַרפן מיר, ווי יחידים, פאַרשטיין, אַז מיר שטייען פאַר אַ געפאַר.

דאָ איז אויפגעטראָטן איינער פון די יונגטלעכע דעלעגאַטן. ס׳האָבן געהאַט חן און פרישקייט זײַנע העזהדיקע באַמערקונגען. קולטור איז דאָך דער ווערטיקער המשך פון אַ פאָלק. ווי זשע ציט מען טאַקע צו אָט די יונגע, אַז זיי זאָלן ניט בלײַבן קיין יחידי־סגולה, מיט די דערגרייכונגען אין די טויזנטער ייִדישע קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אין אַמעריקע, זאָלן זיי

ניט בלײַבן ווי יחידים־„וווּנדער־קינדער", וואָס גיבן זיך אָפּ מיט ייִדיש און מיט דער פאָרשונג פון ייִדיש; נאָר זיי זאָלן טאַקע זײַן די באַנער פאַר אַ נײַעם, פאַרשטאַרקטן אָנהייב פון ייִדיש אין אַמעריקע. עס זאָל ניט זײַן לויט דער טרויעריקער פאָרמולירונג פון אונדזער גרויסן ה. לייוויק: „ייִדיש גייט אַרײַן אין די הויכע פענצטער און גייט אַרויס פון די קעלערשטובן". ווי ציט מען ווידער צוריק ייִדישע מאַסן צו די אינטערעסן פון ייִדיש און ייִדישער קולטור? אין דעם איבער פינף־מיליאָניקן ייִדישן ייִשוב אין אַמעריקע האָט מען דאָך ניט אָפּגעשפּאָרט אַפילו קיין האַלבן מיליאָן, וואָס זאָלן זײַן קאָנסומענטן פון ייִדישער קולטור, וואָס זאָלן קומען אין ייִדישן טעאַטער, וואָס זאָלן קויפן און לייענען אַ ייִדיש בוך.

אַגב, אין כּמעט אַלע ייִדישע תּפוצות, און באַזונדערס אין דעם גרויסן ייִשוב אַמעריקע, האָט מען — פאַר די לעצטע יאָרן — גענומען אָנווענדן אַ משונהדיקע סיסטעם: ייִדיש פאַרלאַנגט מען אין ישׂראל. ביז איך אויס די געלעגנהייט צו זאָגן די געסט און די חשובֿע דעלעגאַטן: מאַכט אײַך ניט אַזוי לײַכט און וואַרפט ניט אַרויף אַלץ אויף מדינת־ישׂראל. אויב איר ווילט — איז ייִדיש צום אַלעם ערשט אַ פּראָדוקט און אַ נייטיקייט פון די תּפוצות, פון די גלות־ייִשובֿים, פאַרלאַנגט קודם־כּל פון זיך, און פאָדערט ניט אַלץ פון ישׂראל. און לייגט ניט אַרויף אַלץ אויף די ייִדישע טוערס און ייִדישע שאַפערס אין דער מדינה. ייִדיש וועט דאָ זײַן שטאַרקער, טיפער און דויערנ־דיקער, אויב איר — לאָמיר זאָגן — אויך איר — וועט זײַן קאָנסטרוקטיוו און מיט מער זאָרג און מער אייפער זיך אָפּגעבן פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור... און בעיקר מיט מער גלויבן. די ייִדישע ליטעראַטור דאַרף אָנגעפילט ווערן מיט ייִדישער קלאָרקייט, מיט צילבאַוווּסטקייט און מיט טיפער ייִדיש־הומאַניסטישער אידעיִשקייט. אַהבֿת־ייִד און אַהבֿת־ישׂראל, אַזוי אין דער ייִדישער צעשפּרייטקייט און אַזוי בײַ אונדז אין מדינת־ישׂראל, כאָטש דער דיכטער און דערציילער אין ישׂראל ווערן באַווירקט — ווי מיר זעען עס אין דער אַרײַנגעלעבטקייט פון די שרײַבער־עולים — מיטן טיפּאַזש און מיט דער סבֿיבֿה פון לאַנד. ס'איז דער כּוח און די קראַפט פון אייגענעם פעלד, פון אייגענעם בוים און וואַסערקוואַל, און ס'איז דער וויטאַלער כּוח פון אייגן לאַנד.

אברהם ליס

צוזאַמען קאָנען מיר פאַרשטאַרקן ייִדיש לשון. צוזאַמען קאָנען מיר באַלעבן פאַרוואָרלאָזטע שטחים. צוזאַמען קאָנען מיר אָנלאָדן מיט נײַע אינהאַלטן און מאָטיוון דאָס ייִדישע וואָרטשאַפונג.

לאָמיר פרווון אָנהייבן פון אָנהייב, מיט אמונה אין די אויפגאַבעס און מיט ווילן און התלהבות אין די טוונגען. לאָמיר צוריק זײַן אַ ביסל נאַיִוו. אַזוי תמימותדיק און גלייביק ווי די ערשטע, די יסוד־לייגערס און בויערס פון אונדזער קולטור און ליטעראַטור זענען עס געווען, און פאַר אונדזער צערוישטער צײַט קאָן עס זײַן, וועט עס זײַן לברכה...

„דער קריטיקער און דער שרייבער"

אין דעם „שמואל ניגער־בוך", וואָס דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט ייִוואָ האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אַרויסגעגעבן, איז צווישן אַנדערע אַרבעטן אויך געדרוקט אַן עסיי פון ה. לייוויק: „דער קריטיקער און דער שרײַבער". וואָלט געווען אַ יושר־גדול, אַז דער דאָזיקער עסיי זאָל ווי אַ סעפּעראַטער אָפּדרוק צעשיקט ווערן צו אַלע ייִדישע שרײַבערס, פּאָעטן און פּראָזאַיִקערס (צו די טאָקע, וואָס זענען שרײַבערס). און מעגלעך אַז פון אָט דער מענטשלעכער און אויפריכטיק וואַרעמער באַשרײַבונג וואָלטן זיי אפשר אַ סך געלערנט. נאָר לאָמיר צו ערשט איבערדערציילן בתּכלית הקיצור אָט דאָס, וואָס עס דערציילט לייוויק וועגן זײַנס אַ באַגעגעניש מיט שמואל ניגערן, וועלכע איז פאָרגעקומען קורץ פאַר זײַן טויט.

זיי האָבן זיך געטראָפן אין רעדאַקציע [אין „טאָג"] און דערנאָך אַרײַן צוזאַמען אין אַ זײַטיקן רעסטאָראַן, „ווו מיר האָבן געקאָנט — שרײַבט לייוויק — זײַן אַליין און שמועסן אָן שטערונג. ניגער איז געווען דעמאָלט באַזונדערס אויפגערעגט און כּמעט ווי נידערגעשלאָגן. דער שמועס האָט זיך אין אָנהייב ניט געקלעפּט. מיר זענען געזעסן איינער קעגן אַנדערן און כּמעט ווי געשטומט... איך [לייוויק] האָב מיך דערפילט אומבאַקוועם. ער האָט עס דערשפּירט און גענומען מיט אַ מאָל אימפּעטיק רעדן מיט אַזאַ אויפגערעגטקייט, וואָס איך האָב זעלטן געטראָפן בײַ אים.

— שטעלט אײַך נאָר פאָר — האָט ער גערעדט — מיט אַ צען טעג צוריק האָב איך אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן אַ בוך פון אונדזערע שרײַבערס, — גראָד פון אונדזערע וויכטיקע שרײַבערס, וואָס איך האַלט פון אים און וואָס זײַנע ווערק באַהאַנדל איך שטענדיק מיט אַ סך אינטערעס... דאָס מאָל איז מײַן אַרטיקל וועגן זײַן נײַ בוך געווען, ווי שטענדיק, געשריבן מיט דרך־ארץ און מיט פולער אָנערקענונג צו אים. מער ניט — איך האָב עטלעכע אויסזעצונגען קעגן געוויסע איבערהזרונגען... אָנגעוויזן האָב איך עס גאַנץ פאָרזיכטיק און מיט

געהעריקער חשיבות אַפּילו בנוגע די שטריכן אין בוך צו וועלכע איך בין געווען קריטיש. באַקום איך פון אים היינט אַ בריוו, וואָס איז ממש אַ קאַשמאַר. איך בין דאָך שוין געוווינט צו אַלערליי אַטאַקע־בריוו פון שרײַבערס; איך האָב, דאַכט זיך, שוין פון לאַנג איינגעשטעלט אין זיך אַן אָפּמאַך מיט זיך אַליין ניט צו לאָזן זיך באַהערשט ווערן פון אַנגריפבריוו, אָבער אַזאַ בריוו ווי היינט האָב איך שוין לאַנג ניט באַקומען. אינעם בריוו באַשולדיקט מיך דער שרײַבער אַז איך בין אויסן געווען דאָס מאָל צו באַגיין איבער אים אַן אָפּגעעם מאָרד...

איך בין געזעסן אַנטקעגן ניגערן — דערציילט לייוויק — געהערט זײַנע רייד, געקוקט אויף זײַנע צוקנדיקע ליפּן, וואָס האָבן באַקומען אַן אויסזען פון פאַרשמאַכטקייט, און כ׳האָב קלאָר, קלערער ווי ווען עס איז דערזען פאַר זיך דעם תּהום, וואָס ליגט צווישן קריטיקער און שרײַבער. וואָרעם אָט זיצט אַ מענטש מיט אַ פּנים פול מיט לײַדן — פאַר וואָס און אין וואָס באַשטייט זײַן שולד? און וואָס איז דאָ בכלל שייך צו ריידן אָדער צו טראַכטן וועגן שולדיקייט?״.

אין דעם אויבן געבראַכטן האָב איך בלויז ציטירט די עיקר־שטעלן פון לייוויקס באַשרײַבונג און אויסגעמיטן די שטימונגספולע און בולטע שילדע־רונג פון ניגערס דערדריקטקייט, דעפּרעסיע און בלוט־צאַפּלעניש, ווי זי שפּירט זיך אַרויס פון דער אַרויסגעבראַכטער באַגעגעניש — —

איך האָב דאָ ניט די כּוונה און דעם ווילן אַרומצורײדן אָדער אַפּילו צו באַרירן די אויפגאַבע, דעם ציל פון קריטיק און די פונקציע פון קריטיקער. וועגן דעם איז דאָך שוין אָנגעשריבן געוואָרן הרים־וגבעות. וואָס? ווידער אַ מאָל די קמחא טחינא, צי די קריטיק דאַרף זײַן אַ דערציִערישע, צי דאַרף זי דינען דעם לייענער? זײַן דער וועגווײַזער פאַר דעם שאַפער? — —

איך וואָלט נאָר געוואָלט מיט עפּעס אויפהייבן די פראַגע וועגן דער באַציִונג פון שרײַבער צום קריטיקער. אַ באַציִונג וואָס איז מסתּמא קיין מאָל ניט געווען — און אפשר אויך בטבע הדברים — קיין מאָל ניט געקאָנט זײַן קיין אידעאַלע, אָבער איז פאַר די לעצטע יאָרן שוין גאָר אַ חרובע.

אַוודאי זענען פאַראַן אַ סך סיבות און גורמים, וועלכע האָבן דערפירט צו אָט דער לאַגע. קודם־כּל אונדזער טרויעריקע, טראַגישע וואָר. מיר האָבן

פֿאַרלאָרן דאָס האַרץ פון וועלט־ייִדנטום. דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, וואָס איז געווען דער טרעגער פון די אַלפֿאָלקישע אידעען און אידעאַלן. ווען ס׳האָט געלעבט דאָס גרויסע ייִדיש־פֿאָלק אין פוילן, אין ליטע, איז אויך געווען אַן אָרגאַניזירטע און שפֿעדיק צאַפּלדיקע ייִדישע ליטעראַטור. דאָ און דעמאָלט האָט דער ליטעראַטור־קריטיקער געהאַט זײַן שטאַנד און פּאָזיציע. און דער עיקר, דאָס סאַמע וויכטיקסטע פון דעם — ווען מיר רעדן וועגן ליטעראַטור, וועגן דער וואָרטשאַפונג, — ער האָט געהאַט, ווי זאָל איך עס זאָגן — ער האָט געהאַט אויף וואָס צו אַרבעטן. ער האָט געהאַט פון וועמען צו פֿאָדערן, און וועמען צו אינסטרויִרן. במילא איז זײַן קריטיק געווען וואָרצל־דיקער און טיפֿער. קריטיק שאַפֿט מען ניט לשם קריטיק. קריטיק שאַפֿט זיך ניט אין קיין פּוסטן חלל, זי קומט ניט אויף קיין באָדן וואָס קאָן זי ניט אויפֿנעמען און אײַנזויגן, ווי אַ פֿעלד אַ ברכה־רעגן, און אויסטראָגן אויך אַ מאָל אַ געוויטער, אַ שטורעם... דאָס ייִדישע לעבן, און אַזוי אויך די ליטע־ראַטור, איז דעמאָלט געווען אָנגעלאָדן מיט נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָ־בלעמען און שטרײַטיקייטן, מיט אויפֿגאַנגען און דורכפֿאַלן. האָט די קריטיק געצילט צו געבן אַ ריכטליניע און באַווירקן, קערעווען דעם דיכטער און דערציילער צו קינסטלערישע הייכן, צו קינסטלערישער און אידעיִשער שלימות.

וואָס איז הײַנט? ס׳איז לײדער אַ טרויעריקער אמת: די ייִדישע ליטע־ראַטור איז הײַנט אויסגעהוילט פון אידעען און גרויס־מענטשלעכע אידעאַלן. ס׳איז בכלל איצט אַ במקום־ליטעראַטור. עס דערשײַנען ביכער — אויך ביכער פון וויכטיקע שרײַבערס — און דאָך איז עס ניט קיין ליטעראַטור נאָר ביכער, ביכער גוטע און מיטל־מעסיקע, ערלעכע און סתמיקע. איז במילא די עובדא פון קריטיקער (אַפילו, פון באַגאַבטסטן) באַשרענקט געוואָרן צו אָפּהאַנד־לונגען און רעצענזיעס. ס׳איז ניט זאַכלעך און ס׳קאָן ווערן לעכערלעך, אַז אַ קריטיקער זאָל פֿאָדערן דאָס וואָס פון דעם איז אין דערווירקלעכקייט קיין שפּור ניטאָ, אַפילו ניט קיין אָנזאָג...

די ייִדישע שאַפונג, וועמענס קערנדיקסטער צענטער איז געווען פוילן, איז אומגעקומען אין בלוט און אין פּײַן. צי האָט עס דען גײַסטיק זיך ניט אָפּגערופֿן אויף די ייִשובים מעבר־לים? צי האָט דען דער אומקום פון מיזרח־

אייראָפּעיִשן שאַפן און דאָס שפּעטערדיקע אומברענגען די יִדישע ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד ניט אַטראָפירט און צעטומלט דעם יִדישן וואָרט־קינסטלער? די יִדישע שאַפונג אין אַלע איבעריקע יישובים?

אָפּט קאָן מען הערן פון שרײַבערס (און גראָד ניט פון די סאַמע זעמל־מעל) דעם אויסרוף — באַגלייט מיט אַזאַ נאָסטאַלגישן קרעכץ — ווו נעמט מען די אַמאָליקע קריטיקערס?.. ווו נעמט מען — בעט זיך ממש, בלית־ברירה, זיי צו ענטפערן אינעם זעלביקן פאַרפלאָכטן נוסח און אין זעלביקן טאָן — ווו נעמט מען אַמאָליקע דיכטערס און דערציילערס, וועלכע האָבן מיט זייער טאַלאַנט, מיט זייער קינסטלערישער און אידעיִשער קרעפטיקייט באַווירקט דעם ליטעראַטור־קריטיקער און אים געגעבן די באַזע פאַר ליטעראַטור־קריטיק, אים סטימולירט צו שאַפערישער קריטיק?

און פּרוווט נאָר, אַדרבא, דעם זעלביקן שרײַבער אָנווײַזן — און בפירוש ערלעך אָנווײַזן, אַ חסרון אין זײַנס אַ שאַפונג, אין זײַנס אַ בוך, אָדער עס זאָל זיך אים דאַכטן אַז איר האָט אים ניט ווי געהעריק מפרש געווען, פאַרשטאַנען... וויפל ביטערן פאַרדראָס און חוזק און ביטול ער טראָגט דאַן אויף דעם קריטיקער? דער ספּעציפיש יִדישלעכער נוסח פון מבטל זײַן קריגט דעמאָלט גאָר וואָזשנע פליגלען...

קאָן מען ניט זאָגן אַז אַזאַ באַציִונג מצד דעם שרײַבער גיט צו באַזונדערע שפּירונג פון ערנסטער פונקציע אין דער נשמה פון קריטיקער. פאַראַן שרײַבערס, דיכטערס און דערציילערס, וואָס זייער כּוח סטײַעט ניט מער ווי אָנצושרײַבן אַ מיטל־מעסיק ליד אָדער דערציילונג און אָפּט מאָל נאָך ווייניקער ווי מיטל־מעסיק, אָבער דווקא די (בײַ זיי אַרבעט אַ זעקסטער חוש, וואָס איז כּולו אָנגעשפּיצט צו וואָס מער פּובליסיטי) פאַרלאַנגען מען זאָל שרײַבן וועגן זיי „פּאַרטיפּטע" אָפּהאַנדלונגען, אויב ניט, קרעכצן זיי נעבעך מיט אַזעלכע „קינסטלערישע" קרעכצן (אויף דעם זענען זיי זעלטענע בריות), אַז וואָס איז דאָ צו ריידן? איז דען אָט דער קריטיקער מסוגל זיי צו פאַרשטיין און באַנעמען? — —

מאַכט מען זיך גאָר אָפּט די זאַך לײַכטער. ס׳איז זיכערער און קוראַנטער; איין דערציילער שרײַבט וועגן אַן אַנדערן. איין דיכטער וועגן בוך פונעם צווייטן. נישקשה, מ׳וועט זיך שוין ווי ס׳איז און ווען ס׳איז אָפּדינען. נאָר

חלילה, דאָס איז נאָר בשעת הדחק. אַוודאי וויל מען אַז אָפּשאַצן און קריטי־קירן זאָלן זייערע ביכער טאַקע די וואָס גילטן פאַר קריטיקערס, די וואָס לייענען און שרײַבן אָפּהאַנדלונגען. נאָר וואָס דען? דאָ פאָדערט זיך, ביט זײַן קיין בטלן, מען דאַרף וויסן ווי אויסצוקומען מיט מענטשן, ווי אויסצוקומען מיט קריטיקערס.

איך וואָלט נאָך געקאָנט היפּש מאריך זײַן וועגן אָט דער טרויעריקער, אומוועדיקער באַציִונג פונעם שרײַבער צום קריטיקער, אַ ווייסטער קאָמ־פּלעקס פון אונדזער הײַנטיקער צײַט. נאָר איינס איז קלאָר, דער קריטיקער האָט אויסגעפירט און פירט אויס, בלי ספק, אַ גאָר וויכטיקע פונקציע און אויפגאַבע אין דער ליטעראַטור־שאַפונג.

אינהאַלט

7 מנחם־מענדל דער צווייטער
20 שלום־עליכמס פעליעטאָנען
24 אַ ביאָגראַפיע פון שלום־עליכם
29 ש. אַנ־סקי
38 אפרים אויערבאַך
45 יעקב גלאַטשטיינס יידישע ווערטן
54 זלמן שזר
58 אליהו ליפינער
64 יהושע ראַפּאָפּאָרט
71 יצחק יאַנאַסאָוויטש
74 יוסף רובינשטיין
83 חוה ראָזענפאַרב און איר שאַפן
88 די דיכטונג פון ראַזאַ נעוואַדאָווסקאַ
94 לייב אָליצקי
104 י. פּאַפּיערניקאָוו
108 י. צ. שאַרגעל
114 בינם העלער
122 רחל קראַמף
127 רבקה באַסמאַן
133 שלמה וואַרזאַגער
140 הלל שאַרגעלס „אַ בוים אין פענצטער"
145 הירש אָשעראָוויטש
165 וועגן זיאַמע טעלעסין און זיין בוך „געוויין פון זכרון"
174 שלמה רויטמאַן
181 משה שקליאַרס לידער
188 דער מאָלער משה בערנשטיין
196 זאָמע בייטלער
203 גדליה גונן
206 שמעון דזשיגאַנס „דער כּוח פון יידישן הומאָר"

מיטן ערשטן לייענען

213 „מיין פּאַטער נחום סאָקאָלאָוו"
215 ב. דעמבלין — „ערב נאַכט"
219 יחיאל האָפער — „אין ווייסער פּאַרפּאַלנקייט"
222 יעקב פרידמאַן — „ליבשאַפט"
225 אַלטער קאַציזנע — „געזאַמלטע שריפטן"
228 חנן איאַלטי — „דער מאַן פון לעמיל"
232 נחמן ראַפּפּ — „וואַנדערשטאָק אין בלי"
236 אַברהם קאַרפּינאָוויטש — „אַ טאָג פון מלחמה"
239 „לאָדזש של מעלה"
241 צבי צעפּליאָוויטשעס „אויסגעטראַכטער אמת"
244 י. פינערס ראָמאַן „צוויי משפחות"
247 הערש מענדל
250 ל. קורלאַנד — „ביי די ברעגן פון כנרת"
253 עמאַ שייוועך — „מיר זיינען דאָ"
258 אהבת־ישׂראל און גלויבן...
263 „דער קריטיקער און דער שרייבער"

פון זעלביקן מחבר

היים און דויער, וועגן שרײַבער און ווערק.
תל־אביב, פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ, 1960, 333 זז׳.

אין זכות פון וואָרט, עסייען און שמועסן.
תל־אביב, פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ, 1969, 331 זז׳.

Abraham Lis
In Der Mehitse Fun Shafer

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv

©

Printed in Israel, 1978

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רחוב לבנדה 36, ת״א